STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10621

# DRAMATISHE SHRIFTEN

Sholem Asch

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# דראַמאַטישע שריפטען

פון

## שלום אַש

באַנד IV

אַרויסגעגעבען פון שלום אַש קאָמיטע
ווילנא — ניו־יאָרק ——— 1922

817
(Drama)

איבערדרוקען איבערזעטצען און
אויפפיהרען אהן דער ער־
לויבניש פון מחבר פארבאטען
Copyright by
Sholom Asch
1922

דרוקעריי „ווילנער פארלאג“ פון ב. א. קלעצקין, ווילנע, קליין סטעפן־גאס 23.

4700

# אינהאַלט:

1. די יורשים
2. מיטן שטראָם
3. דער זינדיגער
4. אום ווינטער
5. מאַראַנען

Temple Ner Tamid

שלום אַש.

# די יורשים

אַ דראַמע אין פיר אַקטען

# פערזאנען:

**ה׳ מייזנער**, אין די פופציגער יאָהרען.

**מאַדאַם רעבעקאַ מייזנער**, זיין פרוי. עטוואַס יונגער פון מאַן.

**לעאָן**, זייער זוהן, אין די דרייסיגער יאָהרען.

**יוסטינאַ**, זייער טאָכטער. א מיידעל פון 20 יאָהר.

**ר׳ שמואל מייזנער**, ה׳ מייזנערס פֿאָטער. אַן אלטער יוד פון 80 יאָהר.

**די הראַביניע דאָבראָווסקאַ**, א פֿאָרנעמע פרוי אין די זעכציגער יאָהרען.

**מיכאל דאָבראָווסקי**, איהר זוהן, אין די דרייסיגער יאָהרען.

**קאַרלינאַ דאָבראָווסקאַ**, איהר טאָכטער. עטוואַס עלטער פון ברודער.

**די אַם** יוסטינאַ׳ס. אין די זעכציגער יאָהרען.

**יאַן**, א דינער ביי ה׳ מייזנער.

אלע פיר אקטען—ביי ה׳ מייזנער אין הויז.

צייט: געגענווארט.

# ערשטער אַקט.

אין דעם סאלאָן.
אַ רייך מעבלירט צימער.

ה׳ מ י י ז נ ע ר

רופט אריין די פרוי דורך דער טיר

רעבעקא, רעבעקא!

מ׳ מ י י ז נ ע ר

קומט אריין עלעגאנט אָנגעטאָן.

האָסט מיך גערופען?

ה׳ מ י י ז נ ע ר.

יאָ, — איך האָב עפּיס מיט דיר צו רעדען. ער מאכט די טיר צו נאָך איהר. דער ראַביע האָט אָנגעקלונגען, ער קומט באַלד אַריין אַהער.

מ׳ מ י י ז נ ע ר.

אַליין? פּויזע.

ה׳ מ י י ז נ ע ר

באַכדענקענדיג.

ווייסטו, וועמען געהערט דער וויזיט?

מ׳ מ י י ז נ ע ר.

נו, און וואָס קלערסטו?

ה׳ מ י י ז נ ע ר.

וואו איז דאָס קינד?

מ׳ מ י י ז נ ע ר.

איז ביי זיך אין צימער. זי איז זעהר אויפגערעגט, זי געהט אַרום, צייט דער ראַביע איז געקומען, ווי אויף אַן אַנדער וועלט; זי זעהט בלייך אויס. דאָס קינד ליידט, בערנאַרד.

ה׳ מ י י ז נ ע ר

בעריהרט.

מיין אָרים קינד! — דאָס האַרץ שניידט מיר... ער שיקט איהר אריין קושען דורך דער טיר. אַלץ וועל איך טון פאַר דיר, אַלץ.

**מ׳ מייזנער.**

וואָס מיינסטו, איז דער הראַביע אַ שידוך פאַר אונזער קינד?

**ה׳ מייזנער**

קוקט זיך אום, אויב קיינער הערט נישט.

איך וועל דיר זאָגען מיט אַן אמת, מיין פריינד, אַז צופרידען זיין פון שדוך בין איך נישט. ערשטענס, שטעהען זייערע מאַיאָנטקעס נישט גוט! טאַקע דער זוהן איז אַ סטאַטיק, נאָר דער פאָטער, דער געשטאָרבענער הראַביע—דאָס געלד ביי יודען איבערגעלאָזט. און איך וויל זיך נישט שטופען, מיין פרינציפ איז שטענדיג געווען: סקראָמנע, איינפאַך, מען זאָל נישט הערען פון דיר, מען זאָל נישט זעהן. דאָס איז געווען די אורזאַך פון אונזער ערפאָלג. און צווייטענס, וועל איך דיר זאָגען מיט אַן אמת: איך בין טאַקע אַ פריידענקער, און אַלע מענשען זענען ביי מיר גלייך, נאָר איך קעהר צו מיין ראַסע, און מיין יודיש האַרץ לאָזט מיך נישט, אַז מיין קינד זאָל אָננעמען אַן אַנדערן גלויבען. טראַדיציע איז אַ גרויסע זאַך, מאַמאַ, און מיין קינד איז נישט אין אַזעלכע אומשטענדען, אַז זי זאָל זיך דאַרפען שמד׳ן. און דריטענס דער פאָטער מיינער, ער וועט עס, חלילה, נישט איבערטראָגען. נאָר, מאַמאַ, איך קען נישט אַנדערש. אַז דאָס קינד האָט זיך פערליעבט, קען איך נישט אַנדערש. איך וועל זיך נישט אַוועקשטעלען אויף דעם וועג פון מיין טאָכטער, איך וועל איהר יונג האַרץ נישט צעברעכען צוליעב דער רעליגיאָן. איך בין צו שוואַך דערצו.

**מ׳ מייזנער**

אין טרערען.

אַלץ, וואָס דו האָסט געזאָגט, איז הייליגער אמת. האָסט מיר אַרויס־גערעדט די ווערטער פון האַרץ. אַז איך דערזעה, ווי דאָס קינד ציהט דאָרט אַהין, מיט וואָס פאַר אַ בעגייסטערונג זי רעדט, אַז זי קומט פון דאָרט, קען איך נישט אַנדערש. וויינט. איך קען מיין טאָכטער, אַז קוים האָט זי זיך פערליעבט, וועט זי מיט׳ן טויט בע־צאָהלען, אַז מיר וועלען איהר שטערען. פאַלט אויפ׳ן האַלז פון איהר מאַן... ווי איהר מוטער...

ה׳ מייזנער
בערוהיגט זי.
נו, נו, מיין פריינד. לאכט. אַך, דו אַלט ווייב, דיר ליגט נאָך אין זין אַזעלכע זאַכען! דו דאַרפסט דאָך שוין באַלד אַ באָבע ווערען.

מ׳ מייזנער
שמייכעלט.
עס האָט זיך מיר דערמאַנט, ווען איך האָב זיך איז דיר פערליעבט.

ה׳ מייזנער.
נו, נו, מיר אַלטע זענען שוין אונזער וועלטעל אָבגעפאָהרען, יעצט איז געקומען די צייט פאַר די יונגע, פאַר אונזער קינד, מאַמאַ, ער קושט איהר אין שטערן. נו, מאַמאַ, נישט קיין גרויסע זאַכען! קיינע פאַראַדען, קיינע עקסטראַוואַגאַנסען. ער וועט קומען, וועסטו איהם בעטען צו טיש. וועט ער וועלען בלייבען, איז גוט, אַז נישט—נישט. שטיל, איינפאַך, ווי מיר זענען עס געוועהנט אין אונזער גוטער היים. —

די מאַדאַם.
אַפילו די בעסטע גויים קוקען אויפ׳ן יודען מיט חשד. זאָל ער נישט מיינען, אַז מיר וועלען איהם אימפּאָנירען מיט געלד.

ה׳ מייזנער.
האָסט רעכט. זיי מעגען, אַז זיי ווילען זיך אין פערל אין בריליאַנטען אויספּוצען, וועט קיינער נישט זאָגען אויף זיי, אַז זיי ווייזען זיך מיט רייכטום — דאָס איז אַ פּריווילעגיע פאַר שלאַכטשיצעס. מיר טאָרען נישט. מיר מוזען זיין סקראָמנע, איינפאַך, נישט אויפ־פאַלענד, ווי עס פּאַסט פאַר פּשוטע מענשען. נאָר מיין קינד נישט צו פיעל פּאַלען ביי זיך. איך האָב עס נישט ליעב. זאָלען זיי יאָ מיינען, זאָלען זיי נישט מיינען, מיר לעבען פאַר אונז. — יאָ—פויזע, קרעכצט. וואו איז יעצט לעאָן? מיט ועמען זאָל איך זיך מישב זיין?

די מאַדאַם קרעכצט ביטער אָב.

ה׳ מייזנער.
ניין, מאַמאַ, פון אונזער עלטסטען זוהן האָבען מיר קיין נחת נישט געהאַט. איך האָב געמיינט, אַז אונזער איינציגער זוהן וועט ווייטער

פיהרען מיינע געשעפטען, איבערנעמען די פירמע און מיין עהר-ליכען נאָמען, וואָס איך האָב מיר ערוואָרבען מיט מיין פראַצע.— איז געקומען די אומרוהיגע צייט און האָט פון דיר דיין קינד לע-בעדיגערהייד אַוועקגערויבט.

מ׳ מייזנער.

רייס נישט אויף די וואונד, בערנאַרד!

ה׳ מייזנער

בערוהיגט זי.

דאָס וואָלט נאָך נישט געשאַדט. אין די אומרוהיגע צייט האָט זיך מיט אַנדערע נאָך געטראָפען ערגערע זאַכען. אַנדערע זענען אומ׳ס לעבען געקומען. אָבער שוין אַדורך די אומרוהיגע צייט—אַנדערע זענען דאָך שוין טאַקע מיושב געוואָרען, צום געשעפט געקומען— אַ שקאָלע געענדיגט. און דאָס שלעפט זיך נאָך אַרום—גאָט ווייסט מיט וועמען—וואָס איז? דו ביסט אַ פרייער מענש, איז על כן? איך בין אויך אַ ליבעראַל, און אַלע מענשען זענען ביי מיר גלייך, און רעליגיאָן שפּיעלט ביי מיר קיין ראָלע נישט, וועל איך זיך דערפאַר אָבזאָגען פון מיינע געשעפטען און מיין לעבען איינשטע-לען אין אַזאַ שווערע צייט?

מ׳ מייזנער.

בערנאַרד, האָט רחמנות אויף מיר!—

ה׳ מייזנער.

נאָר דאָס קינד היט מיר אָב, מאַמאַ! דאָס קינד... ער ווייזט אויף די טיר, וואו די טאָכטער איז. — מיין פייגעלע, וואָס מיר האָבען זיך ער-האַלטען אין אונזער נעסט. מיט אומרוה. דאָס האַרץ שרעקט מיר פאַר איהר, אַז זי זאָל ניט, חלילה, געהן אין זיינע וועגען. אַלץ יאָ, נאָר ניט דאָס. דאָס קינד היט מיר אָב, זי זאָל פון איהר ברודער גאָרנישט וויסען.

מ׳ מייזנער.

ניין, בערנאַרד, דאָס קינד איז גאָר פערנומען מיט אַנדערע זאַכען. זי איז פערליעבט אין דעם הויז פון דער אַלטע הראַבינע. די הראַ-בינע האָט אויף איהר אַ גרויסען איינפלוס.

ה׳ מייזנער.

אַלץ—אַבי נישט דאָס, וואָס מיט איהר ברודער. דערמאָנט נישט זיין נאָמען אין מיין הויז, און וועט זי דיך פרעגען אויף איהם, זאָג איהר, ווי איך, ער איז אַוועקגעפאָהרען, — ער שטודירט אין ענגלאַנד — אין אַמעריקע. פעשוויגען זאָל ער ווערען, אין דעם הויז, ווי אַ טויטער.

מ׳ מייזנער.

וואָס רעדסטו, בערגאַרד!

ה׳ מייזנער

שטרענג אין דער שטיל.

ער איז מיט אונז אין איין שטאָדט, זי קען איהם טרעפען אויף דער גאַס. ער קען האָבען אויף איהר אַן איינפלוס. דאָס איז אָנ-שטעקענד, מאַמאַ.—אַלץ, אַבי נישט דאָס. פערשוויגען זאָל ער ווערען. בעהאַלט איהם פאַר׳ן קינד! ער געהט צו צו דער טיר. טייבעלע דו מיינס! — מיין קליין, ריין קינד! ער קלאַפט אָן אין דער טיר. יוסטינאַ, יוסטינאַ, קום נאָר אַרויס! צו דער פרוי. איך וויל איבעררעדען מ׳ט׳ן קינד.

מ׳ מייזנער.

אָבער, פאַפאַ, פאַרזיכטיג! פאָרזיכטיג וועסטו מיט דעם קינד רעדען. איך האָב מורא, אַז דו זאַלסט איהר קיין לייד נישט אָנטון.

ה׳ מייזנער.

פערלאָז דיך אויף מיר, איך בין אַ פאָטער

יוסטינע.

אַ יונג צוואַנציג-יעהריג מיידעל, זעהר איינפאַך אָנגעטאָן. שען.

פאַפאַ, האָסט מיך גערופען

ה׳ מייזנער

יאָ, מיין קינד, ווי געהט עס דיר? קושט איהר אויפ׳ן שטערן. וואָס מאַכסטו? מיט רחמנות. פאַרוואָס ביסטו אַזוי בלייך, מיין קינד? ווייסט, ווער עס דאַרף היינט אַריינקומען צו אונז? — אַ שענער גאַסט, אַ גוטער גאַסט, יוסטינקלע, עס וועט דיך פרעהען.

יוסטינע
פערשעמט.

ווער דאָס, פּאַפּאַ? מאַכסט מיך נייגעריג.

ה׳ מײזנער.

דאַרפסט זיין נייגעריג... אַ, איך וועל נישט זאָגען. טרעף, קינד גו, פּרוב טרעפען, עס אינטערעסירט דיך זעהר.

יוסטינאַ
פערשעמט.

פּאַפּאַ מאַכט מיך זעהר נייגעריג. איך קען ניט וויסען, ווער אַזעלכער.

מ׳ מײזנער.

ו, ציה שוין נישט דעם קינד די נשמה אַרויס. דער הראַביע, פאַן מיכאַל, דאַרף באַלד אַריינקומען צו אונז.

יוסטינאַ
פערוואונדערט, מיט בעהאַלטענער פרייד.

האָט ער זיין וויזיט אָנגעזאָגט?

מ׳ מײזנער.

יאָ, טאָכטער, ער האָט אָנגעקלונגען, ער וויל דאָ אַריינקומען צו מיטאָג־צייט. פּאַפּאַ האָט איהם צו מיטאָג איינגעלאַדען.

יוסטינאַ.

האָט ער צוגעזאָגט צו בלייבען אויף מיטאָג

מ׳ מײזנער.

ער ווייסט נאָך נישט, ער וועט זעהן.

ה׳ מײזנער

ליעבע טאָכטער, איך וויל מיט דיר ערנסט רעדען. מאַמאַ האָט מיר דערצעהלט וועגען די בעציהונגען צווישען דיר מיט׳ן הראַביע, און אָהן דער מאַמאַ ווייס איך אויך. אַ שלעכטער פאָטער וואָלט איך געווען, ווען איך וואָלט דאָס נישט אַליין בעמערקט.

יוסטינאַ

פערשעמט.

אָבער עס איז דאָך גאָר נישט אַזוי, פּאַפּאַ.

ה׳ מייזנער.

פאַר מיר, טאָכטער, האָסטו דיך נישט וואָס צו בעהאַלטען. איך ווייס, טאָכטער, ווי די זאַך שטעהט.

יוסטינאַ

ווערט רויט.

אָבער, פּאַפּאַ...

ה׳ מייזנער.

קינד, פערלאָז דיך אויף מיר, איך ווייס, וואָס איך רעד, און ווייס אויך, צו וואָס ער איז אַוועקגעפאָהרען און נאָך וואָס ער איז יעצט געקומען. פערלאָז דיך אויף מיר.—אָבער האָסטו, קינד, איבערגעקלערט? דו געהסט טון זעהר אַן ערנסטן שריט, — ווייסטו די שוועריגקייטען, וואָס שטעהען אייך אויפ׳ן וועג?... איך וויל דיך נישט צורעדען, איך וויל דיר נישט לעגען קיין שטיינער אויפ׳ן האַרץ,—אין אַזעלכע זאַכען זאָל מען זיך נישט אַריינמישען; און איך האָב בעשטימט ביי מיר, אַז מיין קינדס האַרץ זאָל איך נישט צעברעכען. פון מיין זייט זאָלט איר קיין מניעה נישט טרעפען.

יוסטינאַ

קוקט איהם אַן פערוואונדערט און מיט דאנקבארקייט. זוכט איהם די האנד צו קושען.

ה׳ מייזנער.

נישט דערפאַר, וואָס איך בין גלייכגילטיק צו מיין רעליגיאָן, צו מיין אָבשטאַם, ניין. נאַר איך האָב מיר געזאָגט, אַז דאָרט וואו עס האַנדעלט זיך אום ליעבע, אום יונגע קינדער, אום מיין קינדס האַרץ, איז די ליעבע שטאַרקער פאַר דער רעליגיאָן. פערפאַלען — איך וועל מיך אייך אויפ׳ן וועג נישט שטעלען. אָבער, טייער קינד, איך האָב ליעב, אַז איך געה טון אַ געשעפט, צו זיין דעריבער אין קלאָרען. ביסטו זיכער, אַז איהר וועט פון דער צווייטער זייט אויך טרעפען אַזאַ טאָלעראַנץ, ווי פון דער זייט? ביסטו זיכער, מיין קינד, אַז דו וועסט נישט האָבען קיין צער?...

מיט בעגייסטערונג.

פאַפאַ, איך בעט דיך, איבער דער הראַביניע זאָלסטו נישט רעדען די הראַביניע איז מיר אַ מוטער.

ה׳ מייזנער.

איך ווייס, מיין קינד, אַז מען האָט דיך דאָרט זעהר גערן, אַז זי נעמט דיך מיט אין די אַנשטאַלטען, וואָס זי האָט געגרינדעט — קריגסט פון מיר געלד אַרויס אויף די צוועקען — דאָס איז זעהר שען. אַדרבא, איך בין צופרידען דערפון, וואָס דו גיסט דיך אָב מיט אַזעלכע זאַכען. אָבער קינד, איך האָב ליעב, אַז איך געה טון אַ געשעפט, אויסצורעכענען פריהער אַלע עווענטואַליטעטען. קינד, צווישען אונז און דער הראַביניע איז אַ גרויסער סאָציאַלער אונטערשייד. זיי זענען פון אַן אַלטען פוילישען אַדעלשטאַם, און מיר זענען יודען.

יוסטינאַ.

איך ווייס נישט, פון וואָס פאַר אַ שטאַם איך קום אַרויס, און פון וואָס פאַר אַ שטאַם זיי קומען אַרויס. איך ווייס נאַר—די הראַביניע איז אַ גוטע קריסטין.

ה׳ מייזנער.

דערמיט איז נאָך גאָרנישט געזאָגט, טאָכטער.

יוסטינאַ.

דערמיט איז אַלץ געזאָגט, פאַפאַ.

מ׳ מייזנער.

אָבער לאָז דאָך דאָס קינד אָב! צו וואָס ברענגען אַזעלכע געשפּרעכען?

ה׳ מייזנער.

מאַמאַ, איך האָב ליעב אַלץ אין קלאָרען צו זעהן. קלאָרע סיטואַציאָן — דאָס איז געווען דער ערפאָלג פון מיין געשעפט. קיינע איבעראַשונג

יוסטינאַ.

אָבער איך גלויב, פאַפאַ, אונזער געשפּרעך איז נאָך צו פריה.

יעדענפאַלס האַלט עס נאָך נישט דערביי. און ווען עס וועט קומען דערצו, פערטרוי איך מיך אויף דאָס גוטע קריסטען-האַרץ פון דער הראַביניע און אויף דער לעהרע, וואָס זי האָט מיר געגעבען. דאָס איז מיר גענוג. דערפאַר בין איך איהר שוין דאַנקבאַר. זי געהט אָב צו זיך אין צימער.

ה׳ מייזנער

ברומט אונטער פאַר זיך.

דאָס גוטע קריסטען-האַרץ, דאָס גוטע קריסטען-האַרץ... נא, מיר וועלען זעהן. יעדענפאַלס דאַרף דער הראַביע באַלד קומען. יאָ— ער קלינגט, עס ווייזט זיך דער דינער—האָט מען שוין געבראַכט דאָס מיטאָג פאַר'ן אַלטען הער פון יודישען רעסטאָראַן?

יאַן.

יאָ!

ה׳ מייזנער.

דעם אַלטען הער ועסטו היינט ביי זיך אין צימער דעקען. איבע-ריגענס, בעט אַהער דעם אַלטען הער. צו דער מאדאם. איך שעם זיך נישט מיט'ן פאָטער פאַר'ן הראַביע, נאָר איך רעכען, עס וועט נאָך צייט זיין צו בעקענען איהם מיט אונזער פאַמיליע. ווי מיינסטו, מאַמאַ?

מ׳ מייזנער.

איך רעכען, דו האָסט רעכט. צו וואָס איהם באַלד אַזוי היימיש מאַכען מיט אונזער פאַמיליע? ער וועט נאָך צייט האָבען זיך צו בעקענען מיט'ן פּאַפּאַ, ווען מיר וועלען וויסען מעהר קאָנקרעטעס, ווי די זאַך האַלט. איבעריגענס, וואָלט עס אויך דעם פאַפּאַ זעהר אונאָנגענעם געווען צו זיצען מיט גויים ביי איין טיש. ער איז דאָך נאָך אַזוי פאַנאַטיש.

עס קומט אריין ברייז-בראָהער יוד.

ר׳ שמואל.

האָסט מיך גערופען, בעריש? גוט מאָרגען.

ה׳ מייזנער.

יאָ, טאַטע. גוט מאָרגען. וואָס מאַכט דער פאָטער?

ר׳ שמואל.

איך דאַנק דיר. מיט גאָטס הילף. נאָר די אַלטע ניאַניע, וואָס שלאָפט דאָרט אין צווייטען צימער, שטערט מיר. אַ גאַנצע נאַכט מאָדליעט זי זיך דאָרט פאַר איהר צלם. איך קען נישט פערנעמען איהר זינגען, בשעת איך דאַווען. טראָג מיר איבער מיין צימער.

ה׳ מייזנער

שמייכעלט.

אַ, פאַפאַ, זי מאַכט דעם פאָטער קאָנקורענץ. דער טאַטע דאַווענט דאָך אויך גאַנצענע טעג. עס איז נישט קיין אונטערשייד, עס געהט אַלץ צו איין גאָט.

ר׳ שמואל

ווערט טרויעריג.

איך האָב נישט ליעב, ען דו רעדסט אַזוי. מעגסט דיר זיין, ווער דו ווילסט, מעגסט אַ סך יעלד האָבען, נאָר יעגען גאָט אַזוי רעדען טאָר מען נישט. איך וויל עס נישט הערען.

ה׳ מייזנער

בעט איבער דעם פאָטער.

נאַ, נאַ, בערוהיג זיך, טאַטע. איך האָב נישט געוואוסט, דער טאַטע וועט עס אַזוי ערנסט נעמען. איך האָב נישט, חלילה, געמיינט קעגען גאָט שלעכטס צו רעדען. איבעריגענס, זענען מיר אַלע מענשען, און מיר בעטען אַלע צו איין גאָט, סיי דער יוד, סיי דער קריסט, פאַפאַ.

ר׳ שמואל.

צו דעם האָסטו מיך גערופען, אויסצוהערען דיינע חכמות? איך האָב דיר איינמאָל געזאָגט, אַז איך וועל זיך נישט מישען אין דיינע געשעפטען. איך וויל נישט וויסען, וואָס דו קלערסט, די פאָר יאָהר, וואָס מיר איז נאָך אויסגעקומען צו לעבען. צו וואָס דאַרפסטו מיר דאָס זאָגען?

ה׳ מייזנער.

אָבער, פאַפאַ, איך מיין דאָך גאָרנישט קיין שלעכטס. איך האָב דאָך, חלילה, נישט געמיינט דעם פאָטער צו קרענקען.—נו, לאָמיר

אויפהערען. איך האָב דעם פּאַפּאַ גערופען, — ווערסטו עפּיס קעגען דעם האָבען, אַז דו זאָלסט היינט עסען בּיי דיר אין צימער? מיר האָבען קריסטען צו טיש. האָסט דאָך נישט ליעב צו זיצען מיט קריסטען און עסען בּיי איין טיש.

ר׳ שמואל.

ביין, ביין, האָסט רעכט. גוט, גוט. וויל אָב.

ה׳ מייזנער

ערנסט.

טאַטע, זעהר אַן ערנסטע זאַך שטעהט פאַר אונזער קינד, אונזער גאַנץ הויז. עס איז נאָך צו פריה צו רעדען דערפון, נאָר מיר זענען נישט בּיי זיך אין די הענד, — ווי גאָט וועט וועלען. בּעט, טאַטע, צו גאָט, ער זאָל אונז פיהרען אין ריכטיגען וועג. מיר שטעהען פאַר אַ גרויסער, ערנסטער זאַך. נאָר גלויב מיר, טאַטע, אַז גאָט איז איינער אויף דער גאַנצער וועלט, און אַלע דינען צו איהם, אַלע מענשען, סיי יודען, סיי קריסטען.

ר׳ שמואל.

און צו דעם האָסט דו מיך גערופען? איך ווייס, דו בּיסט קלוג, זעהר קלוג, נאָר איך זאָג דיר, מיין קינד, אַז מיט דיין חכמה ווערסטו קעגען גאָט גאָרנישט מאַכען. מיט חכמה אָהן גאָט ווערסטו אין די הערצער פון דיינע קינדער גאָרנישט איינפלאַנצען. געהט אָב.

מ׳ מייזנער.

אונזער ליעבּער פאָטער! איך האָב מורא, ווערסט נאָך פיעל צרות האָבּ ן פאַר דעם שריט

ה׳ מיי . ער.

די אַלטע וועלט איז געווען זעהר פאַנאַטיש, מאַמאַ. עס וועט איהם זעהר וועה טון, נאָר מיר קענען נישט אַנדערש. מיר קענען נישט אָבּשטעלען די ציוויליזאַציע דערפאַר, ווייל די אַלטע געפעלט זי נישט. און דאָס, וואָס מענשען דערנעהנטערן זיך איינס צום צווייטען, דאָס איז ציוויליזאַציע, מיין פריינד. גלייכער, אַז די אַלטע זאָלען ליידען, איידער די יונגע. זיי האָבּען שוין זייער וועלט אָבּגעלעבּט. — די יונגע הויבּען ערשט אָן...

17

מען קלינגט אין טיר.

ה׳ מייזנער

קוקט אויפ׳ן זייגער.

דאָס איז דער הראַביע. נו, מאַמאַ, קיינע רעווערענסען,—איינפאַך, סקראָמנע, אָהן גרויסער בעגייסטערונג, אַזוי ווי געוועהנליך. זעץ דיך אין שטול. מ׳ מייזנער זעצט זיך אין פאָטער-שטול, נעמט איהר שטיק-קישענדיל. דער דינער מעלדעט: דער הראַביע דאָבראָווסקי! אַך, מיר בעטען ער געהט איהם אנטקעגען. וויטאַם פאַנאַ!

הראַביע דאָבראָווסקי.

איז א הויכער דרייסיג-יעהריגער הער, אָנגעטאָן איינפאַך, נאָר אין א פיינעם שניט, ענגליש געשוירענע וואַנצעלעך. גריסט זיך, געהט צו צו דער מאַדאַם, קושט איהר די האַנד.

ה׳ מייזנער.

אַך, ווילקאָמען. וואָס מאַכט איהר? אַזוי לאַנג אייך נישט געזעהן וואו זענט איהר געוועזען? און וואָס מאַכט די הראַביניע איז געזונט?

דער הראַביע

שמייכעלט צו איהם.

איך דאַנק. די מאַמאַ פיהלט זיך גוט. צו דער מאַדאַם. זי לאָזט די פאַני גריסען און נאָכפרעגען זיך אויפ׳ן געזונט. צו ה׳ מייזנער. און דעם פאַן דאַנקען פאַר די קויהלען, וואָס ער האָט אַריינגעשיקט אין דער קינדערהיים.

ה׳ מייזנער

נישט מיר קומט דער דאַנק, נאָר מיין יוסטינקען. אַ ביטרע מיידעל— ווייסט, ווי דעם פאָטער אָנצוקריגען.

מ׳ מייזנער.

איך בין זעהר געריהרט. גריסט אייער מוטער און דאַנקט איהר אין מיין נאָמען. און יעצט—צו אייך, פאַן מיכאל. ביטע, קומט דאָ אַהער נעהנטער. ער זעצט זיך נעהנטער נעבען איהר. וואו זענט איהר דאָס געוועזען אַזוי לאַנג? מיר האָבען געבענקט נאָך אייך. דעם גאַנצען קאַרנעוואַל נישט געזעהן, אַדורכגעלאָזט די בעסטע צייט. יונגע מענשען טאָרען נישט אַזוי טון, טאָרען נישט פערלירען—עס איז 

אײַער צײַט. מיר, אַלטע, זענען שוין אונזערס אָבגעפאָהרען...
ווען זענט איהר געקומען?

מיכאל.

געכטען. די פאַני איז זעהר לעבענסווירדיג. ער קושט איהר די האַנד. געזעסען אין דאָרף, פיעל צו טון געהאַט מיט די פויערים, מיט'ן עקאָנאָם. איבעריגענס, אַ הערליכע יאַגד געהאַט — פיעל געווילד, האָזען אָהן אַ שיעור. — יאָ, איך האָב אָנגעריהרט אָן אייערע גרעניצען, פאַני מייזנער. איך בין אַריין אין אייער וואַלד. איהר האָט דאָרט געטרייע מענשען זיצען. די גאַיאָוועס האָבען מיך געכאַפּט — נישט דערקענט — געוואָלט מיך פיהרען צום עקאָנאָם פאַר געריכט אין אַ פרעמד געביט.

ה' מייזנער
לאַכט.

דאָס איז גוט. וואָס האָט איהר געמאַכט?

מיכאל.

איך האָב זיי אַ משכון געגעבען, און איך בין יעצט געקומען פון אייך דעם משכון אויסלייזען

מ' מייזנער
מיט פריינדליכקייט,

אָבער איהר וועט טייער דאַרפען בעצאָהלען פאַר דעם משכון.

מיכאל.

פון אײַערע הענד — אַל דאָס געלד. קושט איהר די האַנד. צו ה' מייזנער. אָבער, מיט אַן אמת, איהר האָט זיצען אין אײַער מילבאָוויק געטרייע מענשען. בין געווען אויף די פאָלוואַרקעס — וואָס פאַר אַן אָרדענונג! די בהמות זיינען דיק, די קיה גיבען מיט צוועלף טעפּ מילך מעהר ווי פאַר-אַ-יאָהרען, שטענדיג שטרוי דאָ. איך האָב ביי זיי שטרוי געקויפט. דער עקאָנאָם — אַ קלוגער מענש. איך האָב מיך מיט איהם מישב געווען, וואָס ביי מיר צו זעצען אויף די פעלדער.

ה' מייזנער.

יאָ, אויף די מענשען האָב איך מיך נישט צו קלאָגען.

מ׳ מייזנער.

איהר וועט שפּעטער רעדען פון אייערע געשעפטען. לאָז מיך אַבּי-סעל אָנפרעהען זיך מיט׳ן פּאַן. גאָט, אויסגעוואַרט זיך! — יאָ, איהר בלייבּט דאָך בּיי אונז צו מיטאָג?

דער הראַבּיע

די מאַדאַם איז זעהר ליעבענסווירדיג. איך דאַנק אייך זעהר. קושט איהר די האַנד. אָבער ווירקליך, עס וועט זעהר שווער זיין. די מאַמאַ וואַרט אין דערהיים — איך האָב איהר צוגעזאָגט.

מ׳ מייזנער

אַז די מאַמאַ וואַרט — איז אַן אַנדער זאַך. די מאַמאַ האָט מעהר רעכט, ווי אַלע אַנדערע. איך פערשטעה דאָס גאַנץ גוט. נאָר טאָ-מער וועט אייך די מאַמאַ אָבגעבען אויף אַ מיטאָג — געהער עס אונז. גאָט, אַזוי לאַנג אייך נישט געזעהן! — איבעריגענס וועט יוס-טינא נישט אָבלאָזען. יאָ, וואו איז דאָס קינד? זי קלינגט. עס קומט אריין יאַן. יאַן, רוף אַריין די פּאַניענקע!

ה׳ מייזנער.

איך גלויב, דאָס וואָס ער וועט אונז אָבזאָגען, מאַמאַ, — יוסטינען וועט ער נישט אָבזאָגען. מיר זענען שוין צו אַלט, פרוי. די יוגענד, די יוגענד! עס קומט אריין יוסטינא. ווערט זעהר בלייך, דערזעהענדיג מיכאל׳ן. זעה, וואָס פאַר אַ גאַסט מיר האָבען

יוסטינא

זעהר פראַסט, געריהרט.

אַך, פּאַן מיכאַל! ווי גוט איז, וואָס איהר זענט געקומען. מיכאל גריסט זיך מיט איהר, אויך זעהר געריהרט.

ה׳ מייזנער.

וואָס קומט אָבער אַרויס? — דער הראַבּיע וויל נישט איבערבלייבען צו מיטאָג בּיי אונז. בּעט דו איהם. פאַר אונז וויל ער עס נישט טון, אפשר וועט ער עס טון פאַר דיר

יוסטינא.

אַז פּאַן מיכאַל וויל נישט איבערבלייבען, מן הסתם האָט ער דיין טעם—האַלטען מיר איהם נישט איין.

מ י כ א ל

קוקט איהר אין די אויגען אריין.

איז שוין די מאַדאַם בעסער פאַר אייך. איך האָב נישט געוואוסט, אַז איהר זענט אַזוי שלעכט.

יוסטינא

רויט ווערענדיג.

איך מיין עס מיט אַן ערנסט, אפשר זענט איהר געשטערט, אפשר אַנדערש וואו פריהער צוגעזאָגט.

מיכאל.

ווייל די פּאַניע וויל מיך דוקא פון שטוב יאָגען, וועל איך דוקא צום מיטאָג בלייבען. איך וועל אַהיים טעלעפּאָנירען צו מאַמאַ, אַז איך בלייב איבער צו מיטאָג אויף להכעיס אייך.

ה׳ מייזנער.
מ׳ מייזנער.
} בראַוואָ, בראַוואָ! טוט דאָס.

מיכאל.

דאַכט זיך, דאָ באַלד איז ביי אייך דער טעלעפאָן?

ה׳ מייזנער.

איך וועל אייך בעגלייטען. פיהרט איהם צו צו דער טיר.

יוסטינא.

פאַרוואָס האָט איהם די מאַמאַ געבעטען? אַז ער וויל נישט בלייבען, פאַרוואָס איהם אַיינהאַלטען?

מ׳ מייזנער.

פערקעהרט, ער האָט געוואָלט איבערבלייבען. דאָס ביסטו נאָר געווען אַזוי אונאַרטיג. ער האָט געוואָלט, אַז דו זאָלסט איהם בעטען, און דו ביסט אונאַרטיג.

יוסטינאַ.

איך האָב איהם נישט געוואָלט בעטען. מען דאַרף נישט מענשען צורעדען.

ה׳ מייזנער.

נו, נו, בערוהיג דיך, קינד. ער קושט זי אויפ׳ן קאָפּ. ער האָט גע־וואָלט זעהר איבערבלייבען, זעהר. ער האָט מיר אליין געזאָגט.

יוסטינא

רויט ווערענדיג.

ווירקליך, פאפּאַ?

ה׳ מייזנער.

אָבער זעלבסטפערשטענדליך, קינד. ער ווינקט צו דער פרוי און קושט די טאָכטער, זעהר בעריהרט, אויפ׳ן קאָפּ.

דער הראַביע

קומט אריין מיט פרייד.

און זעהט, מאַמאַ האָט מיך פריי געגעבען. צו יוסטינא׳ן. דאָס איז אַלץ אייך צו להכעיס.

יוסטינא

שמייכעלט אין דער שטיל.

מ׳ מייזנער

אָ, זי האָט גאַנץ גוט געטאָן. דאַנקט איהר אין מיין נאָמען. געריהרט. דער אָרימער פאַן מיכאַל איז נעביך געזעסען אַליין אויפ׳ן דאָרף איבער׳ן גאַנצען קאַרנעוואַל צווישען די פויערים. דאָ האָט זיך די יוגענד אַזוי געשפּיעלט, געטאַנצט יעדען אָוענד — און ער איז אַליין געזעסען אויפ׳ן דאָרף.

פאַן מיכאַל

קושט איהר די האַנד.

די מאַדאַם איז זעהר גוט. איך דאַנק אייך.

ה׳ מייזנער.

אָבער מאַמאַ, דו בעדויערסט, וואָס דער פאַן מיכאַל איז געזעסען איבער׳ן קאַרנעוואַל אין דאָרף, און איך בעדויער, וואָס ער וועט היינט קיין מיטאָג נישט עסען. האָסט דאָך פערגעסען דער דינער־שאַפט אָנצוזאָגען, אַז דער הראַביע בלייבט צו מיטאָג.

ט מייזנער.

דו האָסט רעכט. טאַקע פערגעסען. דאָס איז פּאַר פרייד. זי הויבט זיך אויף, ענטשולדיגט מיך. איך מוז אַרויסגעבען בעפעהלען.

ה׳ מייזנער.

און מיך אויך. איך האָב נאָך עפּיס אין מיין קאַבינעט צו בעזאָרגען איך גלויב, איהר וועט זיך נישט בעליידיגען, ווען איך וועל אייך איבערלאָזען אין דער געזעלשאַפט פון מיין טאָכטער.

מ׳ מייזנער.

האָסט פערגעסען, אַז זיי זענען ברוגז. איך האָב מורא, זיי וועלען זיך נאָך צעקריגען, ווען מיר וועלען זיי לאָזען אַליין.

ה׳ מייזנער.

האָב נישט קיין מורא. יונגע לייט בעטען זיך שטענדיג איבער, ווען מען לאָזט זיי אַליין. געהט אַב.

מיכאַל

קוקט זיי נאָך.

ווי ליעבענסווירדיג די אַלטע זענען! זיי האָבען אונז אַליין געלאָזט.

אַ לענגערע פּויזע. יוסטינא ווערט בלייך, דערשראָקען — אומגעדולדיג. שווייגט.

מיכאַל

נעמט אָן יוסטינא׳ן ביי דער האַנד.

וואָס מאַכסטו, יוסטינא? ווי האָב איך דיך געוואָלט זעהן!

יוסטינע.

איהר זענט זעהר אַ שלעכטער, מיכאַל. זעצט זיך געריהרט אַוועק.

מיכאַל.

פאַרוואָס?

יוסטינא

שווייגט, קוקט איהם מיט ערנסט און ליעבע אין די אויגען אריין.

פאַרוואָס זענט איהר די גאַנצע צייט נישט געקומען?

מיכאַל

נעמט זי אָן ביי דער האַנד.

גלויבט מיר, איך האָב גוט געטאָן. איך בין געזעסען אין דאָרף

איבער'ן קאַרנעוואַל. — איך האָב עס בעדאַרפט, עס איז געווען גוט פאַר אונז ביידע.

יוסטינאַ

קוקט איהם אָן דערשראָקען, דערקענט אין זיין געזיכט די ליעבע מינע, ווערט פערשעמט, לאָזט אראָב די אויגען, ווי פאַר זיך.

גאָט! איך האָב אַזוי געוואַרט יעדען טאָג, — נישט קיין בריעף, נישט קיין צייכען. עס איז שלעכט אַזוי צו וואַרטען, שלעכט...

מיכאל

קוקט איהר מיט ליעבע אין די אויגען אריין.

מיין ערשטער בעזוך, נאָך דער מוטערס, האָט געגאָלטען אייך.

יוסטינא.

איך האָב אויף דעם אויסגעוואַרט, צייט קאַרלינאַ האָט מיר געזאָגט, אַז איהר קומט אַהיים.

מיכאל

קושט איהר די האנד.

איך דאַנק אייך, יוסטינאַ.

יוסטינאַ

דערשראָקען.

פאַרוואָס?

מיכאַל.

ווייל איהר האָט זיך אַזוי בעפריינדעט מיט מיין מוטער און מיט מיין שוועסטער. זיי זענען פול מיט לויב אויף אייך.

יוסטינאַ.

ניט צוליעב אייך, מיכאַל, בין איך דאָרט אַהין געקומען — ניט צוליעב אייך. איך האָב אייער מוטער זעהר, זעהר פיעל צו פערדאַנקען. פיעל גוטס האָט זי מיט מיר געטאָן.

מיכאל.

איך דאַנק אייך פאַר'ן גוטען וואָרט.

יוסטינאַ.

עס איז נישט קיין גוט וואָרט, מיכאַל. ווייסט איהר, וואָס אייער

מוטער האָט געטאָן מיט מיר? זי האָט צוגענומען מיך, דאָס געצענדינער־קינד, און האָט מיך אויסגעלערנט, ווי גאָט צו ליעבען און ווי מענשען צו ליעבען.

מיכאל.

אָ, די מאַמאַ האָט מיר פערצעהלט. דאָס געצענדיינער־קינד איז אָבער געוועזען אַ גוטע תלמידה. פלינק און מיט'ן גאַנצען האַרצען פערנומען קריסטוס'עס וואָרט, געהאָלפען דער מאַמאַ אין די צדקה־חברות גוטס טון. די קליינע שענע הענטלעך האָבען די קראַנקע אָרימע לייט אין די שפּיטעלער געפלעגט, קליינע קינדער געוואַשען, מיט מילך געקאָרמעט,—די קליינע הענטלעך האָבען פיעל גוטס געטאָן. ער קושט איהר די האנד. די מאַמאַ האָט מיר פערצעהלט און דער פּאָטער אַנטאָניוס, און קאַרלינקאַ—אַלע פול מיט לויב אויף אייך.

יוסטינא

שמייכעלט פערשעמט.

ס'איז דאָך גאָר נישט אַזוי. אייער מוטער איז צו גוט. ערנסט. יאָ, מיכאַל, פיעל גוטס האָט זי מיט מיר געטאָן. פאַר גאָרנישט דאַנק איך איהר, נאָר פאַר דעם גלויבען, וואָס זי האָט אין מיר איינגעפלאַנצט, פאַר גאָט, וואָס זי האָט מיר געשאָנקען. און מיט איהרע טאַטען, מיט איהר ליעבע האָט זי ביי מיר גאָט איינגעפלאַנצט. זי האָט מיך מיטגענומען יעדען זונטאָג אין קירך אַריין; איך האָב געהערט די פּרעדיג פון פּאָטער אַנטאָניוס, איך האָב געזעהן דעם עקסטאַז פון פאָלק, די ליעבע און גלויבען פון פראָסטען פאָלק צו זייער גאָט. שטיל. אָ, ווי האָב איך זיי מקנא געווען!

מיכאל.

גאָט איז פאַר אַלעמען, יוסטינא.

יוסטינא

טרויעריג.

ניין, מיכאַל, נישט פאַר מיר, נישט פאַר אונז.—מיינע עלטערן האָבען מיך זעהר ליעב. און אַלץ האָבען זיי מיר געגעבען, נאָר איין זאַך האָבען זיי מיר נישט געקענט געבען—אַ גלויבען. אַ גאָט האָבען זיי מיר נישט געגעבען. פיעל, פיעל האָבען זיי מיך געלערנט, נאָר דאָס, וואָס יעדער פראָסטער מענש דאַרף צו זיין טעגליכען לעבען,—

אַ גלויבען, ליעבע צו אַ גאָט, ליעבע צו מענשען, האָבען זיי מיר נישט געגעבען. איך בין נישט קיין פילאָזאָפין, איך וויל נישט וויסען דערפון, אויב עס איז יאָ דאָ אַ גאָט, אויב נישט,—איך בעדאַרף אַ גלויבען, פאַר ווענען, אין אַ שלעכטער שעה, זאָל איך מיינע תפלות זאָגען, צו ווענען זיך צו ווענדען נאָך הילף... און דו ווייסט נישט, ווי איך האָב מקנא געווען אונזער דינסט, וואָס האָט פאַר איהר בעט, אין איהר קליין שטיבעל, געהאַט הענגען אַ קליין בילדעל — די מאַטקאַ באָסקאַ טשענסטאָכאָווסקאַ. אַ קליין ליכטעל האָט דערפאַר געברענט, און זי האָט אַנידערגעקניהעט דערפאַר פאַר יעדען שלאָפען געהן. איך האָב געדאַרפט אַזאַ קליין בילדעל, — אין אונזערע גרויסע סאַלאָנען איז אַזאַ קליין בילדעל נישט געווען...

מיכאַל.

אָרימעס קינד! נעמט זי אָן ביי דער האנד. און אייער אמונה, און די סינאַגאָגע — זי איז דאָך אַזוי שען — אייער גאָט?

יוסטינאַ.

מיינע עלטערן האָבען מיר קיינמאָל נישט פערצעהלט פון איהם. מיין ברודער איז אַוועק פון דערהיים און וויל נישט נעמען פון פאָטער קיין געלד — איך ווייס נישט פאַרוואָס. דער זיידע זיצט דאָרט אין זיין שטיבעל און לערנט טאָג און נאַכט אין זיינע הייליגע ביכער. ער וויל נישט עסען פון אונזער קיך, און מען ברענגט איהם עסען פון יודישען רעסטאָראַן. נאָר וואָס עס שטעהט דאָרט געשריבען אין זיינע הייליגע ביכער, ווייס איך נישט — מען האָט מיך נישט געלערנט אין זיי. און פאַרוואָס ער וויל נישט עסען פון אונזער קיך — ווייס איך אויך נישט. איך ווייס נישט מעהר,—איך האָב מורא פאַר איהם.

מיכאַל.

מורא?!

יוסטינאַ.

יאָ, עס דאַכט זיך מיר טייל מאָל — ער קוקט אויף מיר מיט אַזעלכע פרעמדע און בייזע אויגען, ווי איך וואָלט זיין גרעסטער שונא געווען, ווי ער וואָלט פיהלען, אַז איך רייס איבער די שנור פון

זיינע עלטערנס גלויבען, וואָס האָט זיך געצויגען דורך אַזוי פיעל יאָהר־טויזענדער ביז צו מיר... און טויזענד־יעהריגע שנאה און ליי־דען זעה איך אין זיין בליק, — און קריג מורא פאַר איהם...

שטילע פויזע.

יוסטינאַ.

און פאַרוואָס דערצעהל איך אייך דאָס אַלץ, ווייס איך אליין נישט.

מיכאַל.

איך דאַנק אייך. יאָ יוסטינאַ, איהר מעגט מיר דאָס פערצעהלען, און איך דאַנק אייך פאַר דעם צוטרויען, וואָס איהר שענקט מיר, און וואָס איהר זייט אויפריכטיג קעגען מיר.

יוסטינאַ

ווי פאר זיך.

טיילמאָל, אַז דער זיידע קוקט אויף מיר מיט אַזעלכע אויגען, וויל איך צו אייך אַנטלויפען, איהר זאָלט מיך בעשיצען. ניין, — צו אייער ליעבער מוטער, אַז זי זאָל מיך אַנוואַרימען, צונעמען, ווי זי נעמט צו אַזוי פיעל פערלאָזטע יתומים — זי ענדיגט ניט דעם זאַץ.

מיכאַל

קושט איהר די האנד מיט בעוועגונג.

יוסטינאַ, ווען איהר זאָלט וויסען, ווי טייער און הייליג מיר זענען אייערע ווערטער און אייער אָפען האַרץ! יאָ, יוסטינאַ, מיר דאַכט זיך, אַז גאָט האָט אָנגעקלאַפּט אין אייער האַרץ און האָט אייך גערופען צו זיך נאָך אין דעם גאָטלויזען הויז. איהר זענט דאָך אַזוי אַנדערש, אַזוי אַנדערש, ווי זיי אַלע.

יוסטינאַ.

מיר דאַכט זיך אויך, אַז עס איז אַזוי געוועזען. ווען איך בין נאָך אַ קליין קינד געוועזען, האָט מיר די אַם דערצעהלט פון קריסטוס'ען, און איך בין געזעסען און האָב אויסגעהערט מיט צעפלאַמטע בעק־לעך... זי האָט מיך אין קירך געפיהרט, ווען מיר זענען אויף שפּאַ־ציר געגאַנגען, און איך האָב געהערט דאָס געזאַנג, — מיך האָט עס אַזוי געצויגען... און נאַכטס פאַר'ן שלאָפען געהן האָב איך מיך

אַריינגע׳גנב׳עט אין דער אַמס צימער אַריין, אַז קיינער זאָל נישט הערען, און האָב מיך פאַר דעם הייליגען בילדעל געוואָרפען...

מיכאַל

נעמט זי אָן ביי דער האַנד און שווייגט, גערירהט.

יוסטינאַ.

אָבער צו וואָס פערצעהל איך אייך דאָס אַלץ? — איך בעט אייך איבער, איך האָב נישט קיינעם, וועמען דאָס צו פערטרויען.

מיכאַל.

יאָ, יוסטינאַ, מיר מעגסטו פערטרויען.

סטינאַ.

האָט דאָס געפיהל צו מיר זיך נישט געענדערט ביי אייך דורך דער צייט, וואָס איהר זענט נישט געוועזען?

מיכאַל.

פערקעהרט, יוסטינאַ, עס איז ביי מיר שטאַרקער און רייפער גע־וואָרען; און איך קאָן יעצט אָפען פאַר דער גאַנצער וועלט זאָגען מיט אַ ריין געוויסען: איך ליעב דיך, יוסטינאַ...

יוסטינאַ

שווייגט, ווערט בלייך, פערמאַכט די אויגען און זאָגט ווי פאַר זיך.

מיין גאָט! און איך האָב געמיינט, אַז איך וועל דאָס שוין מעהר קיינמאָל, קיינמאָל נישט הערען.

מיכאַל.

יוסטינאַ, איך וויל מיט אייך זיין גאַנץ אָפענהאַרציג, אַזוי ווי איהר זענט יעצט געוועזען מיט מיר. ווייסט איהר, פאַרוואָס איך האָב נישט דאַן נאָך אונזער געשפרעך פערלאַנגט פון אייער פאָטער אייער האַנד? — נישט דערפאַר, ווייל איך האָב חרטה געהאַט, יוסטינאַ, ניין. איך וויל מיט אייך זיין גאַנץ אָפען. איהר זענט אַ קינד, איהר וועט דאָס אפשר נישט פערשטעהן. איך מוז אָבער האַנדלען לויט מיין עהרע. — איהר ווייסט, ווי די וועלט איז קליין און ווי רכילות׳דיג עס איז די געזעלשאַפט, אין וועלכער מיר לעבען. ווען איך וואָלט

מיט אײַך חתונה געהאַט און גענומען פון אײַך נדן, וואָלט עס גע- קענט הייסען אין דער געזעלשאַפט, אַז איך האָב מיט אײַך חתונה צוליעב דעם נדן, וואָס דער רייכער מייזנער גיט זיין איינציגער טאָכטער,—דער הראַביע מיט דער יודישער רייכער טאָכטער, וואָס איז שוין צו קאַריקאַטור געוואָרען. איך האָב אָבער נישט געקענט ערלויבען, אַז אַ שאָטען פון געלד זאָל פאַלען אויף אײַער נאָמען, אַז אין דער בעציהונג צווישען אונז זאָל איין אַנדער זאַך שטעהן, אויסער דאָס ריינע, הייליגע געוויסען פון ליעבע, וואָס פערבינדט אונז ביידע. דערפאַר האָב איך בעשטימט, אַז חתונה האָבען מיט אײַך קען איך נאָר דענסטמאָל, ווען איך וועל זיך קענען אָבזאָגען פון יעדען נדן און פון יעדען געשאַנק, וואָס אײַער פאָטער זאָל מיר וועלען מאַכען.

י ו ס ט י נ א.

אָבער מיכאַל, פאַרוואָס ?—

מ י כ אַ ל.

האָרכט מיך אויס, יוסטינאַ,—איך ווייס, וואָס איך רעד, און איך מיין עס גוט. איך האָב זיך גענומען אַדורכקוקען אונזער פערמעגען. מיין זעליגער פאָטער איז נישט געוועזן קיין געשעפטס-מענש און מעהר אויסגעגעבען, וויפיעל זיינע איינקונפטען האָבען איהם ערלויבט. איך בין דורך דעם ווינטער געזעסען אין אונזערע פאָלוואַרקעס, אַליין בעקענט זיך מיט דער אַרבייט און וויל זיך אַליין נעמען צו דער פערוואַלטונג. קיין גרויס פערמעגען וועלען מיר נישט האָבען, יוסטינאַ,—נאָר אַן אָנשטענדיג, רוהיג לעבען אויף דעם לאַנד וועלען מיר קענען פיהרען. איך ווייס דיין גוט האַרץ, דיין איינפאַכקייט און דיין ווילען צו לעבען איינזאַם—נאָר פערנומען מיט דיין אייגען גליק. יאָ, און דאָס וועלען מיר קענען רייכליך האָבען מיט מיין מוטער, מיט מיין שוועסטער. און איך בין יעצט געקומען צו דיר, איבערגעצייגט און זיכער אין דער אויפריכטיגקייט פון מיין ערנסט געפיהל. איך בין געקומען צו דיר, און בעט דיך: קום! לאָמיר איינ- איינעם בויען אונזער אָרים, גליקליך היים...

י ו ס ט י נ א שוייגט, פערשטעלט זיך די אויגען מיט די הענד און וויינט. מ י כ אַ ל נעמט איהר די האנד און קושט זי לאַנג, לאַנג. עס קומט אַריין ה׳ מ יי ז נ ע ר מיט

דער פרוי רעדענדיג. „נו, האָט איהר זיך געקריגט צווישען זיך?" יוסטינא באפט זיך אויף מיט פערווייגטע אויגען. ה' מייזנער מיט דער פרוי ווערען ערנסט, קוקען ערשטוינט, מיט ערוואַרטונג אויף מיכאל'ן.

**מיכאל**

צו מייזנער'ן, אָפיציעל און ערנסט.

ה' מייזנער, איך בעט פון אייך די האַנד פון אייער טאָכטער.

**ה' מייזנער**

ווערט ערנסט, קוקט אויף דער פרוי. די מאדאם הויבט אָן צו וויינען.

**מיכאל.**

אָבער איך האָב צו אייך אַ בקשה, ה' מייזנער, אויף וועלכער איהר מוזט בעשטעהן —

**ה' מייזנער**

פערוואונדערט.

ווי הייסט?

**מיכאַל.**

איך פערלאַנג פון אייך די האַנד פון אייער טאָכטער, אָבער נאָר מיט דעם תנאי — נישט צו נעמען פון אייך קיין נדן —

**ה' מייזנער**

האַקט איהם איבער.

ווי הייסט? ווער וועט מיר דאָס פערווערען מיין קינד מיין געלד צו געבען?

**מיכאַל.**

די סיטואַציע איז אַ זעלכע, אַז...

**ה' מייזנער.**

הראַביאַ, איך וועל נישט יעצט קיין סך רעדען, נאָר איך בין אַ מענש פון אַ קלאָרער סיטואַציאָן. איך וויל וויסען, וועגען וואָס עס געהט.

מיכאַל.

ה׳ מייזנער, מיינע גיטער זענען יעצט אויף אַזוי פיעל אַוועקגע־שטעלט, אַז איך קאָן אַייער טאָכטער אויסהאַלטען, ווי עס פּאַסט פאַר איהר —

ה׳ מייזנער

האַקט איהם איבער.

נו, נו, פון דעם וועלען מיר נאָך רעדען. פאַלט איהם אויפ׳ן האַלז.

פאָרהאַנג.

# צווייטער אַקט.

אין יוסטינא׳ס צימער. פארנאכט, עס טונקעלט. עס זיצט **יוסטינא** און די אם איהרע, וועלכער יוסטינא לעזט פאר פון דעם נייעם טעסטאמענט. די אם ווישט זיך די אויגען און צלמ׳ט זיך. פויזע.

פון דער צווייטער שטוב הערט זיך דעם זיידענס שטים תהלים זאגען: **אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים ובדרך חטאים לא עמד, ובמושב לצים לא ישב.** דאס קול ווערט וואס אמאל פערשוויגען.

**ד י א ם**

אזוי האבען זיי איהם געשלאגען, דאס יעזוס-קינד, דאס אומשולדיג רינדעל — די יודען, — אזוי האבען זיי איהם געשלאגען, א גאט!..

**י ו ס ט י נ א.**

גלויבסטו, ווען איך וואלט דענסטמאל געלעבט, וואלט איך איהם אויך געשלאגען?

**ד י א ם.**

א, ניין, די פאניענקע וואלט איהם נישט געשלאגען, נישט געשאלטען. די פאניענקע וואלט נאכגעגאנגען נאך איהם, צוגעהערט זיך צו זיינע ווערטער און געקושט זיין קלייד, — א, די פאניענקע —

**י ו ס ט י נ א.**

איך בין דאך אויך א יודין און קום דאך אויך ארויס פון די יודען, וואס זענען דענסטמאל געוועזן אין ירושלים.

**ד י א ם.**

א, די פאניענקע איז אן אנדערע יודין. זי קושט איהר די האנד. ווען די פאניענקע איז נאך אזא קליינע „זאך" געוועזן, איז זי אריינגעקומען צו מיר אין מיין שטוב אריין און געבעטען מיך, איך זאל זאגען מיט איהר דעם „פאטשערש", און פריהער נישט געוואלט שלאפען געהן, ביז זי וועט נישט דעם „פאטשערש" אבזאגען. זי קוקט זיך אום. איך האב מורא געהאט פאר דעם „פאן" — האב איך די טיר צוגעשלאסען און מיט דעם קליינעם קינד די תפלה געזאגט. ווי דאס קליינע יודישע קינד האט די הענטלעך פערבויגען

פאַר דעם קריסטוס-קינד! אין גאַנצען אַ קריסטין געווען, עס האָט נאָר געפעהלט דאָס ביסעל הייליגע וואַסער.

יוסטינא.

אָ, ניין! איך וואָלט איהם נישט געשלאָגען, אַם! איך וואָלט איהם נישט געשאָלטען, ווען איך וואָלט דענסטמאָל געלעבט. אָ, איך וואָלט איהם נאָכגעגאַנגען פון דערווייטענס, איך וואָלט יעדען זיין טריט געקושט, איך וואָלט מיך צוגעהערט צו דעם קלאַנג פון זיינע טריט... מיין אַם, דו ווייסט, — מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב דענסטמאָל געלעבט, און איך האָב איהם געזעהן... איך זעה דאָס אַלץ אַזוי קלאָר מיט די אויגען, ווי ער רייט קיין ירושלים אַריין אויף דעם אייזעל, און דאָס פאָלק געהט פון די הייזער אַרויס איהם אַקעגען. זיי טוען אויס זייערע קליידער און פערשפרייטען פאַר איהם אויפ׳ן וועג... איך זעה עס אַזוי קלאָר, ווי זיי שטעהען פון ביידע זייטען וועג און שאָקלען מיט די לולבים און שרייען הושענא, — ווי איך וואָלט דאָרט געווען, ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטען געשעהן...

די אַם.

די פּאַניענקע איז נאָך אַ פרעמדע — און איז שוין אַזוי בעקאַנט אין די הייליגע ביכער. די פּאַניענקע רעדט ווי פון „פּאַטשערש“.

יוסטינא.

ווייל זיי זענען מיר נאָהנט, ווייל זיי זענען מיינע, פון מיין פאָלק. אַם... איך זעה דעם בית-המקדש. איך זעה עס אַזוי ווייס, — ווי דער ווייסער מירמעלשטיין ברענט זיך אין דער זון. עס איז אַ גרויסער יום-טוב. אַזוי פיעל יודען זענען דאָ פון אַלע לענדער אין פערשיידענע טראַכטען, ווייסע קיטלען און טליתים, און פיהרען די שעפּסלעך צום קרבן; די קינדער האַלטען זיי ביי די הערנדלעך... און איך זעה, ווי די חלפנים שטעהען אויפ׳ן הויף און האַנדלען מיט די יודען. און עס רייט אַריין קריסטוס אויף זיין ווייסען אייזעל, און דאָס געזיכט איז ביי איהם אַזוי בלייך, און אַזעלכע גרויסע אויגען. און אַזוי פיעל פאָלק איז אַרום איהם. און ער יאָגט אַרויס די חלפנים, די סוחרים מיט די קרעמער פון בית-המקדש-הויף אַרויס. דאָס פאָלק זאַמעלט זיך אַרום איהם—און ער רעדט. איך הער זיין שטים, איך בין דאָרט, איך קוק איהם אין פּנים אַריין — פון צווייטען

צימער הערט זיך דעם אלטען יודענס תהלים זאָגען, יוסטינא האָרכט זיך איין.

דו הערסט, גיאַנע, מיר דאַכט זיך, אַזאַ שטים האָט ער געמוזט האָבען; אַזוי האָבען געמוזט זיינע ווערטער קלינגען אין דער שפראַך.

די אַם.

וואָס רעדט די פּאַניענקע? — גאָט זאָל אָבהיטען! גאָטס שטים האָט געקלונגען ווי די קלויסטער-גלאָקען. דאָס דערינען איז דעם שטנ׳ס שטים. אַז איך הער די שטים, דאָס „מאָדליען“ זיך — מיין איך, אַז מען דאַווענט פאַר׳ן טייוועל, הער איך, אַזוי ווי מען שלאָגט כריסטוס׳ן.

יוסטינא.

וואָס רעדסטו, דו נאַרישע אַם! דו ווייסט נישט, וואָס דו רעדסט.

די אַם.

די פּאַניענקע איז עפּיס אַנדערש, די פּאַניענקע איז שוין אונזערע, גאָט האָט זי אַרויסגענומען פון דעם גאָטלויזען הויז, — אָבער זיי, פּאַניענקע, דאָס זענען דאָך אומגלויביגע, און אַלע זייערע תפלות געהען פאַר׳ן שטן.

יוסטינא.

שווייג! דו ווייסט נישט, וואָס דו רעדסט.

די אַם.

ווען דער פּאַן מיכאַל וועט נאָר די פּאַניענקע אין קירך פיהרען, און דער גלח וועט נאָר דאָס ביסעל הייליגע וואַסער בעגיסען — וועט שוין די פּאַניענקע אויך דאָסזעלבע פיהלען, וועט די פּאַניענקע אויך שוין נישט קענען הערען די שטים, וואָס האַט געשאַלטען גאָט.

עס הערט זיך אין טיר קלאַפּען.

יוסטינא.

הער אויף, הער אויף, דו נאַרישע פרוי! — קומט אַריין!

אין דער טיר ווייזט זיך

קאַרלינא,

א הויכע פּערזאָן נאָך די דרייסיגער, אין שווארצען אָנגעטאָן. א גאָלדען צלמ׳ל אויפ׳ן האַלז.

געשטערט? יוסטינא, פאַרוואָס זיצסט דו אין דער פינסטער?

יוסטינא
פערשעמט.

דאָס ביסטו, קאַרלינאַ? קום אַריין. קום אַריין געהט איהר אַקעגען. איך האָב זיך פערערעדט מיט דער אַם. — אַם, צינד אָן דעם לאָמפּ!

קאַרלינא.

Pourquoi es-tu si excitée? (פאַרוואָס ביסטו אַזוי אויפגערעגט?)

יוסטינא.

— Rien du tout. J'ai eu une conversation avec la nounou. Le peuple est tellement naïf et superstitieux.

גאָר נישט. איך האָב געהאַט אַ שמועס מיט דער נאַניע. דאָס פאָלק איז אַזוי נאַאיוו און אָבערגלויביש —)

די אַם אַב. — פויליש

אַז ס'שטעלט זיך גאָר אַנדערש נישט פאָר, נאָר די ליעבע צו קריסטוס'ן מוז ברענגען שנאה צו יודען. זיי פערשטעהען דאָך נישט, אַז דאָס אַלץ מיט קריסטוס'ן האָט זיך דאָך צווישען יודען אין ירושלים אָבגעשפיעלט. מיר האָבען ביז היינט זעהר ווייניג געטאָן, דאָס פּראָסטע פאָלק אויפצוקלערען.

קאַרלינא.

דאָס פּראָסטע פאָלק האָט זיין געזונטען אינסטינקט, יוסטינאַ, נאָך יעלכען עס האַנדעלט עהרליך.

יוסטינא
דערשראָקען.

קלערסטו אויך אַזוי, קאַרלינאַ? איז ביי דיר אויך די ליעבע צו קריסטוס'ן צונויפגעמישט מיט פיינדשאַפט צו יודען?

קאַרלינא.

אָ, ניין. קריסטוס האָט אונז אַלעמען געהייסען ליעב האָבען, אפילו אונזערע פיינד.

יוסטינא.

האַלסטו דען יודען פאַר פיינד?

קאַרלינא
שווייגט.

יוסטינאַ.
האַלסט מיך אויך פאַר אַ פיינד פון אייך?

קאַרלינא
קושט זי.

דו ביסט עפּיס אַנדערש. איך דיר האָט זיך גאָט אָנגערופן, ווען דו ביסט נאָך געווען אַן אומגעטויפט קינד.

יוסטינא׳

פאַרוואָס נעמט איהר מיך ארויס פון כּלל? פאַרוואָס בין איך דאָס מעהר פון אַנדערע -- מיינע ברידער און שוועסטער?

קאַרלינאַ
לאַכט.

דו קאָנסט דאָך נישט גלויבען, אַז אַלע דיינע גלויבענס-ברידער טראָגען זיך אַרום מיט די אידעען, וואָס דו, פיהלען די ליעבע צו אונזער גאָט, צו אונזער גלויבען, ווי דו.

יוסטינאַ.

דאָס איז דערפאַר, ווייל זיי האָבען נישט געהאַט די געלעגענהייט צו דערקענען די גוטסקייט פון דער אמת׳ער אמונה, די גוטסקייט פון קריסטען-מענשען, ווי איך. זיי האָבען נישט געהאַט די גע-לעגענהייט צו דערקענען גאָטס מעשים, ווי זיין אמונה איידעלט אויס דעם מענשען, — ווי איך האָב דערקענט דיין מוטער, אַייער גאַנץ הויז, וואָס איז מיר תּמיד געווען אַ סימבאָל פון ריינקייט און איידעלקייט. ווען זיי וואָלטען אַייך דערקענט, ווען אַלע מיינע גלויבענס-ברידער וואָלטען דערקענט די קריסטען אין זייער אמת׳ער ליכט, ווי איך האָב די זכיה געהאַט צו דערקענען, — אָ, זיי וואָלטען געווען פאַר זיי אַן אמת פאָרבילד פון איידעלקייט און גע-רעכטיגקייט.

קאַרלינע.

האָסטו מיט אַן אמת אַזוי ליעב מיין מוטער, אַז זי שטעהט דיר פאַר אַ פאָרבילד? און אונזער גלויבען איז אַזוי טיף אַריינגעדרונ-

גען אין דיר, אַז דו זעהסט אין איהם די שענקייט, וואָס ער בע־שענקט די מענשען, וועלכע גלויבען אין איהם, אַז דו וואָלסט עס אין שטאַנד געוועז איבערצוגעבען דיינע ברידער?

**יוסטינאַ.**

געוויס. געוויס וואָלט איך געוואָלט, אַז אַלע מיינע ברידער, אַז דאָס גאַנצע יודישע פאָלק, וועלכעס טאַפּט אין דער פינסטער, אַזוי ווי איך האָב געלעבט אין דער פינסטערניש, זאָל דערזעהן גאָט און זיין ריכטיגען גלויבען, וועלכער בעגליקט דעם מענשען מיט אַזוי פיעל ליעבע און גוטסקייט. אָ, מיין לעבען וואָלט איך אַוועקגעגעבען מיט פרייד פאַר דער גרויסער אידעע, אַז מיין פאָלק זאָל פערשטעהן די שענקייט, מיט וועלכער קריסטוס בעשענקט די, וועלכע גלויבען אין איהם.

**קאַרלינאַ.**

ווייסט, אַז מען הערט דיך אַזוי רעדען, גלויבט מען, אַז עס איז דיר פון גאָט בעשערט אַ בעזונדערע מיסיע; אַז דו ביסט נישט בעשאַפען צו לעבען דאָס געוועהנליכע לעבען פון אַ פּראָסטען מענשען, נאָר דו ביסט צו עפּיס העכערס בעשטימט — אויסצופיה־רען דורך דיר אַ גרויס ווערק, צו בעקעהרען דיינע ברידער צום ריכטיגען גלויבען.

**יוסטינאַ**

*לאַכט.*

ביין, קאַרלינאַ, איך געפין מיך נישט בערופען צו אַ מיסיע. אַזוי ווייט האַלט עס נאָך נישט מיט מיר. — אָבער צו וואָס פיהרט אונז דאָס געשפּרעך, אויף וואָס די אַם מיט איהרע נאַרישע רייד האָבען אונז אַרויפגעבראַכט? — ווען מיר נישט פון עפּיס אַנדערש רע־דען? — וואָס מאַכט די מוטער?

**קאַרלינאַ.**

אָ, איך דאַנק דיר. דער מוטער געהט עס גוט. נאָר דאָס געשפּרעך פיהרט אונז, יוסטינאַ, צו עטוואָס ערנסטעס, וועלכעס איז אייגענ־טליך דער ציל פון מיין יעצטיגען קומען צו דיר.

**יוסטינאַ.**

דו מאַכסט מיך נייגעריג.

קארלינא
ערנסט.

נאָר איך בעט דיך, יוסטינאַ, מיך ריכטיג צו פערשטעהן און זעהן אין מיר, און מיינע רייד די אמת'ע פריינדשאַפט, וואָס מיין מוטער און איך פיהלען צו דיר. מיר זענען, יוסטינאַ, איבערגעצייגט אין דער אויפריכטיגקייט פון דיין צונייגונג צו אונז. מיר קענען דיך און ווייסען, אַז דיין בעקעהרען זיך צו אונזער גלויבען האָט קיין אַנ-דער אורזאַך נישט אַרויסגערופען, נאָר דיין טיף און אמת געפיהל. דאָס גיט אונז נאָך מעהר רעכט אַריינצורעדען אין אַזאַ דעליקאַטער אַנגעלעגענהייט, וואָס פערטראָגט אייגענטליך נישט קיין דריטע פערזאָן. און ווען איך נעם מיר די ערלויבעניש, — איז עס נאָר אויס אויפריכטיגער פריינדשאַפט צו דיר, צו אונז אַלעמען, און אַלער-ערשטענס צו אונזער מוטער, וואָס מיר אַלע ליעבען.

יוסטינא
דערשראָקען.

איך בעט דיך, רעד אָהן צוואַנג.

קארלינא.

מיכאַל האָט אונז פערטרויט זיינע אַבזיכטען.

יוסטינא
שווייגט, לאָזט אַראָב דעם קאָפּ.

קארלינא.

זעלבסטפערשטענדליך האָט עס ביי אונז אַרויסגערופען די גרעסטע פרייד דיך צו האָבען פאַר אונזער שוועסטער. זי קושט זי. מיר האָבען שוין לאַנג געוואונשען, אַז צווישען אונז זאָלען זיך פערקניפּען טי-פערע און אינערליכע בעציהונגען. נו, יוסטינאַ...

יוסטינא
קוקט זי אָן דערשראָקען.

קארלינא.

די מאַטעריע, וועלכע איך בעהאַנדעל יעצט, איז אַזוי איידעל, אַז איך האָב מורא, אַז מיינע ווערטער זאָלען נישט זיין צו שווער און זאָלען דיר נישט קיין שמאַרצען פערשאַפען.

יוסטינאַ.

איך בעט דיך, רעד אומגעשטערט.

קאַרלינאַ.

האָסטו נישט געקלערט איבער דעם, יוסטינאַ, אַז דאָס, וואָס דיין חתונה האָבען פאַר מיכאַלין פאַלט צונויף מיט דיין איבערגעהן צו אַן אַנדער גלויבען, קען מען עס ברענגען אין צוזאַמענהאַנג, אַז אָהן איינעם וואָלט דאָס צווייטע נישט געווען, און דאָס קען ברענגען צו צווייפלען אין דיינע אויפריכטיגע איבערצייגונגען?

יוסטינאַ

פערוואונדערט.

פאַרוואָס?

קאַרלינאַ

בעפרעמדט.

איך ווייס נישט, פאַרוואָס.

יוסטינאַ

ווי פאַר זיך.

גאָט קוקט אין האַרץ, און ער ווייסט, אַז מיין האַרץ האָט צו איהם פריהער געקעהרט, ווי צו מיכאַלין.

קאַרלינאַ.

מענשען זענען אָבער נישט אַלזעהענדיג און מענשען זענען שלעכט.

יוסטינאַ.

וואָס געהען דען אונז מענשען אָן?

קאַרלינאַ.

יוסטינאַ, דו האָסט פערגעסען, אַז מיכאַל קומט אַרויס פון אַזאַ הויז און טראָגט אַזאַ נאָמען, צו וועלכע ער האָט פליכטען, און דאָס נויטיגט איהם צו רעכענען זיך מיט מענשען, ווען שוין נישט פאַר זיך — איז עס פאַר דער פאַמיליע, פאַר אונז אַלע און, אַלער־ערשטענס, פאַר אונזער מוטער, וואָס מיר אַלע ליעבען.

יוסטינאַ.

האָט די מוטער עטוואָס קעגען אונזער שידוך?

קאַרלינאַ.

דאָס זאָג איך נישט. די מוטער וואָלט זעהר גליקליך געווען, און מיר אַלע, דיך צו האָבען פאַר אונזער שוועסטער. מיר אַלע ווינשען אַזאַ פרוי פאַר מיכאַל׳ן, און מיר וויסען, אַז דו וואָלסט געווען דאָס גרעסטע גליק —

יוסטינאַ

נישט פערשטעהענדיג.

נאָר אום וואָס געהט עס? — איך פערשטעה נישט. גלויבט איהר נישט אין מיין אויפריכטיגקייט, אין מיין איבערגעבענהייט? האָט איהר עפּיס בעמערקט אין מיר? — מאַך מיך קלאָר, קאַרלינאַ!

קאַרלינאַ.

מיר איז זעהר שווער צו רעדען דעריבער, יוסטינאַ, — די ווערטער שלאָגען מיך. געוויס נישט, געוויס נישט. נו, וואָס זאָלען מיר טון? איך בין געקומען מיט דיר זיך אַן עצה האַלטען. אפשר וועלען מיר אינאייינעם אַן עצה זוכען. מיר קענען דאָך נישט צולאָזען, אַז דיין נאָמען און מיכאַלס נאָמען זאָלען דערביי ליידען. מיר קענען דאָך דאָס נישט פאַר דער מוטער טון.

יוסטינאַ

צו פאַר זיך.

גלויבט איהר נישט, אַז דאָס האָט גאָט אַזוי געמאַכט, אַז דאָס איז געווען אַ מתנה פון איהם, וואָס ער האָט צוגעוויגט מיכאַלס האַרץ צו מיר דערפאַר, וויל איך האָב געצויגען צו איהם פון קליינער־הייד אָן?

קאַרלינאַ.

אָ, געוויס, געוויס. ווען נאָר נישט דאָס —

יוסטינאַ.

אָבער וואָס דען?

קאַרלינאַ.

ווען מענשען וואָלטען נישט געווען אַזוי קליין און חושד געווען; ווען מיר וואָלטען מענשען געקאָנט איבערצייגען.

יוסטינאַ.

אָבער פאַרוואָס זאָל מען מיך דאָס חושד זיין? איך קען דאָך נישט גלויבען, אַז מענשען זאָלען עפּיס קעגען מיר האָבען — איך האָב דאָך קיינעמען קיין שלעכטס נישט געטאָן.

קאַרלינאַ

קושט זי.

ווי אומשולדיג דו ביסט, יוסטינאַ, און ווי ריין! — פערשעמט. אַך יאָ, אָבער האָסט פערגעסען, יוסטינאַ, אַז—פערצייה פאַר די רייד— דו קומסט אַרויס פון אַזאַ פאָלק, וועלכען מען איז חושד.

יוסטינאַ

ווערט רויט.

פאַרוואָס איז מען דאָס מיין פאָלק מעהר חושד פון אַן אַנדער פאָלק?

קאַרלינאַ

שווייגט, לאָזט אַראָב דעם קאָפּ.

יוסטינאַ

רויט, אויפגערעגט.

איך ווייס נישט, פון וואָס פאַר אַ פאָלק איך קום אַרויס. מען האָט עס מיך קיינמאָל נישט געלערנט — איך בין געשטאַנען פון דרויסען. נאָר איך קען נישט גלויבען, אַז אין מיין פאָלק זאָל זיין עפּיס אַזעלכעס, וואָס זאָל פערדינען דעם חשד. עס לעבט דאָך אויך און האָט דאָך אויך זיין גאָט. דער זיידע מיינער דערינען זיצט און דאווענט אַ גאַנצען טאָג אין זיין הייליגען תהלים, — ער זאָגט דאָך דיזעלבע פסאלמען, וואָס דער פאָטער אַנטאָניוס זאָגט. קריסטוס האָט דאָך אויך געהערט צו דעם פאָלק. עס קען דאָך קיין שלעכטס נישט שטעהן אין זייערע ביכער געשריבען, וואָס ווערען אויך פון דער קירך פערהייליגט. איך ווייס נישט, וואָס איהר האָט צו זיי, און פאַרוואָס מען איז זיי חושד. זאָג מיר די קללה, וואָס רוהט אויף זיי, די זינד, וואָס זיי זענען בעגאַנגען. זאָג מיר, וואָס שטעהט דאָרט ביי זיי אין די ביכער געשריבען? ווער זענען זיי דאָס אַזעלכע, וואָס מען דאַרף זיי חושד זיין?

קאַרלינאַ

בעליידיגט.

אָבער דו וועסט דאָך נישט פערלאַנגען פון מיר, אַז איך זאָל דיר זאָגען, וואָס אַזעלכעס יודען זענען.

יוסטינאַ

ווערט בלייך

יאָ, דו האָסט רעכט. איך פערשטעה דיך יעצט אינגאַנצען, קאַרלינאַ. איך האָב זיך פערגעסען אַ מינוט, אַז איך בין אַ יודין, דאָס איך האָב נישט קיין רעכט אויף קיין ליעבע, אויף קיין גליק... פערצייה, — מיין ליעבע איז ווערט די פערצייהונג. איך ליעב צו שטאַרק, אָבער זייט זיכער, — איך וועל נישט טון אַזעלכעס, וואָס זאָל אייך קרענקען, עגמת-נפש פערשאַפען. איך וועל מיך איבערלעגען. איך קען מיין אָרט. איך ווייס, פון וואַנען איך קום אַרויס, איך בין אַ יודין.

קאַרלינאַ.

וואָס רעדסטו, שוועסטער? זי קושט זי און נעמט זי איין. דו ביסט די שענסטע נשמה, וואָס איך האָב אין מיין לעבען בעגעגענט. שווייג, רעד נישט אַזוי, דו טוסט מיר אַ גרויס אומרעכט. דאָ איז געשעהן אַן אומגליק פאַר אונז אַלע — פאַר דיר, ווי פאַר אונז. מיר ווילען אַלע דיך האָבען פאַר אַ שוועסטער. מיר ווייסען, דו וואָלסט געווען דאָס גרעסטע גליק פאַר מיכאל׳ן, און זיין ליעבע צו דיר איז אַן אויפריכטיגע, — אָבער דאָ איז געשעהן אַן אומגליק, ווי פאַר אונז, אַזוי פאַר דיר. מיר ווייסען, דו ביסט נישט שולדיג, — דו וואָלסט געווען געהאַט די איידעלקייט צו פערשווייגען, בעגראָבען אין דיר דיינע געפיהלען, צו אָפּפערן דיין ערדישע ליעבע פאַר אַ גרעסערער, פאַר אַן איידעלערער — פאַר דיין הימלישער ליעבע, אַז דיין ליעבע צו קריסטוס׳ן זאָל אַרויסקומען ריין, אומשולדיג און אָהן פעהלער, אַז מיט קיין איין פלעקעל פון זעלבסטנוץ זאָל זי נישט ווערען בעפלעקט. דאָס האָבען זיי געוועקט אין דיר דיין ערדישע ליעבע. מיין ברודער מיכאַל, דיינע עלטערן, אפשר, האָבען געוואָלט פערבינדען מיט זייערע אינטערעסען, — אָבער דו ביסט ריין, אומשולדיג. קושט זי.

יוסטינאַ
נוי פאר זיך.

איך האָב געמיינט, אַז גאָט וועט זיך פרעהען מיט מיין ליעבע צו מיכאַל׳ן; אַז דאָס איז אַ טייל פון מיין ליעבע צו איהם.

קאַרלינאַ.

דאָס, שוועסטער, שטאַמט נאָך פון די אָנשויאונגען, וואָס דו האָסט גענומען ביי די מענשען, מיט וועלכע דו האָסט פערקעהרט ביז יעצט — צוצושרייבען גאָט אַל דאָס ערדישע, אריינגעמען איהם אין זייערע טעגליכע געשעפטען. דער גלויבען, אין וועלכען דו קומסט יעצט אַריין, פערלאַנגט אַבסאָלוטעס אָוועקשענקען זיך, אָבזאָגען זיין גענוס פאַר אַ העכערן אידעאַל — פאַר דער ליעבע צו איהם.

יוסטינאַ
מלחמה האלטענדיג מיט זיך.

איך פערשטעה. דו האָסט רעכט. אַזוי האָט געדאַרפט זיין, — נאָר איך בין צו זינדיג. איך בין אַ שוואַכער מענש, און מיין געפיהל צו מיכאַל׳ן איז צו שטאַרק, אַז איך האָב זיך געזאָלט אָבזאָגען דערפון, אַז איך זאָל בכח זיין עס צו אָפּפערן פאַר דעם העכערן געפיהל.

קאַרלינאַ
פויזע.

מיכאַל איז אַן עהרען-מענש. זיין וואָרט וועט ער יעדענפאַלס ער-פילען.

יוסטינאַ.

אָבער, קאַרלינאַ, איך האָב דאָך קיינמאָל נישט געקלערט צו טון עטוואָס קעגען דעם רצון פון אייער מוטער.

קאַרלינאַ.

איך דאַנק דיר, יוסטינאַ, וואָס דו האָסט אונזערע געפיהלען און צוטרויען נישט אָבגענאַרט. איך ווייס, אַז דו ליידסט, אַז דיר טוט

ווערה,—גאָר צו דעם זענען מיר געשאַפּען. לערן דאָס ליידען און לערן די אָפּפערונג, וואָרום אונזער גלויבען אין דער וועלט, אין וועלכער דו געהסט יעצט אַריין, פערלאַנגט ליידען. — איך וויל דיך יעצט לאָזען אַליין מיט דיין צער. איך ווייס, דו בעדאַרפסט די איינזאַמקייט. זי קושט זי אויפ'ן שטערן און געהט ארויס מיט שטילע טריט.

**יוסטינאַ**

בלייבט אליין. פאַלט צו דער ערד און נעמט ארויס דאָס קליינע בילדעל, וועלכעס זי האָט הענגען אויפ'ן הארץ און הויבט אָן צו בעטען.

קריסטוס הער! דו, דו וואָס קומסט אַרויס פון דעמזעלבען פאָלק און זעלבען לאַנד וואָס איך,—דו, דו, וואָס אין דיר פערבינדען זיך די ליידען פון אַלע—ווער זענען מיר דאָס אַזעלכע?—דו, דו ווייסט מיין האַרץ, דו קענסט דאָך נישט אָקעגען דעם האָבען, וואָס איך האָב ליעב מיין מיכאַל'ן. איך האָב נישט קיינעם, קיינעם, אַ חוץ דיר... וויינט דערפאַר. א לאַנגע פויזע אין שטילע טרערען. עס קומט אריין די מוטער, טרעפט זי וויינען.

**מ' מייזנער.**

טאָכטער, וואָס איז דאָס? וואָס איז געשעהן?

**יוסטינאַ**

הויבט זיך אויף, ווישט זיך אויס די אויגען.

גאָרנישט, מאַמאַ.

**מ' מייזנער.**

טאָכטער, טאָכטער, זאָג, וואָס איז דאָ געשעהן?

**יוסטינאַ**

פאַלט אויף דער מוטערס האלז.

מאַמאַ, מאַמאַ, ווער זענען מיר דאָס אַזעלכע? פאַרוואָס האָט מען אונז פיינט? איהר האָט מיר גאָרנישט, גאָרנישט געזאָגט.

**מ' מייזנער.**

וואָס האָבען זיי אויס דעם קינד געמאַכט! זי רופט צום מאַן. בערנאַרד! בערנאַרד! קום נאָר אַריין. זעה, וואָס זיי האָבען פון קינד געמאַכט!

ה׳ מייזנער
קומט אריינצולויפען.

וואָס איז דאָ געשעהן? ווער איז דאָ געווען?

מ׳ מייזנער.

קארלינאַ, מיכאַלס שוועסטער.—זעה, ווי דאָס קינד זעהט אויס!

ה׳ מייזנער.

טאָכטער, מיין אָרים קינד! וואָס האָט זי דיר געזאָגט? דיך בע-ליידיגט?

יוסטינאַ.

ניין, פּאַפּאַ. — נאָר פאַרוואָס איז מען אונז אַזוי חושד? פון וואָס פאַר אַ מענשען קומען מיר אַרויס? — פאַרוואָס האָסטו מיר גאָרנישט געזאָגט, ווער זענען מיר דאָס אַזעלכע? גאָרנישט געזאָגט...

ה׳ מייזנער
נעמט אַרום זיין טאָכטער.

דו קומסט אַרויס פון אָרענטליכע מענשען, מיין קינד. דו האָסט דיך גאָרנישט צו שעמען, פאַר קיינעם נישט, פאַר קיינעם נישט. ער ווייזט אויף דער פרוי. דיין מוטער איז אַן אָנשטענדיגע פרוי. דיין פאָטער האָט מיט עהרליכקייט געמאַכט זיין פערמעגען. האָסט דיך מיט דיינע עלטערן גאָרנישט צו שעמען, פאַר קיינעם נישט, פאַר קיינעם נישט.

יוסטינאַ.

אָבער פאַרוואָס איז מען אונז חושד? פאַרוואָס גלויבט מען אונז נישט?

ה׳ מייזנער.

דאָס זענען נאָך אָנשויאונגען פון מיטעל-אַלטערליכע צייטען, מיין טאָכטער, ווען מען האָט דעם יודען פיינט געהאַט. הייגט לעבען מיר, גאָט צו דאַנקען, אין אַ ציוויליזירטער וועלט. אָ, מיר לעבען אין צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט. אַלע מענשען זענען גלייך, צי קריסט, צי יוד. — זיי וועלען דעם גאַנג פון דער ציוויליזאַציאָן נישט אָבשטעלען. מיר זענען שוין, גאָט צו דאַנקען, אַרויסגעוואַקסען

דערפון. אַלע זענען גלייך — דער וואָס ערפילט נאָר זיין חוב פאַר דער געזעלשאַפט, דער וואָס איז נאָר אַן אָרענטליכער מענש. האָסט זיך, טאָכטער, גאָרנישט צו שעמען פאַר זיי. עס איז שוין פאַרביי די צייט, ווען דער פאַן האָט געהערשט איבער'ן יוד

יוסטינאַ.

אָבער, פאַפאַ, עס מוז דאָך עפּיס זיין. זאָג מיר, פאַפאַ, וואָס האָבען מיר געטאָן אַזעלכעס, וואָס מען קוקט אויף אונז מיט חשד?

ה' מייזנער.

וואָס, עס געפעלט זיי נישט דער שידוך? — מיר אויך נישט. מיין קינד, — נעמט זי ארום — דו האָסט גאָרנישט וואָס ביי דיר צו פאַלען, — דו ביסט אַזאַ מיוחסת, ווי זיי. ער קושט זי אין קאָפּ. דו ביסט ווי אַ גרעפינס אַ טאָכטער. דיין פאָטער האָט אַלע חובות בעצאָהלט, עהרליך געהאַנדעלט, און אויף דיין טאַטען לויפען נישט אַרום קיין וועקסלען אין גאַס, — בעהאַלט נישט קיין אָרימע יודען קיין געלד, ווי אַנדערע טוען. דו האָסט גאָרנישט וואָס צו פאַלען ביי דיר. דו ביסט רייכער פאַר זיי, שטאַרקער פאַר זיי, האָסט מעהר מעגליכקייטען פאַר זיי און אַן ערציהונג האָסטו בעקומען אַ בעסערע פאַר זיי. דו ווייסט דיך נישט אַזוי בעגעהן מיט מענשען ווי זיי בעגעהען זיך.

יוסטינאַ.

און דאָס איז אַלץ, וואָס דו האָסט מיר צו זאָגען, אַז איך בין רייכער פאַר זיי!.. אָ פאַפאַ, איך בין רייכער פון זיי, יאָ, איך האָב אַלע מיינע וועקסלען געצאָהלט, — איך פערשטעה אַלץ. איך האָב זיך מיט גאָרנישט צו ווייזען, נאָר מיט מיין פאָטערס געלד... זיי האָבען רעכט, פאַפאַ, — רעכט!..

ה' מייזנער.

וואָס פערשטעהסטו? וואָס רעכט? — יאָ, דו האָסט געלד. געלד איז אַ גרויסע זאַך,—ביי דעם, וואָס האָט עס געמאַכט מיט עהרליכקייט, מיט זיינע פינף פינגער, ווי דיין פאָטער האָט עס געמאַכט, ווי דיין מוטער האָט געאַרבייט. יאָ, געלד. דער, וואָס בעצאָהלט זיינע חובות, אויף דעם וואָס ס'זענען קיין וועקסלען אין גאַס נישטאָ — דער איז אַן אַדעלמאַן, דער איז אַ הראַביע! נישט ווי מאַנכע, וועלכע גיבען

אויס מעהר, וויפיעל זיי קענען... וואָס פערשטעהסטו? וואָס האָבען זיי דיר, די גויים, דעם קאָפּ פערדרעהט?

יוסטינאַ.

דאָס, וואָס דו האָסט מיר גאָרנישט מעהר מיטצוגעבען, נאָר דיין געלד; אַז איך בין אַ רייכען יודישען באַנקירס אַ טאָכטער, וואָס איהר פאָטער האָט וועקסלען בעצאָהלט, קיינעם קיין געלד נישט שולדיג און האָט נאָך אין זיין טייסטער אַ פולען פּאַק מיט באַנקנאָטען, — אָט דאָס איז מיין יחוס! דאָס האָב איך פון מיין פאָטערס הויז מיטצובערענגען—מעהר גאָרנישט!.. זי פאַלט צוזאַמען און וויינט.

ה׳ מייזנער.

וואָס רעדט זי, מאַמאַ, וואָס רעדט זי?—זי רעדט דאָך ווי אַן אַנטיסעמיטקע, ווי אַלע גויים! רעדען, נאַ, דאָס קומט אַרויס פון חבר׳ן זיך מיט זיי.—האָסט געהערט?—געלד, אַז יודען האָבען געלד, ווי אַלע גויים זאָגען. נאַ, זעה, וואָס זיי האָבען אויס דעם קינד געמאַכט!— וואָס פאַר אַ שפּראַך האָסטו דאָס געקראָגען, מיין טאָכטער?!

יוסטינאַ.

איך הויב אָן צו פערשטעהן יעצט מיין ברודער, יעצט, ווייס איך, פאַר וואָס ער איז אַוועק פון דער היים, פאַרוואָס ער וויל פון אייך קיין געלד נישט נעמען.

ה׳ מייזנער.

וואָס האָט זי געזאָגט? ווייסטו פון דיין ברודער?— ועסט אויך טון, ווי ער?— פערראַכט אייער פאָטער, פערראַכט!.. וואָס, איך האָב געגנב׳עט, גע׳גזל׳ט? זאָגט, זאָגט, וואָס האָט איהר צו מיר? מען קלאַפּט אין טיר. זיי בלייבען אַלע פערוואונדערט. די טיר עפענט זיך. עס קומט אריין מיכאל.

מ׳ מייזנער.

בערוהיג דיך. זעה, ווער עס איז דאָ.

ה׳ מייזנער

צום הראַביע.

דאָס האָבען מיר אייך צו פערדאַנקען, הער.

מ י כ אַ ל

דערשראָקען.

אָבער וואָס איז געשעהן? זיי ווערען בלע שטיל. צו יוסטינאַ'ן יוסטינאַ! וועסט דאָך מיר דערקלערען.

י ו ס ט י נ אַ

נעמט איהם אָן ביי דער האַנד.

אַך מיכאַל, מיכאַל! דו מיין איינציגער — העלף מיר! איך בין אַזוי אַליין.

מ י כ אַ ל

צו ה' מייזנער.

איך ווייס נישט, וואָס עס איז פאָרגעקומען, — נאָר אייער טאָכ-טערס עהרע איז מיין עהרע, און איך וועל זי פאָדערן, פון וועמעס האַנד דאָס זאָל נישט זיין.

ה' מ י י ז נ ע ר.

איך קען נישט ערלויבען, הראַביע, אַז מען זאָל מיין טאָכטער בעליידיגען ביי מיר אין שטוב — מעג עס זיין פון וועמען דאָס איז. איך פערלאַנג קלאָרע סיטואַציאָן.

מ י כ אַ ל

אויסגעשריגען.

אָבער ווער האָט זי בעליידיגט? ווער האָט עס געוואַגט? ער ווענדט זיך צו יוסטינאַ'ן. יוסטינאַ!

ה' מ י י ז נ ע ר.

אייער אייגענע שוועסטער.

מ י כ אַ ל

ווערט בלייך.

קאַרלינאַ! אַך, גאָט!.. ער פערשטעלט זיך די אויגען מיט די הענד.

י ו ס ט י נ אַ.

ניין, מיכאַל, זי האָט מיך נישט בעליידיגט. זי האָט מיר נאָר גע-זאָגט אַ גרויסען, טרויעריגען אמת, פאַר וועלכען איך בין איהר דאַנקבאַר.

מיכאל.

ה׳ מייזנער, מאַדאַם מייזנער, ער קושט איהר די האנד. דאָ איז אַרויס־געקומען אַ שרעקליך מיספערשטענדניש. איך בעט אייך, ערלויבט מיר אייער טאָכטער דאָס צו דערקלערען. איך גלויב, אַז די זאַך וועט זיך באַלד אויפקלערען. איך בין איבערגעצייגט, מיין שוועסטער האָט געהאַנדעלט אויף אייגענער פעראַנטוואָרטונג.

ה׳ מייזנער.

איך ווייס נישט, אויב מיין טאָכטער וועט וועלען, נאָך דעם וואָס עס איז פאָרגעפאַלען, מיט אייך אַליין בלייבען.

מיכאל.

יוסטינאַ, איך מוז מיט דיר רעדען, איך מוז דיר דערקלערען. איך בעט דיך—האַרך מיך אויס.

יוסטינא

פאלט אויף מיכאל׳ן.

מיכאַל, מיכאַל, מיין איינציגער—העלף מיר!.. פאַפּאַ, מאַמאַ, איך בעט אייך—לאָזט אונז אַליין.

ה׳ מייזנער

צו דער מאדאם.

קום, לאָז זיי אַליין. פערלאָזען דעם צימער.

מיכאל.

יוסטינאַ! ער קושט איהר די הענד, דעם קאָפּ. דאָ איז אַרויסגעקומען אַ גרויס מיספערשטענדניש. איך ווייס נישט, וואָס קאַרלינאַ האָט גערעדט מיט דיר, אפשר האָט זי דיך בעליידיגט,—אָבער בערוהיג דיך. זי האָט עס געטאָן אויף איהר אייגענער פעראַנטוואָרטונג. די מאַמאַ איז געגויגט צו דיר, יוסטינאַ.— איך קום יעצט פון פאָטער אַנטאָניוס,—ער ליעבט דיך ווי אַן איינציגע טאָכטער. איך האָב איהם דערצעהלט פון אונזער ליעבע,—ער האָט זיך זעהר געפרעהט. ער האָט מיר צוגעזאָגט מיט דער מאַמאַ איבערצורעדען און זי איבער־צייגען אין דער ריכטיגקייט פון אונזער שידוך. ער האָט אַ גרויסען איינפלוס אויף דער מוטער. איך בין איבערגעצייגט, יוסטינאַ, אַז די מאַמאַ וועט איינווילליגען.

יוסטינאַ

טוליעט זיך צו איהם.

אַך מיכאַל, מיכאַל, דו מיין איינציגער... איך האָב דאָך נישט קיינעם, קיינעם... איך קען דאָך נישט גלויבען, אַז מיט דעם וואָס איך ליעב דיך, בעגעה איך אַ זינד קעגען גאָט. זאָג, מיכאַל, דאָס האָט דאָך גאָט געמאַכט, אַז דו זאָלסט מיך ליעב קריגען, אַז דו זאָלסט מיין שוץ-מלאך זיין, אַז דו זאָלסט מיך פון דאַנען אַרויסנעמען, אין אַ בעסערער, אין אַ שענערער וועלט פיהרען? זאָג, מיכאַל, איז עס דען נישט אַזוי? פרעהט זיך גישט גאָט מיט אונזער ליעבע?

מיכאַל

קושט זי.

אָ מיין יוסטינאַ, איינציגע, איינציגע... ער קושט זי מיט ליידענשאפט. דאָס זאָגט דאָך אויך אונזער ליעבער פאָטער אַנטאָניוס. — פערגעס אָן דעם וועהטאָג, וואָס מיין שוועסטער האָט דיר אָנגעטאָן. איך ווייס נישט, וואָס זי האָט גערעדט צו דיר,—נאָר דיין צער איז מיין צער און מיין שאַנד... וואָס קאָן איך טון? — איך בין צו שוואַך קעגען איהר: זי איז אַ פרוי. זאָג, האָט זי דיך בעליידיגט?

יוסטינאַ.

אָ ניין, מיכאַל, זי האָט מיך נישט בעליידיגט. זי האָט מיר געזאָגט דעם אמת. זי האָט מיר די אויגען אויפגעעפענט, צו ווייזען מיר, אין וואָס פאַר אַ וועלט איך האָב געלעבט ביז היינט, אַז איך האָב קיינעם נישט, קיינעם גישט אַחוץ דיך... אָ, ווי דאַנק איך גאָט וואָס האָט מיר דיך צוגעשיקט!.. אָ, איך פערשטעה, מיכאַל, איך פערשטעה, פאַרוואָס דו ווילסט נישט נעמען פון מיין פאָטער קיין געלד, קיין נדן, און ווי דאַנק איך דיר דערפאַר! איך וועל דיין דינסט זיין, דיין דינסט,—נאָר נעם מיך אַרויס פון דאַנען, אָ דו, מיין איינציגער!.. זי קלאַמערט זיך אָן איהם.

מיכאַל.

איך דאַנק דיר, יוסטינאַ. איך האָב געוואוסט, אַז דו וועסט נישט פערלירען דעם צוטרויען צו מיר, איך האָב געוואוסט.

יוסטינאַ.

יעצט ערשט רעכט נישט, מיכאַל. איך האָב דאָך קיינעם נישט,

נאָר דיך. מיין פאָטער-מוטער האָב איך פערלוירען, פערלוירען...
אָבער זאָג מיר, מיכאַל, האָבען זיי טאַקע גאָרנישט מעהר נאָר דאָס געלד, פון וועלכען מיין פאָטער רעדט? איז ביי זיי קיין אַנדער נשמה נישטאָ? איך ווייס נישט. מען האָט עס פון מיר פערהוילען, מען האָט מיך שטענדיג געהאַלטען בּעזונדער. איך האָב געהערט, אַז מען שלאָגט יודען, — מען האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס זענען אַנדערע יודען, אַז איך קעהר מיך גאָר נישט אָן מיט זיי... איך האָב געהערט, אַז מען האָט זיי פיינט, — מיין פאָטער האָט, מיר איינגערעדט, אַז דאָס זענען נאָך איבערבלייבענס פון מיטעל-אַלטער. עס קען דאָך נישט זיין! די וועלט איז דאָך פיין געבילדעט. איך קען דאָך דיין מוטער, דיין שוועסטער, איך ווייס דאָך, ווי איהר בעגעהט זיך מיט דעם קלענסטען בעשעפעניש. זאָג מיר, פאַרוואָס האָט מען זיי אַזוי פיינט? האָבען זיי טאַקע גאָרנישט מעהר, נאָר דאָס געלד?

מ י כ אַ ל.

אָ, קינד, דו ביסט גאָר אַנדערש פון זיי. דו האָסט גאָרנישט מיט זיי צו טון. דו ווייסט נישט פון זייערע געשעפטען, דו ביסט אַנדערש. פאַר דיר האָט זיך גאָט אָנגענומען...

י ו ס ט י נ אַ.

אַלע זאָגט איהר אַזוי. אָבער וואָס זענען זיי — דער שטאַם, פון וואַנען איך קום אַרויס? איך קום צו דיר, מיין פריינד, זאָג מיר פון וואַנען קום איך אַרויס? איך ווייס עס נישט. איך ווייס נישט מעהר, ווען דיין מוטער, וואָס האָט רחמנות אויף דעם מינדסטען בעשעפעניש — אַז זי האָט זיי פיינט, דאַרף מען זיי פיינט האָבען. זאָג מיר, דו איינער אַליין קענסט מיר זאָגען דעם אמת.

מ י כ אַ ל.

צו וואָס דאַרפסטו דאָס וויסען? דו ווייסט נישט פון זייערע געשעפטען.

י ו ס ט י נ אַ.

יאָ, מיכאַל, איך דאַרף דאָס וויסען. איך דאַרף זעהן דעם גאַנצען אָבגרונד, פון וואַנען איך קום אַרויס. איך וויל אַוועקגעהן פון זיי מיט דערזעלבער פעראַכטונג, וואָס איהר האָט צו זיי. מיך עקעלט

אויך זייער געלד. איך וויל אַוועקגעהן אין דעם אַנדערן גלויבען, אין דער בעסערער וועלט, און וועלכער דו פיהרסט מיך אַריין, מיט דער איבערצייגונג, אַז איך געה אַוועק פון שלעכטס צו גוטס. זאָג, וואָס האָבען זיי אויסער זייער געלד? זענען, ווירקליך, יודען אַזוי מיאוס, אַז מען דאַרף זיי חושד זיין?

מיכאַל.

איך האָב צו יודען גאָרנישט. דאָס איז אַ האַנדעלס-פאָלק. עס געפינען זיך צווישען זיי זעהר אָנשטענדיגע מענשען. אָט קען איך איינעם אַ האַנדליאַרזש. נאָך מיין פאָטערס טויט, ווען איך האָב זיך גענומען די גיטער צו פערוואַלטען, האָט ביי אונז אין הויף געהאַנדעלט אַזאַ אָרים יודעל שעפסען. מאָשעק האָט מען איהם גערופען. קומט ער אַמאָל צו מיר, גיט מיר אַ קוש אין האַנד און זאָגט מיר: „שלאַכטשיצו, דער אַלטער פאַן האָט מיר צוגעבאָרגט צו די פאַריאָהריגע שעפסען הונדערט רובעל, האָב איך זיי יעצט אָבגעבראַכט“. נו, איז עס נישט קיין פיינקייט פון אַ יודען אָבצוגעבען אַן אַלטען חוב? ער האָט געוואוסט, אַז איך וועל נישט וויסען, — מיין פאָטער האָט נישט אַזוי מדקדק געווען אין די חשבונות.

יוסטינאַ

קוקט איהם אָן פערוואונדערט — ווערט צעמישט — פאַסט זיך, זאָגט דאַן נאָך אַ פויזע.

אפשר האָט ער געוואָלט אַזוי אַרום ביי דיר זיך איינקויפען?

מיכאַל.

עס קען זיין. אָבער פאַרוואָס זאָל איך געהן נאָכקלערען, וואָס יענער מיינט? פאַר מיר איז עס גענוג, אַז אַ יוד געפינט זיך אַזוי פערפליכטעט. איך האָב נאָר נישט ליעב די רייכע, די קולטורעלע פון זיי

יוסטינאַ.

זיי זיינען דאָך ציוויליזירטע מענשען?

מיכאַל.

ציוויליזירטע. זיי קליידען זיך נאָך דער לעצטער פאַריזער מאָדע, זיי רעדען אין ציוויליזירטע שפראַכען, און דערביי זענען זיי שוצלויז. יעדער איינער קען זייערע פרויען בעליידיגען, זייערע טעכטער

פערגוואַלדיגען—ווי נישט לאַנג איז דאָ דער פאַל געווען—און זיי האָבען נישט קיינעם, ווער עס זאָל זיך פאַר זיי אָננעמען... זיי האָבען די געוועהנהייט פון אויפפאַלענקייט, ווי זיי וואָלטען שטאָלצירט מיט דעם געלד, וואָס זיי האָבען; ווי דאָס געלד וואָלט זייער היים געווען. זיי נעמען אַזוי לייכט אָן די זיטען פון יעדען לאַנד..° אָבער קינד, צו וואָס דאַרף מען רעדען דערפון? דו ביסט שוין אַרויס פון זיי און געהערסט שוין אין אַן אַנדער וועלט אַריין.

**יוסטינאַ**

*(צו פאר זיך.)*

בין איך אויך שוצלויז געווען? האָט מען מיר אויך געקענט בעליידיגען, בעשימפען, ווי זיי אַלע, און קיינער וואָלט זיך נישט געהאַט פאַר מיר אָנצונעמען, קיין ברודער וואָלט מיין שאַנד נישט געפאָדערט?—און איך בין אַרומגעגאַנגען שטאָלץ, אין זיידענס געפוצט, מיט באַנעס בעוואַכט, דינער האָבען אויף מיין וואונק געוואַרט אין מיין טאַטענס רייכע שטיבער – און איך האָב געמיינט, אַז איך בין אַ גרעפין—אַ פּאָלק, אַן אַרמעע וואַרט הינטער מיר זיך אָנצונעמען פאַר מיין עולה, ווי פאַר יעדער טאָכטער פון דער ציוויליזירטער וועלט... אָ, איך פּוסטע יודישע טאָכטער, געשמינקט מיט ציוויליזאַציע – און נאַקעט און אָרים, ווי דאָס אָרימסטע ציגיינער-קינד !..

**מיכאַל.**

וואָס רעדסטו, יוסטינאַ? פאַר דיר איז דאָ ווער זיך אָנצונעמען, דיין כבוד צו שיצען.

**יוסטינאַ.**

אָ ניין, מיכאַל, איך האָב נישט קיין רעכט צו פערלאַנגען פון דיר שוץ. צו איידעל איז דיין האַנד זיך אָנצונעמען פאַר אַזאַ ציגיינער-קינד, ווי איך בין.

**מיכאַל.**

וואָס רעדסטו, יוסטינאַ? דו ביסט שוין לאַנג אַרויס פון זייערע רייהען.

**יוסטינאַ.**

מיר דאַכט זיך, מיכאַל, אַז דיין שוועסטער האָט רעכט, אַז איך

האָב נישט קיין רעכט צו פערלאַנגען ביי אַנדערע שוץ, נאָר ביי דעם, וואָס האָט מיך בעשאָנקען מיט זיין חסד פון קליינערהייד אָן, ביי איהם נאָר אַליין דאַרף איך זוכען זיכערהייט.

מיכאַל.

יוסטינאַ, ווי זאָל איך דאָס פערשטעהן?

יוסטינאַ.

איך קום אַרויס פון אַ פאָלק, וועלכעס מען איז חושד, און איך זעה, אַז מיט רעכט האָט מען אויף זיי פערדאַכט. מיין ליעבע צו גאָט דאַרף זיין ריין, אָהן אייפערזוכט, אַז קיינער זאָל נישט קענען זאָגען, אַז איך האָב אַן אַנדער מיין געהאַט.

מיכאַל.

אָבער, יוסטינאַ, וואָס רעדסטו? האָבען דיך מיינע ווערטער אַזוי געקרענקט? דו ווייסט, ווי איך וויל נישט רעדען דערפון...

יוסטינאַ.

אָ, פערקעהרט, מיכאַל, איך בין דיר דאַנקבאַר דערפאַר. נאָר דאָס האָט מיך איבערגעצייגט, אַז איך קום אַרויס פון אַ פאָלק, וואָס טראָגט אַ גרויסע זינד אויף זיך, און מיין לעבען מוז זיין אַ גרויסע תשובה, אַ גרויס אָפּער — אַ לאַנגעס ליכט פאַר זיין בילד... אַנדערש וועט מען מיך חושד זיין, און מיט רעכט, מיכאַל.

מיכאַל.

יוסטינאַ, וואָס רעדסטו!

יוסטינאַ

פאַלט צו איהם, גראָבט איהר פנים אין זיין הארץ, וויינענדיג.

איך האָב נישט קיין רעכט אויף קיין גליק, מיכאַל!.. א לאנגע פויזע.

זי געהט אָב צו זיך אין צימער. פערצייה מיר, מיכאַל. איך מוז יעצט זיין אַליין. געהט אָב.

מיכאַל

רופט איהר נאָך.

איך געה, אָבער איך קום צוריק, יוסטינאַ!

# דריטער אַקט.

אין סאלאָן ווי אין ערשטען אקט. מ׳ מייזנער זיצט ביים פענסטער און נעהט. עס טונקעלט. עס קומט צריין פון גאס

ה׳ מייזנער.

גוטען אָוועגד, מאַמאַ. קושט איהר די הענד. וואָס מאַכט דאָס קינד?

מ׳ מייזנער.

איז ביי זיך אין צימער. זי האָט זיך אַ ביסעל בערוהיגט.

ה׳ מייזנער.

דאָס קינד לאָזט מיך נישט רוהיג איינזיצען אין באַנק. — האָט זי גערעדט מיט דיר?

מ׳ מייזנער.

ניין.

ה׳ מייזנער.

האָט זי דיר גאָרנישט געזאָגט וועגען הראַביע, וועגען שידוך?

מ׳ מייזנער.

זי פרעגט זיך אויפ׳ן ברודער, פאַרוואָס ער איז אַוועק פון דערהיים.

ה׳ מייזנער

דערשראָקען.

און וואָס האָסטו איהר געענטפער

מ׳ מייזנער

שווייגט.

ה׳ מייזנער.

אום גאָטעס ווילען, דאָס קינד טאָר פון קיין זאך נישט וויסען — יעצט, אין איהר צושטאַנד!

מ׳ מייזנער.

וועסט דאָך נישט בעהאַלטען פאַר איהר דאָס, וואָס אַלע ווייסען.

זי ווייס גאַנץ גוט, אַז איהר ברודער איז מיט איהר אין איין שטאָדט און קומט נישט אַהיים, און זי פרעגט מיך, פאַרוואָס.

ה׳ מייזנער.

אָבער וואָס האָסטו איהר געענטפערט?

מ׳ מייזנער.

איך האָב איהר געזאָגט – איך ווייס נישט, וואָס מיין זוהן האָט צו אונז, פאַרוואָס ער וויכט אונזער הויז, וואָס ער איז געגאַנגען זוכען. איך ווייס נישט. איך ווייס נישט, וואָס זיי ווילען. זי וויינט.

ה׳ מייזנער

געריהרט.

נו, בערוהיג דיך. זיי ווילען סיי ווי סיי גאָרנישט געפינען. עס איז גאָר נישטאָ דאָ. ער וועט צוריק קומען, צוריק קומען, דיין זוהן. נישט היינט, איז מאָרגען. עס איז גאָר נישטאָ, וואָס צו זוכען.

מ׳ מייזנער.

אָבער עס איז דאָך מיר אַ שאָד זיינע יונגע יאָהרען.

ה׳ מייזנער.

בערוהיג דיך, מאַמאַ, דאָס פייער וועט זיך אַמאָל אויסלעשען, — נאָר דאָס קינד בעהאַלט מיר. איך האָב מורא פאַר איהר, איך האָב מוראָ – יעצט, ביי איהר צושטאַנד – זי זאָל נישט דאָס טון, וואָס איהר ברודער

מ׳ מייזנער

דערשראָקען.

בערנאַרד, וואָס רעדסטו!

ה׳ מייזנער.

עס איז אָנשטעקענד, מאַמאַ. פאָרזיכטיג! אין דערשטיל. איך וואָלט שוין ליעבער געהאָלט, אַז עס זאָל ווערען דער שידוך מיט׳ן הראַביע – איידער דאָס... די קינדער ליעבען זיך. אַראָב די זאָרג פון קאָפּ.

מ׳ מייזנער.

געוויס, בערנאַרד, וואָלט עס גלייכער געווען.

ה׳ מייזנער.

נאָר דאָס געשפּרעך פון דער ראַביניע געפעלט מיר נישט. מיר האָבען נישט אויפגעצויגען אַ קינד פאַר זיי. און אונזער קינד האָט זיך מיט אונז נישט וואָס צו שעמען, איך וועל עס איהם זאָגען ביי דער ערשטער געלעגענהייט. איך האָב ליעב קלאָרע סיטואַציאָן מען רודערט הינטער דער טיר. ווער דאָרט? — עס קומט אַריין ר׳ שמואל. טאַטע — דו? וואָס איז?

ר׳ שמואל

קוקט זיך אַרום אין שטוב, זאָגט מיט אַ געדעמפטער שטים.

עפּיס גיט גוסס טוט זיך דאָ ביי דיר אין שטוב, מיין זוהן, עפּיס וואָס געהט דאָ פאָר, וואָס מיר געפעלט ניט.

ה׳ מייזנער

פערוואונדערט.

וואָס איז? וואָס איז געשעהן? האָט דיך ווער בעליידיגט?

ר׳ שמואל.

מיך נישט, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז דו געהסט בעליידיגען גאָט. — איז גאָטס כבוד קלענער פון מיינעם? — זאָג מיר, מיין זוהן, קען איך נאָך ביי דיר אין שטוב אַ ברכה מאַכען? איז נאָך גאָט דאָ ביי דיר אין שטוב?

ה׳ מייזנער.

אָבער וואָס מיינסטו, טאַטע?

ר׳ שמואל

געהט נעענטער צו צו איהם.

דו ווייסט, וואָס איך מיין. איך האָב מיך אויפגעהאַלטען אין דיין הויז, איך האָב פערטראָגען אַלע עולות, וואָס דו טוסט קעגען גאָט, וויייל איך האָב געוואָלט ראַטעווען דיין הויז מיט מיינע תפילות, מיט מיין תהלים זאָגען. איך האָב מלחמה געהאַלטען מיט׳ן שטן — ער געהט גאַנץ נאָהנט צו צו איהם. זאָג, האָט ער שוין גובר געווען?

ה׳ מייזנער

קומט אויפ׳ן זין.

אַהאַ, דאָס מיינסט דו? קעגען דעם קען איך גאָרנישט טון. מיר לעבען, טאַטע, אין אַ ציוויליזירטען צייט-אַלטער. — אַלע מענשען זענען גלייך, און איינער דאַרף נישט דעם צווייטען צו שטערען. קיינער שטערט דיך נישט דיר דיינע תפילות צו זאָגען, דאַרפסט דו אויך נישט דעם צווייטען צו שטערן צו לעבען, אַזוי ווי ער פערשטעהט און ער קען. דאָס הייסט טאָלעראַנץ—מען דאַרף טאָלעראַנט זיין.

ר׳ שמואל

שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

אַז איך זעה, ווי מיין ליכט לעשט זיך אויס, ווי מיין קינד מאַכט אַן ענד פון דעם אַלעם, וואָס איך און מיינע עלטערן האָבען גע-ראַטעוועט מיט זייער בלוט, — דאַרף איך גאָרנישט זאָגען? אַז איך זעה די גרוב, אין וועלכען איך און אַלץ, וואָס קומט נאָך מיר, פאַלט אַריין, ווי אין אַ שוואַרצען תהום, דאַרף איך גאָרנישט זאָגען? הייסט דאָס טאָלעראַנץ?

ה׳ מייזנער

דו וועסט דעם צייט-אַלטער נישט אָבשטעלען. דעם גאַנג פון דער ציוויליזאַציאָן ניט שטערען. מיר זענען ציוויליזירטע מענשען. מיר לעבען אין אַ צייט, וואו אַלץ איז גלייך—אַלע מענשען זענען גלייך דינען צו איין גאָט—טאָלעראַנט דאַרף מען זיין.

ר׳ שמואל.

טאָלעראַנט דאַרף מען זיין! איך פערשטעה דיך, מיין זוהן, איך פערשטעה דיך... געהט אַרויס.

ה׳ מייזנער.

און בערוהיג דיך, פּאַפּאַ. גלויב מיר, אַז גאָט אַליין האָט דאָס געטאָן —

עס קומט אַריין יאַן און מעלדעט.

דער פאַן דאָבראָווסקי.

ה׳ מייזנער

פערוואונדערט.

דער פאַן מיכאַל? מאַמאַ, וואָס קאָן דאָס זיין? צו יאַן. בעט אַריין. דערמאָנט זיך אָן פאָטער, ער רופט נאָך. טאַטע, מיר וועלען נאָך רעדען דערפון. צו דער מאַדאַם. דער הראַביע, וואָס האָט ער צו מיר?

מ׳ מייזנער.

מוזט איהם עמפּפאַנגען. — זאָל איך אַרויסגעהן, אפשר האָט ער מיט דיר עפּיס צו רעדען?

ה׳ מייזנער.

בלייב נאָר, מאַמאַ, בלייב נאָר. לאָמיך הערען, וואָס ער וויל.

עס קומט אַריין מיכאַל, אָפיציעל אָנגעטאָן, פערבויגט זיך. די מאַדאַם שטרעקט איהם אויס די האַנד. ער קושט דער מאַדאַם די האַנד.

ה׳ מייזנער

ווילט איהר צו מיין טאָכטער? ער ווייזט אויף דער טיר. זי איז ביי זיך אין צימער.

מיכאַל.

ניין, ה׳ מייזנער, איך בין געקומען צו אייך.

ה׳ מייזנער.

צו מיר,—ביטע, מיט וואָס קאָן איך דינען? ערלויבט, זעצט אייך. ווייזט אָן א שטול.

מיכאַל.

איך בין געקומען אייך פערצייהונג בעטען פאַר דעם מיספערשטענדעניש, וואָס איז אַרויסגעקומען דורך מיין שוועסטער.

ה׳ מייזנער.

די פערצייהונג געהער נישט אונז, נאָר דער, וואָס האָט געליטען.

מיכאַל.

די עהרע פון אייער טאָכטער איז מיין עהרע, און איהר צער איז

מיין צער, און איך בין געקומען אייך פערזיכערן, אז אייער טאָכ־
טער וועט האָבען די סאַטיספאַקציאָן, וואָס איהר קומט.

ה׳ מייזנער.

איך גלויב אייך — שאָקעלט איהם די האַנד — און איך דאנק אייך. איך
האָב געוואוסט, אז איך האָב צו טון מיט אַן עהרען־מאַן. פויזע. האָט
איהר גערעדט מיט מיין טאָכטער?

מיכאל.

יאָ.

ה׳ מייזנער.

נו?

מיכאַל.

האָט זי אייך גאָרנישט געזאָגט דערפון?

ה׳ מייזנער.

ניין. יוסטינאַ איז ביי זיך אין צימער און בעהאַלט זיך פאַר מענ־
שען.

מ׳ מייזנער.

מיין טאָכטער ליידט, הראַביע

מיכאַל.

וואָלט איך געצווייפעלט איין מאָמענט אין דער ליעבע פון אייער
טאָכטער צו מיר, נאָך דעם וואָס עס איז פאָרגעפאַלען, — וואָלט
איך נישט געוואַגט דאָ אַהער צו קומען און צו פערשוועכען איהר
הייליג געפיהל מיט מיין ערינערונג. ווען איך בין יעצט אַהער גע־
קומען צו אייך, איז עס דערפאַר, ווייל איך בין איבערגעצייגט, אַז
אייער טאָכטער ליעבט מיך, איהר געפיהל האָט זיך צו מיר נישט
גענענדערט, אַזוי ווי מיינס צו איהר, נאָר אַן אומגליקליך מיספער־
שטענדניש, וואָס איז אַרויסגעקומען אָהן אונזערביידענס ווילען,
האָט זיך געלעגט ווי אַ שטיין אויף אונזער צוזאַמענדיגען וועג, און
איך בין געקומען צו אייך, אייך בעטען אונז העלפען אָבווישען
דאָס מיספערשטענדניש, וואָס קען פיהרען צו אונזער ביידענס
אומגליק.

ה׳ מייזנער.

דעם שטיין אויפ׳ן וועג האָב איך נישט געלעגט, נאָר אַנדערע, און אַנדערע מוזען איהם אַוועקנעמען.

מיכאַל.

געוויס, געוויס. נאָר דאָ האַנדעלט זיך אום דעם, אַז מיר אַלע זאָלען בייהעלפען, אַז דאָס אומגליקליכע מיספערשטענדניש זאָל פערשווינדען.

ה׳ מייזנער.

איך ווייס נישט דעם בעשלוס, וואָס מיין טאָכטער האָט אָנגענומען, נאָר יעדענפאַלס וועל איך וויסען, ווי זי צו בעשיר׳עמען.

מיכאַל.

וואָס מיינט איהר דערמיט?

ה׳ מייזנער.

ערלויבט מיר מיט אייך אָפען צו רעדען, הראַביע. ווען מיין טאָכטער האָט מיר פּערטרויט איהר האַרץ, מוז איך אייך זאָגען, אַז זעהר צופרידען זיין דערפון בין איך נישט געוועזן. נישט וואָס איך האָב עטוואָס קעגען אייך — איך קען אייך און ווייס, אַז איהר זענט אַ דזשענטעלמען. אויך נישט די פערשיידענהייט פון די רעליגיאָנען איז מיר אין וועג געשטאַנען. איך בין אַ פרייער מענש און איך וועל מיין קינד נישט אומגליקליך מאַכען צוליעב רעליגיאָן. נאָר איך בין אַ האַנדעלסמאַן און האָב ליעב, ווען איך גיה מאַכען אַ געשעפט, קלאָרע סיטואַציאָן. ווען איהר זייט נישט קיין קריסט, בין איך נישט קיין יוד — היינטיגע צייטען שפּיעלט די רעליגיאָן קיין ראָלע ניט — נאָר קוים הויבט איהר זיך אָן צו גרויסען מיט אייער קריסטליכקייט, קוים ווילט איהר ווערען קריסט — בין איך אַ יוד, האָב איך מיין שטאָלץ.

מיכאַל

ה׳ מייזנער, ווען איך שטעה דאָ און הער אויס אייערע ווערטער איז עס דערפאַר, ווייל אייער טאָכטער ליידט. פּויזע.



עס קומט אַריינצולויפען יוסטינא, וועלכע האָט געהערט דאָס געשפּרעך. זי איז זעהר

בלייך. אלע ווערען שטיל. מיכאל הויבט זיך אויף, פערבויגט זיך טיף פאר איהר און וויל ארויסגעהן.

יוסטינאַ

געהט צו צו איהם און גיט איהם די האנד.

פאַרוואָס געהסטו אַוועק, מיכאַל? האָב איך דיר געשטערט

מיכאַל

ניין, יוסטינאַ. איך האָב נישט קיין רעכט אויף דעם גליק מיט דיר צו ריעדען, ביז עס וועט נישט ווערען אָבגעוואַשט דאָס אומרעכט, וואָס איז דיר געשעהן. פערבויגט זיך פאר דער מאדאם.

מ׳ מייזנער.

אָבער פאַן מיכאַל, איהר זענט דאָך נישט בעליידיגט?

מיכאַל

געוויס נישט, מאַדאַם. איך פערשטעה דעם ה׳ מייזנער גאַנץ גוט, אפשר האָט ער רעכט, נאָר אַך מיין, אַז אַייער טאָכטער דענקט אַנדערש, און דאָס איז פאַר מיר גענוג.

ה׳ מייזנער

מיין טאָכטער דאַרף עס הערען. איך גלויב, אַז מיין טאָכטער האָט אויך די זעלבע מיינונג, וואָס איך —

מיכאַל

רייסט איהם איבער די רייד.

איהר וועט מיר פערצייהען, אייער טאָכטער דאַרף נישט וויסען פון דעם געשפרעך, וואָס מיר האָבען געהאַט. זי איז ווייט פון דעם אַלעם. יעדענפאַלס וועט איהר ערלויבען, אַז איך זאָל מיך דער־ווייטערן ביי דעם געשפרעך, וואָס איהר ווילט האָבען מיט אַייער טאָכטער. ער פערבויגט זיך פאר ה׳ און מ׳ מייזנער און געהט ארויס.

יוסטינאַ

בלייך.

וואָס איז געשעהן?

ה׳ מייזנער.

מיין ליעב קינד!.. קושט זי אויפ׳ן שטערן. זעץ דיך, מיין ליעב קינד

איך וויל עפּיס מיט דיר רעדען, איך האָב מיט דיר זעהר ערנסטעס צו רעדען.

מ׳ מייזנער.

פאַרזיכטיג זיי, פּאַפּאַ, פאַרזיכטיג מיט׳ן קינד.

ה׳ מייזנער.

פערלאָז דיך אויף מיר — איך בין אַ פאָטער. ער נעמט ארום יוסטינא׳ן טאָכטער, דו ביסט יעצט אונזער איינציג קינד. אונזער גאַנצע האָפענונג ליגט אויף דיר. דו ביסט אונזער פרייד, אונזער איינציגע פרייד אויף אונזערע אַלטע טעג...

מ׳ מייזנער

הויבט אָן צו וויינען.

יוסטינאַ

דערשראָקען.

אָבער וואָס איז געשעהן?

ה׳ מייזנער.

גאָרנישט, מיין קינד. איך וויל אָנריהרען זעהר אַ דעליקאַטע זאַך, מיין טאָכטער. נאָר זאָג מיר — האָסטו נאָך ליעב דעם ראַביין?.. איך האָב זיך נישט געוואָלט אריינמישען אין זיין גליק. איך האָב נישט געקוקט אויף קיין רעליגיאָן, איך האָב נישט געקוקט אויף קיין סאָציאַלע אונטערשיידען, ווי עס האָט נישט מיין האַרץ געוועהטאָגט. איך האָב נישט געוואָלט צעשטערען דיין גליק, דאָס גליק פון מיין איינציג קליין קינד... ער בויגט צו זיין געזיכט צו איהר און וויינט. אָבער זאָג מיר, קינד, האָט זיך ביי דיר גאָרנישט אומגעביטען? האָסטו נאָך צו איהם דאָס זעלבע געפיהל, וואָס פריהער?

יוסטינאַ

שווייגט.

ה׳ מייזנער.

זאָג, מיין קינד, זאָג. פאַר מיר מעגסטו עס פערטרויען. עס איז זיך נישטאָ וואָס צו שעמען, די ליעבע איז שטאַרקער פון אַלע געפיהלען. ליעבסטו איהם, וועל איך אַהין געהן צו איהם. איך וועל איהם בעטען, אַז ער זאָל מיר מוחל זיין... זאָג מיר, טאָכטער.

יוסטינא

צווישען מיר און מיכאל׳ן איז נאָך גאָרנישט בעשטימט. זי פערשטעלט זיך דאָס געזיכט. עפּיס וואָס איז געשעהן צווישען אונז.

ה׳ מייזנער

קושט זי אויפ׳ן קאָפּ

אַז דו זאָגסט אַזוי, בין איך שטאָלץ אויף דיר, מיין קינד. מיר זענען יודען, נאָר מיר האָבען אונזער עהרע... מיר זענען טאַקע פרייע מענשען, נאָר קוים בעליידיגט מען דיך אַלס יוד — האָבען מיר אונזער פּערזענליכען שטאָלץ.

יוסטינא.

ניין, פּאַפּאַ, האָסט נישט קיין רעכט אַזוי צו זאָגען. עס האָט מיך קיינער נישט בעליידיגט, און איך גען נישט איבער צום קריסטענ-טום איבער שטאָלץ, נאָר אויס הכנעה גען איך איבער צו דער קירך, ווייל איך האָב געפונען אין איהר די ריכטיגע אמונה און איך וויל זוכען ביי איהר טרייסט און גלויבען.

ה׳ מייזנער

קוקט זי אָן פערוואונדערט.

וואָס זאָגסט זי?

מ׳ מייזנער

קלערסטו נאָך, מיין קינד, פון דעם שידוך מיט׳ן הראַביע?

ה׳ מייזנער

שרייט אויס.

דו מאַכסט דאָך מיך משוגע! זאָג דאָך אונז איין מאָל פאַר אַלע מאָל דיין מיין.

יוסטינא.

ווי קומט דער שידוך אין צוזאַמענהאַנג מיט מיין גלויבען, מיט מיינע איבערצייגונגען?

ה׳ מייזנער.

דו מיינסט דאָך נישט, מיין טאָכטער... קוקט זי אָן ערשטוינט

יוסטינא.

טאַקע איבער מיינע איבערצייגונגען, פּאַפּאַ, מוז איך מיך אָבזאָגען פון מיין ערדישער ליעבע, כּדי די ליעבע צו מיין גאָט, צו דער קירך, וועלכע איך האָב זיך אויסדערוועהלט, זאָל אַרויסקומען ריין אָהן איין פלעקעל פון אייגענליעבע און אייגעננוץ.

ה׳ מייזנער.

וואָס רעדט זי? צו דער פרוי. מאַמאַ, וואָס זאָגט זי? איך פערשטעה זי נישט, איך פערשטעה זי נישט.

מ׳ מייזנער.

טאָכטער, וואָס טוט זיך מיט דיר? עס קען דאָך נישט זיין דיין ערנסט!

יוסטינאַ.

אָבער, מאַמאַ, איהר האָט דאָך נישט געקענט גלויבען, אַז איך נעם אָן אַן אַנדער גלויבען צוליעב געשעפט. גאָט, וואָס האָט איהר געדענקט פון מיר!

ה׳ מייזנער.

טאָכטער, דו ביסט דאָך נישט משוגע, דו ווערסט דאָך זיך נישט שמד׳ען צוליעב איבערצייגונגען. איך קאָן דאָך נישט גלויבען, אַז דו ביסט איבערגעצייגט, אַז יענע רעליגיע איז בעסער. מיר ווערסטו דאָך נישט איינרעדען. מיר זענען דאָך פרייע מענשען, דו האָסט דאָך בעקומען אַ גוטע ערציהונג. וואָס רעדסטו?

יוסטינאַ.

אָבער, פּאַפּאַ, איך ווייס דאָך פון אייער רעליגיע גאָרנישט, איך ווייס דאָך נישט, ווער אייער פאָלק איז און ווער מיין זיידע איז. איך קען נאָר יענע רעליגיע, וועלכע איך האָב געלערנט ביי דער אַם קליינערהייד, און דערנאָך ביי דער פּאַני דאָבראָווסקאַ, און ווייס, אַז זי איז די איינציגע, וועלכע גיט דעם מענשען דאָס רו-היגע געוויסען, אַז ער געהער נישט זיך, נאָר צום גאַנצען כּלל. דאָס איז דאָך מיין געוויסען, וואָס איך האָב מיר געפונען. איהר קאָנט דאָך נישט גלויבען, אַז איך האָב געהאַנדעלט מיט מיין געוויסען.

**מ׳ מייזנער.**

ווער זאָגט דאָס מיט געוויסען? מיר האָבען געמיינט, אַז דו טוסט עס פאַר ליעבע. דער ליעבע איז מען אַ סך מוחל, די ליעבע שטעהט העכער פון דער רעליגיאָן. זי פערבינדעט די מענשען פון אַלע נאַציאָנען און אַלע רעליגיאָנען. — אָבער קוים, טאָכטער, ווערט נישט פון דער פאַרטיי, — צו וואָס טויג דיר דאָס מיט אַ וועלט איינצוּרייסען, דיינע פאָטער און מוטער שמערצען אָנצוטון און דעם אַלטען גראָספאָטער אַזוי צו קרענקען? עס געהט דאָך איהם אין לעבען. און דיין פאָטער וועט אויך דערפון זעהר פיעל ליידען — יודען וועלען זעהר קעגען איהם זיין. צו וואָס טויג דיר דאָס, טאָכטער?

**יוסטינא.**

אָבער, מאַמאַ, דאָס איז דאָך דאָס איינציגע שטיקעל ליכט, וואָס איך זעה אין מיין פערנעפּעלטען לעבען... וואָס האָב איך געהאַט אין אַייער הויז? וואָס האָט איהר מיר געגעבען, מיין לעבען אַ טעם צו געבען, מיין לעבען אַ געדאַנק, אַן אידעע צו געבען? וואָס האָב איך געפונען ביי אייך אין ירושה, אַז איך זאָל עס ווייטער ציהען? וואָס איז מיין לעבען אָהן דעם ריכטיגען גלויבען. אַז גאָט האָט בעשאַפען דעם מענשען גוטס צו טון, און מיט דעם פערבינדעט ער זיך מיט איהם אין זיין ליעבע? אָ, דאָס וואָס איך האָב מיר געפונען, דאָס איז דאָך דער זין פון מיין לעבען, דאָס איז דאָך די מציאה, וואָס איך האָב מיר געפונען און וועל עס נישט פון דער האַנד אַרויסלאָזען!..

**ה׳ מייזנער.**

וואָס פאַר אַ שפּראַך רעדט זי? ביי וועמען האָט זי דאָס געלערנט? וואָס קריסטעלט זי אַזוי? די בעסטע לעהרער האָב איך פאַר איהר געהאַלטען, זי קען שפּראַכען, וויסענשאַפטען. ער ווענדעט זיך צו איהר. דו ביסט ערצויגען אין פרייען, מענשליכען גייסט. ווער האָט דאָס דיך די רעאַקציאָנערע געדאַנקען געלערנט? דאָס האָבען זיי, די גוים, איהר אַזוי דעם קאָפּ פערדרעהט, איינגערעדט איהר — און זי, נאַר, נעמט עס אָן אויף דער ערנסט... נאַר דו, קינד דו, דאָס זענען אַלץ געווען שענע ווערטער... ווען אויס דעם שידוך וואָלט

געוואָרען — ליעבע צו דער וועלט ... אָפּפּערונג — גאַנץ שען.
אָבער היינט, קינד — דאָס זענען פראַזען, שענע דעקלאַמאַציעס.
אַלע זאָגען דאָס — און זי נעמט דאָס ערנסט

**יוסטינאַ**

שרייט אויס.

פּאַפּאַ, וואָס רעדסטו, וואָס רעדסטו? ווי קענכטו דאָס? דו!.. דו!..

זי שפּרינגט אויף, פאלט אָבער צוריק אין איהר שטול און ברעכט אויס אין גרויס געוויין. פּויזע, גרויסע בעוועגונג.

**ה׳ מייזנער**

שרייט אויס.

וואָס טוט זיך דאָ? אויף וואָס פאַר אַ וועלט לעב איך? איינער איז אַוועק צו אַלדי שוואַרצע יאָהר — איך ווייס נישט וואוהין, — און זי — משוגע געוואָרען, משוגע... וואָס טוט זי? וואָס רעדט זי? וואָס וויל זי? וואָס האָט מען איהר דעם קאָפּ פערדרעהט? ווענדט זיך צו דער פרוי. מאַמאַ, איך וועל משוגע ווערען!.. וואו איז דער פּאָטער? זאָל ער אַריינקומען, זאָל ער זעהן מיין אומגליק. ער רופט. פּאָטער! פּאָטער!.. ער קלינגט צו יאַנ׳ען. רוף דאָ אַהער דעם אַלטען הער!.. וואָס וויל זי טון? — שמד׳ן זיך, צוליעב וואָס? — פרעג איך. ער לויפט צו צו דער טאָכטער. וועסט אפשר אין אַ קלויסטער געהן, צווישען די מנישקעס זיך זעצען? — דו, וואָס די האָסט געענדיגט דעם פּענסיאָן?

**יוסטינאַ.**

איך ווייס נאָך נישט, וואָס איך וועל טון.

**יאַן**

קומט אריין.

דער אַלטער הער האָט זיך איינגעפּאַקט די זאַכען און געהט אַוועק פון דאַנען.

**ה׳ מייזנער**

דערשראָקען.

וואָס איז? וואָס איז געשעהן? וואָס איז? ער עפענט אויף די טיר און לויפט ארויס רופענדיג. טאַטע, טאַטע, וואָס איז? וואו ביסטו? — ער

קומט אריין מיט ר׳ שמואל — ער איז שוין אנגעכאַן צום אוועקגעהן. האלט אַ פעקעל אין האנד מיט אַ שטעקעל. טאַטע, זעה, מיין אומגליק, זעה מיין שאַנד! מיין קינד געהט זיך שמד'ן, פאַר גאַרנישט אין דער וועלט שמד'ן! — רעד דו מיט איהר — דערקלער איהר, ביסט דאָך עלטער פאַר מיר.

ר׳ שמואל

איך האָב שוין גאָרנישט דאָ וואָס אין דער שטוב צו טון, דער שטן האָט גובר געווען. — האָסט געמיינט, אַז דו וועסט מיט דיין חכמה אָהן גאָט אויסקומען. מיט חכמה אָהן גאָט וועסטו אין די הערצער פון דיינע קינדער גאָרנישט איינפלאַנצען. איך האָב נישט וואָס מעהר דאָ צו טון. וויל ארויס.

ה׳ מייזנער,

וועלכער בעמערקט ערשט יעצט, אז דער פאַטער איז אין ראָק מיט'ן שטעקען

טאַטע, וואו אהין געהסט דו? אוועק פון מיר? וואו וועסט דו דיך אויפהאַלטען?

ר׳ שמואל׳

איך וועל אין אַלטען בית-המדרש געהן, און מושב זקנים זיך זעצען, יודען בעטען, יודען וועלען רחמנות האָבען אויף אַן אַלטען מאַן. איך וויל נישט זיין אין אַ שטוב, וואו מען בעליידיגט דעם יודי-שען גאָט!

ה׳ מייזנער.

וואָס אַנטלויפען זיי אַזוי פון מיר? וואָס אַנטלויפען זיי?.. ער לויפט צו ום פאַט . פאַטער, איך בין יעצט אַליין, מיין קינד געהט אוועק פון מיר—העלף מיר, טאַטע, רעד דו מיט איהר.

ר׳ שמואל.

איך ווייס נישט, אויב זי וועט מיך הערען, אויב זי איז שוין נישט אין שטנ'ס האַנד.

יוסטינאַ,

וועלכע האָט די גאַנ צייט, ווען דער זיידע האָט גערעדט, ווי בעהאַלטען זיך פאַר איהם, מורא געהאַט צ קוקען אויף איהם, שפּריננט אויף, לויפט צו צום זיידען.

און דו געהסט אויך אַוועק פון דאַנען! דו אויף דיינע אַלטע יאָהרען פערלאָזט אויך דאָס הויז!

ר' שמואל

*קוקט זי אַן.*

ווייסט דו, מיין טאָכטער, וואָס דו געהסט טון? — איך בין געזעסען אויבען אין מיין שטיבעל און געוואַכט איבער דיר טאָג און נאַכט. איך האָב תהלים געזאָגט, מיינע תפלות געבעטען. איך האָב געוואוסט, אַז דאָ, ביי דיר, איז מיין גרוב, אין וועלכער איך פאַל אַריין. *פויזע. קרעכצט.* דורך דורי־דורות האָבען דיינע אבות־אבות זייער יודישקייט געטראָגן, און דו געהסט און נעמסט און וואַרפסט עס אַראָפּ פון דיר, ווי אַ משא פון די פּלייצעס. האָסטו אַ רעכט צו דעם?... זעהסטו נישט די יודען מיט די ווייסע בערד פון די הונדערטער דורות — דיינע אָבות — שטעהען אויף פון קבר און שרייען צו דיר: „וואָס טוסטו מיט דער קרוין, וואָס מיר האָבען דיר איבערגעגעבען בירושה?" אַז אַ יוד שמד'ט זיך, געהט ער נישט בלויז אַליין אַוועק פון יודישע דת, נאָר מאַכט צו נישט די גאַנצע אַרבעט פון אַלע יודישע דורות ביז צו משה רבינו! האָסטו אַ רעכט אַן ענד צו מאַכען פון דעם אַלעם, וואָס אַלע דיינע אָבות ביז צו מיר האָבען דערוי־ זייער לעבען אַוועקגעגעבען?...

ה' מייזנער,

*וועלכער האָט זיך איינגעהערט צום פאָטערס רייד מיט טרערן אין די אויגן.*

טאַטע, גאָלדענע ווערטער!

יוסטינאַ.

זיידע, זאָג דו מיר, דו, וואָס דו האָסט נאָך געקענט די אַלטע דורות, וועגען וועלכע דו רעדסט; דו, וואָס דו ביסט נאָך אַליין פון די אַלטע דורות, זאָג מיר, ווער זיינען מיר דאָס אַזעלכע? פון וואַנען קומען מיר? מיין פאָטער האָט מיר דאָס נישט דערצעהלט.

ר' שמואל.

דו פרעגסט מיך, ווער מיר זיינען דאָס אַזעלכע?—אָט—*ער נעמט ארויס א חומש פון זיין פעקיל*—דאָ שטעהט געשריבען, ווער מיר זענען דאָס אַזעלכע, *ער מישט אויף פון אָנהויב.* נאַ לייען: בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹהִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ—*צום ערשט* האָט גאָט בעשאַפען הימעל

און ערד. פון דאַנען הויבט זיך אָן אונזער געשיכטע. פאַר אונז איז קיינער נישט געווען, דער „בְּרֵאשִׁית״ הויבט זיך אָן מיט אונז, מיר זענען געווען ביים אָנהויב, מיר וועלען זיין ביים ענד. פיעל פעלקער האָבען מיר אין אונזער לעבען געזעהן אונטערגעהן; און ווען גאָט האָט אונז ערהאַלטען ביז׳ן היינטיגען טאָג, איז עס דער־פאַר, כּדי מיר זאָלען איבערבלייבען ביז׳ן לעצטען טאָג, ווען זיין משיח וועט קומען. דאָ אין דעם ספר שטעהט געשריבען, ווער מיר זענען דאָס. דאָס איז אונזער יחוס־בריעף

ה מייזנער

מיט טרערען.

מאַמאַ, הער, הער! צום פאָטער. רעד, טאַטע — גאָלדענע ווערטער!..

יוסטינא.

פאַרוואָס האָט איהר מיר נישט געזאָגט דערפון? פאַרוואָס האָט איהר מיך אויפגעצויגען ווי אַ ציגיינער-קינד, ווי אַ קינד פון ווילדע פעלקער? איך שטעה ווי אַ פרעמדע, און איך פערשטעה נישט דעם זיידענס רייד. איך הער נאָר, אַז ער טראָגט ביי זיך אַ פערמעגענס, אויף וועלכען ער איז שטאָלץ און איך האָב עס שוין נישט. צום פאָטער. פאַרוואָס האָט איהר מיר דאָס נישט איבערגעגעבען? איך שטעה אַ נאַקעטע אין דער וועלט, נאָר בעהאַנגען מיט אַייערע גאָלדענע טובעלן. וואָס האָט איהר מיר געגעבען אייגענס, וואָס איהר האָט רושה געקראָגען, נישט געקויפטע?

ה׳ מייזנער.

איך פערשטעה זי נישט, מאַמאַ—וואָס וויל זי? איך האָב זי אויפגע־צויגען ווי אַ היינטוועלטיגער מענש דאַרף ערציהען — באָנעס האָב איך פאַר דיר געהאַלטען, פראַנצויזיש האָב איך דיך געלערנט, דו קענסט דיך ווייזען אין דער וועלט. וואָס וויל זי האַבען, מאַמאַ?

יוסטינא

געהט צו צום זיידען

דאָ אין דעם הויז האָט מען אַלץ געקויפט פאַר געלד, וואָס מען האָט געוואָלט — אייער פיינמענשליכקייט, און דעם שמייכעל פון אַייערע דינסטען, אָבער גאָרנישט, גאָרנישט — האָט איהר געהאַט צו געבען אייגענס. דערפאַר איז מ׳ד אַזוי געפעלען ביי זיי־

בײַ זײ דאָרט, אין יענעם הויז, האָב איך געזעהן װי אײן דור גיט איבער דעם צװײטען די ירושה, װאָס בינדט יעדען פּרט צו צום כּלל. בײַ אײַך שטעהט מען אַלײן, יעדער אײנער בעזונדער, קײנער נישט איז הינטער מיר, קײנער איז פאַר מיר. אין אַ גרױסער אײנזאַמקײט בין איך, אָהן יסוד, אָהן צו װעמען צו געהערען. גאָרנישט איז מײן. װאָס איך װיל, קױף איך מיר פאַר געלד. מײן פאָטער האָט אַ סך געלד, שטעה איך מיט מײן פאָטערס בײטעל אין גרױסען מאַרק... זי פאַלט צו צום זײדען און װײנט. זײדע, איך פערשטעה דיך! — דו ביסט רײך, איך בין אַזױ אײנזאַם, אַזױ אַלײן...

ר׳ שמואל

בעמט זי אַרום — בערוהיגט זי.

קינד, װאָס רעדסטו? װי הײסט — דו שטעהסט אַלײן? װעלכער יוד רעדט אַזױ? און װאו איז דער רבונו של עולם? — חלילה! הינטער דיר שטעהען דורות, דורות גרױסע יודען, װאָס זענען אױפגעשטאַנען בײם יודישען פאָלק; הינטער דיר שטעהט אַ גרױסער יודישער גאָט, װעלכער האָט געפיהרט דאָס יודישע פאָלק דורך דעם גאַנצען װעג פון גלות און דערהאַלטען זי ביז׳ן הײנטיגען טאָג. װאָס ביסטו? — אַ קלײן שפּעלע, נאָר אין דער סטאַדע, װאָס איהר שומר איז דער רבונו של עולם — אײן קלײן רינגעל פון גרױסען יודישען פאָלק, װאָס ציהט זיך פון אָנהױב װעלט און איז נאָר דאָ צוליעב דעם, כּדי צו דערהאַלטען װערען ביז צום לעצטען טאָג... װי הײסט — דו ביסט אַלײן? װעלכער יוד זאָגט עס? — הינטער דיר דער גרױסער יודישער גאָט, און פאַר דיר — דער לעצטער טאָג, דער גרױסער יודישער משיח!

יוסטינאַ.

זײדע, איז משיח דען שױן נישט געקומען?

ר׳ שמואל

לאָזט זי אָב.

װאָס האָט זי געזאָגט?

יוסטינאַ.

איך קען נישט די גרױע דורות, װאָס שטעהען הינטער אײַך — איך שרעק מיך נאָר פאַר זײ.

ר׳ שמואל.

געהער זי נאָך אין אונזערע רייהען אַריין? *צום זוהן.* איז זי נאָך אַ יודיש קינד? *אַלע קוקען מיט ערוואַרטונג אויף יוסטינאַ׳ן*

יוסטינאַ.

זיידע, איז משיח דען שוין נישט געקומען

ה׳ מייזנער. / מ׳ מייזנער.

טאָכטער, וואָס רעדסט דו?

ר׳ שמואל.

דער שטן איז דאָ בּיי דיר אין שטוב, דאָס האָט דיך גאָט געשטראָפט, מיין זוהן! *ער נעמט זיך צוזאַמען די זאַכען — און פאַרן אוועקגעהן געהט ער צו צו יוסטינע׳ן.* איך פערשטעה. דיין משיח איז שוין געקומען. משיח איז שוין געקומען, און די וועלט איז נאָך נישט אויסגעלייזט. משיח איז געקומען, און אויף דער וועלט זענען נאָך דאָ צרות און מלחמות, צער און נויט! איך פערשטעה. אַנטלויפט! גאָט מיט זיין תורה צו שאַנד און צו שפּאָט, יודען הפקר, עס איז נישט יעצט גוט אַ יוד צו זיין. אָבער עס איז אַ גרויסע זאַך צו געהערען יעצט צום יודישען פאָלק. נישט יעדער איז זוכה דערצו! אָבער מיינט נישט, אַז יודען זענען הפקר. יעדע צרה ווערט געצעהלט!.. אַנטלויפט, אַנטלויפט! — אָבער האָרך, מיין קינד, וואָס איך וועל דיר פערצעהלען, איידער איך געה אַוועק. איך ווייס, דו האָסט פיעל חכמות געלערנט, פיעל ביכער געלייענט, אָבער האָרך דיך אויך צו מיין מעשה איין. ווען יודען זענען אויף דער וועלט געקומען, אַזוי האָט זיי גאָט אַ פאָהן איבערגעבען. און גאָט האָט געזאָגט צום ערשטען יודען: „אברהם, אברהם, איך גיב דיר איבער אַ פאָהן. דו זאָלסט זי דיינע קינדער איבערגעבען, איין דור דעם צווייטען, ביז איך וועל מיין ערלייזער שיקען. פיעל וועלען זיי האָבען אויסצושטעהן צוליעב דער פאָהן, נאָר דערטראָגען וועלען זיי זי דאָך“. אַזוי טראָגען מיר די פאָהן אין דער וועלט פון איין דור צום צווייטען. פיעל שטעהען מיר אויס צוליעב איהר. פיעל וועלען מיר נאָך אויסשטעהן צוליעב איהר, אַ סך וועלען אַנטלויפען, דערשרעקען זיך, מורא קריגען דערזעהענדיג דעם בלוטיגען וועג. נאָר די וואָס וועלען בלייבען ביי איהר און דערהאַלטען זי, ביז גאָטס ווילען וועט געשעהן, ביז משיח וועט קומען — די וועלען זיין די גבורים. אַנטלויפט, אַנטלויפט — מען

האָט אונז פיינד, יודישקייט פערלאַנגט העלדען, גרויסע העלדען — איהר זענט צו קליין, צו שוואַך. אָבער עס וועט קומען די צייט, ווען די יודען וועלען עס דערטראָגען דורך דעם פייער, ווי זיי האָבען עס דערטראָגען דורך אַנדערע אומגליקען. דענסטמאָל וועלען מיר, מיר די אַלטע יודען, די מיאוסע יודען, די העלדען זיין!...

ר׳ שמואל געהט אָב מיט שטאָלצע טריט.

יוסטינא

לויפט איהם נאָך, האַלט איהם אײַן

אָ זיידע, ווען איך הער דיך אַזוי רעדען, דערזעה איך דאָס ליכט, וואָס לייכט דיר אין דיין בלוטיגען וועג! און נישט אַנטלויפען וויל איך פון דיר, ווייל עס איז מיר בעקוועם. גליקליך וואָלט איך געווען, ווען איך וואָלט אויך געהאַט, פאַרוואָס מיין לעבען אַוועק־צוגעבען. איהר האָט גאָרנישט געשאַפען, אַז איך זאָל בלייבען. אייער תורה איז פאַר אַייך, פאַר אַלטע יודען—און דאָס ליכט בע־לייכט אַייער אַלטען וועג.—וואו האָט איהר אַ תורה פאַר אונז, פאַר די יונגע?—נאָר איך וויל געהן מיט דיר, זיידע. לערן מיך אויך געהן אויף דיין וועג, אפשר וועט דיין ליכט אויך מיר לייכטען. איך בין איינזאַם און שטעה אַליין און האָב נישט, צו קיינעם צו געהערען. מיינע עלטערן האָבען מיר גאָרנישט געגעבען, און דו ביסט שען, און דו ביסט ריין. זי פאַלט אויפ׳ן שטול און וויינט.

ה׳ מייזנער.

טאָטע, דו האָסט מיר געראַטעוועט מיין קינד.

ר׳ שמואל

שטרענג.

האָט זי נאָך נישט צעבראָכען די קייט?—איז זי נאָך אַ יודיש קינד?

יוסטינא.

ניין, זיידע, איך האָב נאָך נישט צעבראָכען די קייט. די געטער זענען פערטריבען געוואָרען פון דעם הויז און האָבען זיך אויפ־געהאַלטען אָדער אין דער קיך ביי דער אַם, אָדער אויבען ביי דיר אין בוידעם־שטיבעל. די קיך איז נעהנטער געווען און צוגע־לאָזענער. און איך האָב געמיינט,—אַז זי אַליין איז נאָר שען. ניין, מיין זיידע איז אַזוי שען, ווי זיי. איך וועל געהן מיט דיר, אפשר

וועט מיר דיין אַלט ליכט אויך לייכטען, אפשר וועל איך אויך געפינען די אמונה, וואָס דו.

ר׳ שמואל

גערוויס וועסטו דערזעהן, טאָכטער, דאָס ליכט, געוויס וועט עס דיר בעלייכטען אויף דיין פינסטערן וועג. דער יודישער גאָט, דער עמוד האש געהט פאַר אונז, קום נאָר דו מיט. ער נעמט זי ארום. דו ביסט אַ יודישע טאָכטער.

יוסטינא.

איך האָב נאָר געזעהן דעם צער, די ליידען, וואָס איהר שטעהט אויס צוליעב אייער יודישקייט—איך האָב נישט פערשטאַנען דעם טעם פון די ליידען. איך זעה יעצט די אמונה הינטער דעם צער. איך זעה אין דיינע אויגען דאָס גליק, וואָס שטראַלט אַרויס, וואָס גאָט האָט דיך אויסגעקליבען, אַז דו זאָלסט טראָגען זיין צער. און איך בין דיך מקנא, וואָס דו האָסט דעם צער. אָ ווי גליקליך וואָלט איך געווען, ווען איך וואָלט געווען געהאַט, צוליעב וואָס צו ליידען!

ר׳ שמואל.

דו וועסט טראָגען דעם צער אינאיינעם מיט אונז, מיין קינד. דו ביסט אַ יודישע טאָכטער. ער הויבט אויף די הענד צום הימעל. איך דאַנק דיר, רבונו של עולם, וואָס דו האָסט מיר געהאָלפען מיין קינד צו ראַטעווען. ער דריקט צו יוסטינען צו זיין הארץ. אָרים שעפעלע מיינס! דו ביסט נעביך געשטאַנען איינע אַליין אין דער וועלט, נאָר בעי-האַנגען מיט די נאַרישע חכמות, וואָס מען האָט דיך אין די שקאָלעס געלערנט, און דו האָסט געזוכט מיט די אויגען אַ רעטונג, און דו האָסט נישט געוואוסט, אַז הינטער דיר שטעהט דער גרויסער יודי-שער זקן, אַז פאַר דיר געהט דער עמוד-אש — די גרויסע יודישע תורה, וואָס האָט אַזוי פיעל דורות יודען בעלויכטען זייער וועג!.. ער נעמט זי אין זיינע אָרעמס. זיי פרעהליך, מיין קינד, וואָס דער רבונו של עולם האָט דיר געהאָלפען אַ יודיש קינד צו בלייבען און דעם יודישען צער צו טראָגען. ער קושט זי אויפ׳ן קאָפּ.

יוסטינא.

איך ווייס נאָך נישט, זיידע, אויב אייער ליכט וועט מיין וועג אויך בעלויכטען.

ר׳ שמואל.

דער רבונו של עולם וועט דיר העלפען, מיין קינד, און דו וועסט פיהלען די אמונה אין דיין האַרץ — אַז דו ווילסט נאָר, מיין קינד...

יוסטינאַ.

אָ, זיידע, איך וויל עס געפינען. אָבער ווער ווייסט?..

ר׳ שמואל.

אָ, יאָ, טאָכטער — וועסט זי געפינען! ער קושט זי אויפ׳ן קאָפּ. ביסט אַ יודישע טאָכטער, אַ יודיש קינד. ער הויבט אויף די הענד צום הימעל. איך דאַנק דיר, רבונו של עולם!

ה׳ מייזנער

פאַלט דעם פאָטער אויפ׳ן האלז.

טאַטע, איך דאַנק דיר, וואָס דו האָסט מיר מיין טאָכטער צוריק-געגעבען. דאָס, וואָס איך האָב נישט געקענט פועל׳ן מיט מיין לאָ-גיק, האָסטו געפועל׳ט מיט דיינע רייד.

ר׳ שמואל.

דאָס איז דער כח פון דער אמונה, מיין זוהן — פון דער אמונה!..

פאָרהאַנג.

# פערטער אַקט.

אין יוסטינא'ס צימער. יוסטינא זיצט אליין פערטראַכט — הערט זיך איין צום זיידענס קול, פון דער צווייטער שטוב הערט זיך דעם זיידענס תהלים זאָגען: אשרי האיש...

עס קומט אריין מ־ט לייכטע טריט

ה' מייזנער.

ער האלט אַ בריעף אין האנד.

טאָכטער, דו ביסט אַליין?

יוסטינאַ.

וואָס איז, פּאַפּאַ?

ה' מייזנער

הערט זיך איין אַ מינוט צום תהלים זאָגען.

דער זיידע וואכט איבער דיר מיט זיין תהלים זאָגען, דער תהלים היט דיך אָב, מיין קינד. פויזע.

יוסטינא.

וואָס האָסטו מיר צו זאָגען, פּאַפּאַ

ה' מייזנער.

איך האָב דיר צו פערטרויען אַן ערנסטע זאַך: די הראַבּיניע קומט היינט צו אונז.

יוסטינאַ

דערשראָקען.

פון וואַנען ווייסטו?

ה' מייזנער

ווייזט איהר דעם בריעף.

מיכאַל שרייבט מיר, ער קומט מיט דער מוטער צו אונז אויף טיי טאָכטער, פערשטעהסטו, וואָס דער וויזיט בעדייט?..

יוסטינאַ.

איך ווייס אַלץ.

ה׳ מייזנער.

נו, ווי האָסטו דעצידירט?

יוסטינא.

שווייגט.

ה׳ מייזנער.

קינד, יעצט מוזטו דיך דעצעדירען, און איך בין געקומען דיר דאָס זאָגען. ער קוקט זיך ארום, אויב קיינער הערט נישט. דאָ האָט זיך קיינער נישט אַריינצומישען. קוק דיר טיף אין דיין האַרץ אַריין און טו אַזוי, ווי דאָס האַרץ הייסט דיך, מיין קינד.

יוסטינא.

פאָטער...

ה׳ מייזנער

גערירט.

קינד, איך וויל דיך נישט צורעדען, איך וויל דיך נישט אָברעדען. איך זאָג דיר נאָך אַמאָל: קוק אויף קיינעם נישט, טו, וואָס דיין האַרץ הייסט דיך. עס איז צו ערנסט, אַז ווער עס איז זאָל זיך דאָ אַריינמישען. און פיהלט דיין האַרץ צו איהם דאָס, וואָס עס האָט געפיהלט, קוק אויף קיין זאַך נישט.

יוסטינא.

דאָס זאָגסט דו, טאַטע?

ה׳ מייזנער.

איך וועל מיין קינד נישט אומגליקליך מאַכען צוליעב רעליגיע. אַלץ וועל איך טון פאַר דיר, מיין קינד, אַלץ. געה טיף אין דיין האַרץ אַריין און הער, וואָס דיין האַרץ הייסט דיך. איך ווייס, עס איז דיר שווער, מיין קינד, און איך וויל דיך לאָזען איצונד אַליין. ער קושט זי אויפ׳ן קאָפּ. ווי עס זאָל נישט זיין דיין פאָטערס האַרץ, איז עס שטענדיג מיט דיר. ער געהט ארויס.

יוסטינא.

בלייבט אַליין, פאַלט אויפ׳ן שטול און וויינט.

אָ דו, מיין מיכאַל, צווישען אונז שטעהען צוויי וועלטען, איך שטרעק

אויס די האַנד צו דיר—דו צו מיר, און שאָטענס פון פערגאַנגענע דורות פערנעפּלען אונז דעם וועג, און מיר קאָנען זיך ניטש גע־פינען... פאַרוואָס האָסטו פערלאַנגט נדן?—זי ווערט אומרוהיג—קוקט אויפ'ן זייגער,—אויף דער טיר. פּויזע. די טיר עפענט זיך אין דער שטיל, און עס ווייזט זיך לעאָן. יוסטינא שפּרינגט אויף.

לעאָן.

נאָך וואָס האָסטו געשיקט נאָך מיר?

יוסטינאַ

בעהט איהם אקעגען.

דאָס ביסטו דו, מיין ברודער? זי קוקט איהם אָן. עס איז מיר, ווי איך וואָלט דיך צום ערשטען מאָל געזעהן.

לעאָן.

נאָך וואָס האָסטו געשיקט נאָך מיר?

יוסטינאַ.

אָ, איך דאַרף דיך זעהר נויטיג האָבען, מיין ברודער. מען האָט מיך נישט געלאָזט רעדען מיט דיר — היינט האָב איך מיט קיין אַנדערן נישט צו רעדען, נאָר מיט דיר. האָב קיין מוראָ ניט, דער פּאַפּאַ וועט נישט אַריינקומען. מיר זענען גאַנץ אַליין. איך בין גע־גאַנגען צו דיר, איך האָב דיך געזוכט אין דיין וואוינונג, איך האָב דיך נישט געפונען. איך האָב געבעטען בעקאַנטע, אַז זיי זאָלען דיך שיקען צו מיר. איך האָב דיר געשריבען, און דו ביסט גע־קומען, און איך דאַנק דיר, וואָס דו ביסט געקומען. זי בויגט זיך צו צו איהם. דיין שוועסטער איז אַזוי עלענד...

לעאָן

מיט אומצופרידען.

וואָס, דו ווילסט מיך מיט'ן פּאַפּאַ איבערבעטען? ער האָט שוין נישט געקאָנט דורך אַנדערע—האָט ער דורך דיר אָנגעשטעלט...

יוסטינאַ

מיט צער.

ווי קענסטו דאָס?—איך האָב געשיקט נאָך דיר, ווייל אויך איך וויל אַוועק פון טאַטען—אַזוי ווי דו.

**לעאָן**

*קוקט זי אָן פערוואונדערט.*

דו! דו, דאָס צוקער-קינד, דאָס יום-טוב-מיידעל, דעם טאַטענס ליעבלינג, וואָס מען האָט אָבגעהיט פון אַלדאָס בייז, בעוואַכט דיך טאָג ווי נאַכט מיט באָנעס, אַז מען זאָל אויף דיר קיין שלעכטען איינפלוס נישט האָבען,—האָט עס צו דיר אויך דערגרייכט?! אין ווייסען מיידעל-צימער איז עס אויך אַריינגעדרונגען?

**יוסטינאַ.**

יאָ, לעאָן. ווען מיינע עלטערן האָבען מיר נישט געזאָגט, ווער איך בין און וואָס מיין רייכטום איז—האָבען עס מיר אַנדערע געזאָגט. ווען מיינע עלטערן האָבען געמיינט, אַז מיט געלד קען מען זיך קויפען אַלצדינג, — האָבען מיר עס אַנדערע פערשטעהן געגעבען, אַז מען דאַרף דערצו נאָך עפּיס האָבען. אַז נישט—איז מען חושד, איז מען ווי אויף דער גאַס אַרויסגעוואָרפען, שטעהט מען אין מיטען מאַרק אין אַ גאָלדענעם ביידעלע. עס זיינען נאָך וועניג די גאָלדענע ווענט, וואָס בעשיצען דאָס מיידעל — מען דאַרף נאָך דערצו האָבען אַן אינערליכען ברילליאַנט, וואָס בעלויכט מיך, מיך אַליין, און קיינע ווינטען פון דרויסען זאָלען מיך נישט קאָנען ריהרען. איך האָב געפיהלט די בויטיגקייט פון אַזאַ אינערליך ליכט, ווען איך בין נאָך אַ קליין קינד געוועזן. איך האָב געזוכט מיט די אויגען אַ רעטונג, און קיינער, קיינער איז נישט צו הילף געקומען...

**לעאָן,**

*וועלכער הערט זיך איין צו דער שוועסטערס רייד.*

שוועסטער, פון וואַנען קומט צו דיר אַזאַ שפּראַך? ווער האָט דיך דאָס אַזוי געלערנט? פון וואַנען קומט דאָס דער דאַרשט אין דעם ווייסען מיידעל-צימער אַריין? דיך האָט מען דאָך נאָר געלערנט זיך צו זעטיגען...

**יוסטינאַ.**

איך ווייס, דו האָסט מיך קיינמאָל נישט בעאַכט. דו האָסט געמיינט, אַז דיין קליינע שוועסטער איז אַ צוקער-מיידעל, וועלכע בעגענוגט זיך מיט די באָנבאָנס, וואָס דער טאַטע שענקט איהר, און מיט די לעהר-באָנבאָנס פון איהרע גובערנאַנטקעס. איהר האָט געקוקט

אַלע אויף מיר, חי אויף אַ שפּילעכיל, וועלכעס מען לערנט שען טאַנצען און שען קלערען. איך האָב געפיהלט דיינע פעראַכטענדיגע בליקען, ווען איך בין נאָך אַ קינד געווען. און דאָרט, אין דעם ווייסען צימערל איז דיין שוועסטער געזעסען מיט די באַנבאָנס אין האַנד, און די ספקות האָבען געפּיקט אין איהר קאָפּ, אין איהר האַרץ, און זי האָט געזוכט אַ רעטונג, אָן וואָס זיך אָנצוכאַפּען. אַלע האָבען מיך בעטראַכט ווי אַ שפּילעכיל, וואָס זיצט און וואַרט אויף אַ חתן. דו אויך, דו אויך!.. זי חיינט.

**לעאָן**

פערשעמט.

שוועסטער, און דיין ליעבע, און דיין פערזענליך לעבען—האָט דאָס דיך נישט בעגענוגט? דו ליעבּסט דאָך דעם הראַביע!

**יוסטינאַ**

שווייגט, פּויזע.

**לעאָן.**

האָבען זיך דיינע געפיהלען צו איהם געענדערט? ער האקט אָב איז מיטען. שווייגט אויך.

**יוסטינאַ**

געמט איהם אָן בײַ דער האַנד.

ברודער, איך בין אַ יודישע טאָכטער, איך קום אַרויס פון אַ יודישען באַנקירס הויז. איך האָב נישט קיין רעכט אויף קיין גליק—אונזערע עלטערן זענען צו פיעל זינדיג געווען.

**לעאָן.**

וואָס רעדסטו, יוסטינאַ?

**יוסטינאַ.**

דו ווייסט עס אַליין. דערפאַר ביסטו אויך אַוועק פון דערהיים. איבעריגענס, האָבען מיר עס אַנדערע פערשטעהן געגעבען,—מיכאַל אַליין. אָ ווען איך מיט מיכאַל'ן וואָלטען געהערט צו דער צוקונפט, ווי דו, ווי איהר... אָבער צווישען מיר און מיכאַל'ן שטעהען די רעליגיאָנען פון דער פערגאַנגענהייט אין וועג, און זייערע שאָטענס דריקען אונז.

לעאָן

פערוואונדערט.

רעליגיאָן ? — האָסטו דען אַן אַנדער רעליגיאָן אויסער מיכאלס ?

יוסטינא.

יאָ, לעאָן, איך האָב געטראָגען אין מיר דעם זיידענס רעליגיע אָהן צו וויסען, און ער האָט נאָר בעדאַרפט צו רעדען מיט מיר אום אויפצו-וועקען אין מיר איהר קלאַנג.

לעאָן.

וואָס, האָסט דו מיט דעם זיידען גערעדט, אויף וועלכען מיר האָבען זיך גאָרנישט אומגעקוקט ?

יוסטינא.

איך זעה דאָך—ער טראָגט אויך עפּיס אויף זיינע פּלייצעס, אַז ביי איהם אין האַרץ בעהאַלט זיך אויך עפּיס אַ גרויסער אמת, וואָס ער שעפּט נאָך פון דעם אַלטען יודישען קוואַל. ער האָט אויך פערלאַנגען—און גרויסע פערלאַנגען, וואָס זענען נאָך נישט ער-פילט געוואָרען, און ער וואַרט אויף אַ משיח, וואָס זאָל זיינע פערלאַנגען אויספיהרען.

לעאָן.

יאָ, שוועסטער, דאָרט ביים זיידען אין שטיבעל ברענט אַן אַלט ליכטעל, וואָס האָט אפשר געקאָנט בעלויכטען די גרויסע סאַלאָנען אונזערע.

יוסטינא.

איך זעה דאָך די אַלע דורות, וואָס האָבען געלאָזט זיך מקריב זיין אויף קידוש-השם. עס האָט דאָך עפּיס געמוזט זיין אַ מיין אין זייער טויט. עס האָט זיך דאָך נישט געקאָנט האַנדלען בלויז אום אויסערליכע פאָרמען, וואָס מען האָט זיי געגעוויט אָנצונעמען—עס וואָלט זיך דאָך נישט געלוינט דער טויט, די ליידען און דאָס לאַנגע מאַרטירער-לעבען פון יודישען פאָלק. זיי האָבען געמוזט מלחמה האַלטען פאַר אַ העכערן אמת, וועלכען זיי האָבען אינסטינקטיוו געפיהלט. און ווען איך הער מיין זיידען רעדען, זעה איך דעם אמת, וואָס האָט אַזוי פיעל אָפּפער געקאָסט, אַרויסשיינען פון זיינע

אויגען, אָבער ער קאָן מיר דאָס נישט זאָגען, און זיינע ספרים זענען צו אַלט פאַר מיר. אַן אָטעם פון טויט עטעמט פון זיי, וואָס נעמט אַרום די, וועלכע דערנעהנען זיך צו זיי,—און איך בין יונג און וויל לעבען. און וויל האָבען מיט וואָס צו לעבען, און קען נישט זיצען און וואַרטען אויף אַ משיח, וואָס וועט פון הימעל אַראָבפאַלען... איך ווייס, אַז די ספקות האָבען דיך אויך געפּייניגט, און מחמת דעם ביסטו אַוועק אין דער וועלט. און איך קום צו דיר: ברודער, זאָג מיר, גיב מיר עפּיס מיט וואָס לעבען צו קע-נען!.. דו ביסט יונגער פאַר זיי, דו ביסט אַוועק אין דער וועלט זוכען—זאָג, וואָס האָסטו געבראַכט? וואָס האָסטו געפינען?

לעאָן

נעמט אַן די שוועסטער ביי דער האַנד.

ביי זיי אין די הייליגע ביכער ליגט געפאַנגען אַ גרויסע יודישע נשמה, וואָס זיי האָבען זיך מיטגעבראַכט פון די הייליגע לענדער, און זי וואַרט אויף אַן אויסלייזונג פון אונז, פון די יונגע. יוסטינא.

יוסטינא.

האָט איהר זי שוין אויסגעלייזט?

לעאָן.

ניין. אונזער משיח איז נאָך נישט געקומען, די גערעכטיגקייט הערשט נאָך נישט איבער דער וועלט. אָבער מיר דאַרפען זיין די יורשים פון די גיטער! און האָבען די אַלטע געפונען אין דער נשמה אַ טרייסט, דאַרפען מיר געפינען אין איהר—אַ מאַכט, מיט וואָס אויסצופילען אונזער לעבען. מיר דאַרפען פון דעם אַלטען אמת אויסקאָווען די נייע יודישע נשמה!

יוסטינאַ.

און ווי האַלט עס מיט דער נייער יודישער נשמה?

לעאָן

זי האַלט זיך נאָך אין קאָוען, שוועסטער, מיר זעהען נאָר פון דערוויטענס די שטראַלען, וואָס גליהען פון איהר אין דער ווייטער, ווייטער צוקונפט. מיר הערען טיילמאָלס דאָס עטעמען פון איהר. פיעל מאָל ווערט זי פערהוילען, פערטונקעלט,—מיר טאַפּען דענסט-

מאָל אין דער פינסטער. נאָר זי בעווייזט זיך צו אונז, ווי אין שיין... געה נישט, שוועסטער, אויף דעם וועג–געפעהרליך איז ער פאַר די, וואָס דאַרפען אַ גלאַטען וועג און אַ קלאָר ליכט.

יוסטינאַ.

פאַרוואָס שטופסטו מיך אָב פון דיר

לעאָן.

די נייע יודישע נשמה איז שטרענג, שוועסטער. זי האָט ניט קיין שכר צו פערטיילען אויף יענער וועלט, קיין חלק לעולם הבאָ, קיין גן-עדן, נאָר דער שכר פון דער מצוה איז די מצוה אַליין. זי זאָגט קיין נסים נישט צו, קיין וואונדער וועלען ניט געשעהן. דו דאַרפסט אַ ברייטען, ליכטיגען וועג מיט אַ קלאָרען ציל, אַ וועג, וואָס פיהרט אין די הימלען,–אונזער וועג פיהרט צו דער ערד, און ער איז נאָך טונקעל, נאָר בעלויכטען מיט אַ שטראַל פון אַ ווייט, ווייט ליכט...

יוסטינאַ.

און מיט וואָס לעבט איהר?

לעאָן.

מיט דעם, אַז די וואָס וועלען קומען נאָך אונז, וועלען דערזעהן דאָס ליכט קלערער. אַז מיר טרעטען אויס פאַר זיי אַ וועג, נאָר נישט, כדי עס זאָל זיי בעקוועמער זיין, נאָר זיי זאָלען איהם ווייטער ציהען ביז אין לעצטען טאָג אַריין.

יוסטינאַ.

און איהר פאַר זיך, פאַר זיך אַליין, האָט גאָרנישט?

לעאָן.

יאָ. דאָס וואָס מיר טוען אונזער פליכט.

יוסטינא

שווייגט פערקלערט.

לעאָן.

און טיילמאָל כאַפט אָן דער יאוש, דאָס ליכט פערנעפעלט זיך פון

דערווייטענס — מיר בלייבען אין טיפער פינסטערניש, און מיר ווייסען נישט, אויב מיר געהען גוט.

יוסטינאַ.

וואָס טוט איהר אין אַזאַ מאָמענט?

לעאָן.

מיר שטעלען אָב אונזער מח און לאָזען קלאַפּען דאָס האַרץ. דאָס האַרץ דערפיהלט דעם ציל פון דערווייטענס, — דאָס האַרץ איז נעהנטער צום ציל, ווי דער קאָפּ — און מיר געהען, וואו עס פיהרט אונז אונזער אינסטינקט.

יוסטינאַ.

און וואָס איז אייער גליק?

לעאָן.

מיר פיהלען, ווי אונזער האַרץ איז שוין אָנגעקניפּט אָן די שטראַ-לען פון יענעם גרויסען אמת, און ער הויבט זיך אָן פון אונז, אַז מיר וואַרימען איהם אויס מיט אונזער יוגענד, מיט אונזערע לעבענס, מיט אונזער ליעבע. דאָס גיט אונז מוט, און דאָס איז אונזער גרעסט גליק.

יוסטינאַ.

און פאַרוואָס שטופסטו מיך אָב פון דיר?

לעאָן.

צו איידעל זענען דיינע פיס פאַר דעם וועג. בלוטיג איז ער און פול מיט שטיינער, און פערהילט זיך נאָך אָפט אין דער טינ-קעלהייט, אָבער דאָס איז דער ריכטיגער ציל — צו זיך אַליין.

יוסטינאַ.

פאַרוואָס שטופסטו מיך אָב פון דיר?

לעאָן.

דו דאַרפסט אַ ברייטען וועג, אַ ליכטיגען וועג, וואָס פיהרט באַלד צום ציל. אונזער וועג איז לאַנג, לאַנג — ער הויבט זיך ערשט אָן און נישט אַלע קענען איהם דערזעהן שוין.



עס קומט אריין דער זיידע.

ר׳ שמואל.

טאָכטער, פאַרוואָס ביסטו היינט נישט געקומען צו מיר אַרויפצו-
געהן? דערזעהט לעאָנ׳ען. דו—דאָ! ביסט געקומען נאָך דעם קינדס
נשמה—זי וועט נישט געהן מיט דיר! ער נעמט זי צרום. זי געהערן
צוין צו אונז, זי וועט איהר שוין פון אונז נישט אַוועקנעמען

לעאָן

ווייזט אויפ׳ן זיידען.

אָ, מיט איהם געה, אָדער מיט יענע דאָרט! זיי ווייזען אָן אַ ליכ-
טיגען וועג—פאַר זיי איז קיינע ספקות, אַלץ איז קלאָר און אָפען.
נישט נאָר די וועלט, נאָר אויך יענע. אָט אויף דעם וועג געהט
זיך גוט, שוועסטער, מיט בלומען איז ער בעזייהט און פיהרט
גלייך אין הימעל אַריין.

ר׳ שמואל.

וואָס ווילסטו פון דעם קינד? דו האָסט גאָר קיין גאָט נישט אין
הארצען, ביי דיר איז דאָך גאָר הפקר אַ וועלט.

לעאָן.

חלילה, זיידע. ווער האָט אייך דאָס געזאָגט? מיר גלויבען אין
אַ גרויסען גאָט!

ר׳ שמואל.

וואָס האָט ער געזאָגט—דו גלויבסט אין גאָט? וואָס איז דאָס, מי-
שטיינס געזאָגט, דיין גלויבען אַזעלכעס?

לעאָן.

אַז דעם מענשענס הארץ איז פון גרונד אויס גוט.

ר׳ שמואל.

איך פערשטעה נישט, וואָס דו מיינסט; איך ווייס נאָר, דו רעדסט
קעגען דעם הייליגען חומש, נאָר איך זעה, די וועלט ווערט בע-
סער, די יונגע הויבען אָן צו גלויבען, מען גלויבט אין עפיס—
עס איז דאָך אַלץ בעסער פון די פאָטערס, זיי האָבען דאָך אין
גאָרנישט קיין אמונה געהאַט.

לעאָן.

געווים, זיידע, ווערט די וועלט בעסער, די קינדער—בעסער פו די פאָטערס. נאָך מעהר, מיר לאָזען זיך אַ מאָל מקריב זיין פאַר אונזער גלויבען!

ר' שמואל.

וואָס? קדוש השם ביי אייך?—אָ חאַ!

לעאָן.

מיר זענען יורשים פון אַ גרויסער ירושה. אַ סך קדוש השם האָט זי געקאָסט. מיר דאַרפען זי טראָגען אין דער וועלט און צוליעב איהר מוזען מיר אַ מאָל אַ קרבן ברענגען. נאָר ווען איהר זענט צום פייער געגאַנגען האָט איהר ביים שייטערהויפען געזעהן די טויערן פון גן עדן, וואָס עפענען זיך פאַר אייך אויף; ווען איינער פון אונז געהט אויף קדוש השם, זעהט ער נאָר דעם טיפען תהום, וואָס דעקט איהם דערנאָך צו... און דאָך געהען מיר!

ר' שמואל.

און פאַרוואָס טוט איהר דאָס? וואו איז דעם שכר? מיט א שמייכעל זענט איהר אפשר פון די, וואָס דינען שלא על מנת לקבל פרס.

לעאָן.

יאָ, זיידע

ר' שמואל

פערוואונדערט.

זענט איהר בעסער פאַר אונז, פאַר די אבות?

לעאָן.

די וועלט שטעהט נישט אויף איין אָרט.

עס קומט אריינצולויפען ה' מייזנער.

ה' מייזנער.

טאָכטער, דער הראַביע האָט מיר אָנגעקלונגען אין באַנק—ער קומט באַלד אַהער מיט דער מוטער. מאַמאַ, מאַמאַ, וואו ביסטו? ער קוקט זיך אום און דערזעהט דעם זוהן. דו—דאָ! ביסט אהיים געקומען? מאַמאַ, מאַמאַ, זעה, ווער עס איז דאָ!

מ׳ מייזנער

לויפט ארײַן, דערזעהט דעם זוהן.

לעאָן, קינד! וואו ביסט דו? קושט איהם. ווי געהט עס דיר?

לעאָן.

גוט, מאַמאַ, איך דאַנק. איך האָב נישט געוואוסט, אַז איהר זענט דאָ. ער מאַכט אַ בעוועגונג, ווי ער וואָלט געוואָלט ארויסגעהן.

ה׳ מייזנער.

וואָס לויפסטו? צו וואָס ביסטו געקומען? דו זוכסט דאָך עפּיס, זאָג.

מ׳ מייזנער.

קינד, און אפשר שוין גענוג דאָס משוגעת צו וואלגערן זיך איבער דער וועלט? אפשר שוין גענוג אונזערע צרות?

לעאָן.

פּערצייה, פּאָטער, איך בין נישט געקומען צו אייך צו געהן. וויל אוועקגעהן.

ה׳ מייזנער.

נאָר צו וועמען דען? ער קוקט אויף דער טאָכטער. צום קינד?—ניין! ער כאַפּט ארום די טאָכטער, ווי ער וואָלט זי געוואָלט אַבראַטעווען. דאָס קינד וועסטו פון אונז נישט אַוועקנעמען. זי וועל איך מיר נישט לאָזען אַוועקנעמען. דאָס לעבען וועל איך מיר אײַנשטעלען!..

לעאָן

שמייכעלט.

ווער זאָגט אײַך, אַז איך וועל זי פון אײַך צונעהמען? הויבט זיך גאָר נישט אָן! איך רעד זי אַליין אָב.

ה׳ מייזנער

עטעמט אָב.

וואָס? מיט האָפענונג. און אפשר—און אפשר שוין גענוג אונז געפּיי-ניגט? מיר זענען דאָך אויך עלטערן, וואָס אַנטלויפסטו פון אונז, וואָס ווייכסטו אונז? וואָס האָב איך וועמען שלעכטס געטאָן?—איך בין אַ יוד אַ סוחר. ביי גוים זענען אויך דאָ סוחרים—פּעראַכטען זיי

יערע קינדער ?.. ווילסט נישט זיין קיין סוחר — פאָהר שטודירען, טו עפּיס! פאַרוואָס ווייכסטו מיך ? זענען מיר דען נישט דיינע עלטערן ? די מאַדאַם וויינט.

ל ע אָ ן.

יאָ, טאַטע, דו האָסט מיר געשענקט דאָס לעבען, אָבער איך מוז דאָך האָבען מיט עפּיס צו לעבען, פאַרוואָס צו לעבען — און דאָס זוך איך יעצט.

ה׳ מ יי ז נ ע ר.

און דאָס איז אַלץ, וואָס דו האָסט מיר צו זאָגען! און מיט דעם געהסטו אַוועק!.. איך וויל זיך מיט דיר מישב זיין... דיין שוועסטער שטעהט פאַר א זעהר ערנסטער שריט. איך ווייס נישט, וואָס צו טון, איך דאַרף זיך מיט וועמען מישב זיין. דו ביסט דאָך מיין עלטסטער— געהט דיך די היים גאָרנישט אָן?

ר׳ ש מ ו א ל

כאַפּט אָן דעם זוהן ביי דער האַנד.

זוהן, מיינסטו נאָך דעם שידוך מיט זיי

ה׳ מ יי ז נ ע ר.

יאָ שידוך אָדער נישט שידוך—טאַטע, עס זענען דאָך פּריצים, מען מוז זיי דאָך צונעמען. צום זוהן. איך האָב זיך דאָך נישט מיט וועמען קיין עצה צו האַלטען. אין דער שטיל. דער יידע איז דאָך פאַנאַטיש, ער פערשטעהט דאָך נישט, אַז דאָ האַנדעלט זיך אום ליעבע, אום מענשענס לעבען. איך ווייס נישט, וואָס איך זאָל טון. דאָס מיידעל ליעבט דעם קריסט...

ל ע אָ ן.

וואָס קאָן איך אַריינרעדען אין מיין שוועסטערס אָנגעלעגענ- הייטען? איהר האָט דאָך מיך שטענדיג געהאַלטען פון דערווייטענס פון איהר

ה׳ מ יי ז נ ע ר.

אודאי וואָלסטו געקענט האָבען אויף איהר א שלעכטע ווירקונג — נאָר איך וויל נישט יעצט רעדען דערפון. איך ווייס נישט, וואָס איך זאָל טון. איז זיך מיט איהם מישב. דאָס קינד ליעבט דעם קריסט,

איך ווייס עס. אַודאי וואָלט איך בעסער געוואָלט אַן אונזעריגען, — טראַדיציע איז ביי מיר אויך אַ גרויסע זאַך — אָבער מיר קאָנען דאָך נישט זיין אַזוי פאַנאַטיש, ווי דער זיידע — ער איז אַן אַלטער מאַן.. עס האָט קיין זין נישט זיך שמד'ן אָהן אַ טעם, אָבער מיר—צוליעב רעליגיאָן אומגליקליך מאַכען אַ קינד, דאָרט וואו עס האַנדעלט זיך אום ליעבע... דאָס מיידעל ליעבט איהם... זי וויינט ביינאַכט, זי זוכט איהם, דאָס מיידעל ווערט אויסגעהן—וואָס זאָל איך טון?

לעאָן.

אַז זי ליעבט דעם קריסט—פאַרוואָס דען נישט?

ה' מייזנער.

קלערסטו אויך אַזוי?—מען האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז דו האַלסט פיעל פון יודישער טראַדיציאָן..

לעאָן.

אָבער, פאַפּאַ, ווי קומסט דו דערצו? חיל ארויס.

ה' מייזנער.

אָבער וואָס לויפסטו? איך וויל רעדען מיט דיר. ער וויל איהם נאָכלויפען. מען קלינגט אין טיר. ער כאַפּט דעם זייגער. זיי זענען דאָ! בלייבט שטעהן. ער דערמאָנט זיך אַן זוהן. ער זעהט, ווי לעאָן געהט ארויס. אָבער וואוהין לויפסטו? בלייב דאָך דאָ!

לעאָן.

איך קאָן דאָך מיך נישט לאָזען אריינשלעפען אין אַייערע אינטעֲרעסען. לויפט ארויס

ה' מייזנער.

אָבער דו געהסט נישט, טאָכטער, דו געהסט נישט. קינד, צי דו ווילסט יאָ דעם שידוך, צי דו ווילסט נישט דעם שידוך — מיר וועלען שוין זעהן. אָבער בלייב דאָ. ער לויפט נאָך דעם זוהן. לעאָן! לעאָן!

יאַן

מעלדעט.

די הראַבּיניע מיט פאָן דאָבראָווסקי.

ה׳ מייזנער.

די הראַביניע — מאַמאַ — די הראַביניע..

מ׳ מייזנער

לויפט נאָך לעאָן.

וואָס געהט מיך די הראַביניע אָן. — מיין קינד געהט אוועק פון מיר! לויפט ארויס נאָך לעאָן.

יוסטינאַ.

וועלכע איז די גאַנצע צייט געזעסען פערטראַכט אין זיך, כאַפּט זיך אויף ביים נאָמען. וויל ארויס פון צימער.

ה׳ מייזנער.

ביין, מיין קינד, דאָס געהט נישט. די הראַביניע איז געקומען — דו מוזט זי אויפנעמען. צום דינער. מיר בעטען, קינד, איך ווייס אלץ... אלץ... טו, ווי דיין הארץ הייסט דיך — דיין טאַטען וועסטו שטענדיג האָבען ביי דיר. ער קושט זי אין קאָפּ — געהט אקעגען די הראַביניע.

ר׳ שמואל.

בלייב מיין קינד, גאָט וועט דיר ביישטעהן. ער וויל גיין.

יוסטינאַ.

קוקט זיך אומרוהיג אום, כאַפּט אָן דעם זיידען ביים ארבעל.

מיין זיידע, דו בלייב, איך האָב מורא אליין צו זיין, איך זאָל נישט שוואַך ווערען.

ר׳ שמואל.

איך בלייב, מיין קינד, איך בלייב.

יוסטינאַ.

און וועט מיך אָנכאַפּען אַ שוואַכקייט, דאָס הארץ וועט מיך ציהען, קוק מיר אין די אויגען אריין, איך וועל זעהן דעם טויזענד-יעהרי-גען צער, וואָס ליגט אין דיינע אויגען, און איך וועל ווידער שטאַרק ווערען.

ר׳ שמואל.

איך בלייב, מיין קינד.

ה׳ מ ײ ז נ ע ר פיהרט אַרײן די הראַביניע. זי איז אַן אַלטע, בעיאָהרטע פרוי, ועחר פּאָרנעם. רעדט צו יוסטינאַ׳ן, אזוי ווי די אַנדערע וואָלטען נישט געווען.

די הראַביניע.

איך בין אַליין געקומען צו דיר צו געהן, מיין קינד. יוסטינא געהט צו צו איהר. די הראַביניע קושט איהר אין שטערן. אַ גרויס אומרעכט איז דיר געשעהן. איך ווייס, אַז מען האָט דיר וועה געטאָן, און איך בין געקומען דעם וועהטאָג היילען. זיי מוחל, עס איז אַן אומזיסט אומרעכט דיר געשעהן. גאָט וועט עס דיר בעצאָהלען.

יוסטינאַ

קושט איהר די האַנד שווייגענדיג.

מיכאַל

פאַלט צו צו דער מוטער און קושט איהר די צווייטע האַנד.

איך האָב געוואוסט, אַז די מאַמאַ וועט עס טון. איך דאַנק אַייך, איך דאַנק אַייך. איהר זייט אַ מלאך! עס קומט אַריין מ׳ מייזנער.

די הראַביניע

צו מאַדאַם און ה׳ מ ײ ז נ ע ר, וועלכע שטעהען פאַר איהר מיט עהרפאָרכט.

דאָרט, וואו עס איז דאָ צער, מוז מען עס זעהן צו פערהיילען. אַייער טאָכטער איז אַן אומרעכט געשעהן. איך האָב עס געפיהלט און בין אַליין געקומען זי איבערבעטען. די קינדער האָבען זיך ליעב, און דאָרט, וואו די ליעבע רעדט — רעדט גאָט; טאָרען מיר נישט שטערען גאָטס וואָרט, מיר האָבען נישט קיין רעכט צו צע-שטערען דאָס, וואָס גאָט און זיין ליעבע האָבען צוזאַמענגעפיהרט. ווי מיינט איהר, מיינע הערשאַפט?

ה׳ מייזנער

געריהרט.

איך האָב געוואוסט, אַז די הראַביניע וועט עס טון, אַז אַייער אײ-דעלקייט וועט נישט קענען איבערטראָגען מיין קינדס אומפערדינ-טען צער, און איך דאַנק אַייך זעהר. קושט איהר די האַנד.

די הראַביניע.

צו דער שווייגענדיגער יוסטינאַ.

און פאַר דעם, וואָס מענשען זאָגען, האָב נישט קיין מורא, מיין קינד

מענשען קוקען אין די אויגען — גאָט קוקט אין האַרץ, און ער ווייסט, אַז דיין האַרץ האָט זיך צו איהם פריהער געקעהרט, איידער עס האָט נאָך געקענט מיין זוהן. איך קען דיך, מיין טאָכטער, און ווייס, ווי ריין און אומפעהלערדיג דיין אמונה איז צו גאָט.

מיכאַל

קושט דער מוטערס האַנד.

מאַמאַ, מאַמאַ, ווי דאַנק איך אייך, מיין גוטע מאַמאַ! ער נעמט סטינאַס האַנד. איך האָב געוואוסט, אַז מיין גוטע מוטער וועט דאָס טוהן. ער וויל איהר קושען די האַנד.

יוסטינאַ

מיט אנגסט, קוקט אויף דר'ערד.

איך דאַנק דיין מאַמאַ, מיכאַל. איך דאַנק דיר, נאָר — איך קאָן נישט מעהר. עפּיס וואָס איז געשעהן צווישען אונז... אלע קוקען זי אָן ערשטוינט. בעוועגונג. יוסטינאַ געהט צו צו דער הראַבּיניע און פערבויגט זיך פאַר איהר טיף. 'איך דאַנק אייך, גוטע פרוי, פאַר דעם גוטען וואָרט און פאַר נאָך אַ סך גוטע ווערטער און מעשים, וואָס איהר האָט מיך געלערנט. נאָר געהן מיט אייך קאָן איך נישט מעהר. אונזערע וועגען זענען צעשיידט. אלע קוקען זי ערשטוינט אָן.

ה' מייזנער

שמייכעלט צו דער הראַבּיניע.

דאָס קינד איז אויפגערעגט, זי וועט זיך בערוהיגען.

יוסטינאַ

צו דער הראַבּיניע.

ניין, איך בין נישט אויפגערעגט. איך האָב אייך פיעל צו פערדאַנקען, — מעהר פון מיינע עלטערן. מיינע עלטערן האָבען מיר פאַר געלד געקויפט אויסערליכע בילדונג און מאַנירען, ווי יעדער רייכער יוד קויפט זיין טאָכטער, — פון אייך האָב איך געלערנט אינערליכע שענקייט און גוטסקייט. איהר זענט געווען אַ מוסטער פאַר מיר מיט אייער טיפער איבערגעבענקייט צו אַלעם לעבענדיגען, מיט אייער ליעבע. איך האָב פון אייך געלערנט, וואָס איז אייגענע, איינגעבוירענע איידעלקייט און וואָס איז פרעמדער אויסערליכער פוץ. און דאָס טאַקע ברענגט מיך צו זוכען מיין אייגענער

שענקייט, וואָס איז אונז איבערגעגעבען בירושה, וואָס מיר האָבען אויסגעוואָרימט און פערהייליגט מיט אונזער געטריי האַלטען זיך דערפאַר פון דור צו דור. וואָרום נאָר דאָס איז צופּאַסיג פאַר מיר. און איך דאַנק אייך פאַר דער לעהרע, וואָס איהר האָט מיר גע־געבען מיט אייער פאָרבילד.

**די הראַביניע.**

עס איז זעהר שען פון דיין זייט. דו רעדסט זעהר גוט, מיין קינד, און איך דאַנק דיר פאַר די וואַרימע רייד. נאָר איך פערשטעה נישט אייגענטליך, וועגען וואָס דאָ געהט.

**יוסטינאַ**

נעמט אָן דעם זיידען בּיים האנד.

אונזער משיח איז נאָך ניט געקומען, הראַביניע. די וועלט איז נאָך נישט אויסגעלייזט.

**די הראַביניע**

דערשראָקען.

מיין קינד! דיין אמונה, דיין ליעבע צו קריסטוס'ן, וועגען וועלכער דו האָסט אַזוי פיעל גערעדט—זענען דאָס געווען הוילע ווערטער? איך קען עס נישט גלויבען.

**יוסטינאַ.**

ניין, הראַביניע, עס זענען נישט געווען קיין הוילע ווערטער. אייער לעהרע און אייער גוטסקייט נעם איך מיט מיט מיר אויף דעם וועג, אויף וועלכען איך געה, און אייערע ווערטער לאָז איך צייטיגען אין מיר אַלס גוטע פרוכט. איך האָב אָבער געמיינט, אַז נאָר ביי אייך איז דאָ די אָפּפערונג און די ליעבע, ווייל איך האָב מעהר פון מיין פאָטערס הויז נישט געהאַט, ווי דעם גלאַנץ פון גאָלד. אָבער ניין, הראַביניע, נישט בלויז געלד איז דאָס רייכטום פון מיין פאָלק! עס בּליהען נאָך אויף זיין באָדען די גרויסע אמת'ן, וואָס זיי האָבען מיטגעבראַכט פון דעם לאַנד, אין וועלכען די גרויסע גייסטער און לעהרערס זענען אויפגעשטאַנען. עס האַלטען זיך נאָך אויף ביי מיין פאָלק יענע שענקייטען, וועלכע זענען געוואָרען צו די שענקייטען פון דער גאַנצער וועלט, און די וויל איך מיר נעמען

צום מוסטער. זיי זענען מעהר צוגעפּאַסט פאַר מיר, ווייל זיי זענען מיינע אייגענע.

די הראַביניע.

אָבער וואו ווילסטו געהן? וואו ווילסטו זיי

יוסטינאַ.

אונטען, אויף דעם באָדען פון מיין פאָלק, וואו איך האָב נישט געקענט דערגרייכען, בליהען זיי. איך הער די ערשטע גריסען פון זיי און דאָרט קעהר איך אַהין.

די הראַביניע.

זעהסטו נישט די קולטור-לויזיגקייט אויף דעם וועג, אויף וועלכען דו ווילסט געהן? ווי וועסטו דיך געפינען צווישען זיי? דו ביסט דאָך שוין אַרויס פון זיי.

יוסטינאַ.

עס קען דאָך נישט זיין קולטורלויז דער וועג, וואָס פיהרט צום אייגענעם פאָלק, צו זיך אַליין. דאָס האָב איך פון אייך געלערנט, און איך דאַנק אייך פאַר דער לעהרע.

מיכאַל.

אָבער אונזער ליעבע, אונזער אייגען לעבען, שטעהט דאָס נישט העכער פון דעם אַלעמען?

יוסטינאַ

פאַלט צו צו איהם—האַלט זיך אָבער איין.

אונזער ליעבע, אָ, ווען מיר ביידע וואָלטען געהערט צו דער רעליגיאָן פון דער צוקונפט... און אונז ביידע וואָלט געוועזן פעראייניגט איין אידעאַל—מיר וואָלטען אַדורכגעבראָכען די צאַמען פון די רעליגיאָנען, וואָס שטעהען אונז אין וועג. דער זיידע קוקט זי אָן... זי דערוויטערט זיך פון איהם. צווישען אונז שטעהען וועלטען, מיכאַל—דו האָסט פערלאַנגט נדן... נדן פון מיין פאָטערס געלד ווילסטו נישט נעמען, קיין אַנדערן האָב איך דיר נישט מיטצוברענגען, און איך וויל נישט קומען צו דיר נאַקעט און אָרים—צו גרינג וועל איך אויסזעהן ביי דיר. עס איז אָבער דאָ אַן אַנדער נדן, וואָס

אַ יודישע טאָכטער האָט מיטצובערענגען איהר חתן, און דעם נדן וועל איך געהן זוכען און דיר ברענגען. אָ, דענסטמאָל וועל איך שטעהן קעגען דיר אויג אין אויג, רייך געגען רייך, און קיין אַנ־דער געפיהל וועט נישט קענען זיין צווישען אונז. קיין חשד, קיין טענדענץ, נאָר די אמת׳ע הייליגע ליעבע!.. ביז דאַן זענען אונזערע וועגען צעשייד

די הראַבינע.

איך ווייס נישט, אפשר האָסטו רעכט. איך ווינש דיר גליק.—נו יעדענפאַלס, מיר האָבען נישט דאָ וואָס מעהר צו טון, מיין זוהן.

מיכאל פערבויגט זיך פאר יוסטינאַ׳ן און פיהרט ארויס די מוטער געאַרעמט. יוס־טינא פאַלט אויף אַ שטול און וויינט לאַנג.

ה׳ מייזנער }
מ׳ מייזנער } קינד, וואָס האָסטו געטאָן!...

ר׳ שמואל

הויבט אויף די הענד.

איך דאַנק דיר, רבונו של עולם! איך דאַנק דיר, רבונו של עולם! איך דאַנק דיר. צו יוסטינאַ׳ן מיט טרערען אין די אויגען. זיי פרעהליך, מיין קינד, זיי שטאָלץ, וואָס דו געהערסט צום אַלטען יודישען פאָלק, צום גרויסען זקן. וואָס וויינסטו? וואָס ביסטו געפאַלען ביי דיר? — פרעהליך זיי! איבער די צרות, וואָס שטעהען דיר פאָר, וואָס דו ביסט אַ יודיש קינד געבליבען, ביסטו טרויעריג? ווער איז אונזער שונא, קינד? פעלקער, וואָס געהען אַוועק מיט׳ן ווינט: נעכטען זענען זיי געוועזן, און מאָרגען וועלען זיי נישט זיין. און דו ביסט אֵייביג, וויל דיין גאָט איז אייביג!.. שטאָלץ זיי, מיין טאָכטער, און פרעהליך זיי, וואָס גאָט האָט דיר געהאָלפען, און דו ביסט אַ יודיש קינד געבליבען. ער טאַנצט און זינגט פאר גליק. אָ ווי דאַנק איך דיר, טאַטע, ווי דאַנק איך דיר!

ה׳ מייזנער

האָסט צו שאַרף גערעדט, מיין קינד. מיט פריצים רעדט מען נישט אַזוי. האָסט געוואָלט אָבזאָגען—יאָ, אָבער נישט אויף אַזאַ אָרט.

ה׳ מייזנער.

ווי עס זאָל ניט זיין—בערוהיג דיך, מיין קינד. וויל זי איינגעמען, נעמט זי ארום. דו בלייבסט מיט אונז, מיין קינד.

יוסטינע הויבט זיך אויף, ווישט זיך אויס די אויגען, זוכט עפּיס. מאַכט זיך ארויסצוגעהן.

ה׳ מייזנער

דערשראָקען.

טאָכטער, וואוהין?

יוסטינאַ.

נישט צו דעם בין איך דאָ געבליבען, מיט אייך צו זיצען. אין אייער הויז רוהט קיין גאָט ניט. ווי זאָל איך מיך געפינען צווישען אייך?

ר׳ שמואל.

צו מיר קום, מיין קינד, מיט מיר! דו ביסט אַ יודישע טאָכטער.

יוסטינאַ.

און אויך נישט מיט דיר, זיידע, צו אַלט ביסטו פאַר מיר. פון דיינע ספרים יאָגט דער טויט; דיין ליכט צאַנקט. אָבער ערגיץ אַנדערש וואו האָט עס זיך אָנגעצונדען!.. וויל אַב.

ר׳ שמואל
ה׳ מייזנער
} דערשראָקען. וואו אַהין?

יוסטינאַ.

דאָרט אַהין, וואו דער עלטערער ברודער איז געגאַנגען אויס-טרעטען אַ וועג.

ה׳ מייזנער

שרייט אויס.

מיט זיי, מיט דעם ברודער? איך וועל דיך ניט לאָזען!

יוסטינאַ.

טאַטע, וועסט מיר נישט פערשטעלען דעם וועג: פיעל וועגען פיה-רען דאָרט אַהין. לויפט ארויס.

ר׳ שמואל

רופט איהר נאָך.

אַז איך קאָן דיך נישט בעגענוגען — געה. זוכט, געפינט,—נאָר ציהט ווייטער די שנור, ציהט זי ווייטער!... דערהאַלט עס ביז דעם לעצטען טאָג, וואָרום משיח קומט דאָך!

ה׳ מייזנער.

מאַמאַ, און וואָס וועט יעצט מיט אונז זיין? צו וואָס האָבען מיר געזאַמעלט געלד, דאָס גאַנצע לעבען געהאָרעוועט? וואָס טויג מיר מיין לעבען, אַז די קינדער פערלאָזען אונז? ער ווארפט דאָס געלט פון די קעשענעס אויף דר׳ערד, פאַלט צוזאמען און וויינט.

ר׳ שמואל.

אַז דו האָסט זיי קיין גאָט נישט געגעבען, מוזען זיי דאָך איהם אַליין זוכען. עס זענען דאָך יונגע קינדער, זיי מוזען דאָך האָבען מיט עפיס צו לעבען!..

פאָרהאַנג.

שלום אַש

# מיטן שטראָם

אַ דראַמע אין צוויי אַקטען

# פערזאנען.

ר׳ זרח, א רב.

הינדעל, זיין ווייב.

רחל׳ע, זייער טאָכטער. | ביי שווער און שוויגער אויף קעסט.

דוד, איהר מאן.

יחזקאל׳ע, זייער קינד.

## צייט:

אין די זיעבציגער יאהרען פון פֿערגאנגענעם יאהרהונדערט.

## ארט:

אין א קליין שטעדטיל ביים טייך.

# ערשטער אקט.

# די סצענע.

די סצענע שטעלט פאר א גרויסע בית-דין שטוב בײ'ם רב. רעכטס א טהיר פון דרויסען אריינצוקומען, די טהיר געפינט זיך אין קארידאר פון בית-המדרש (און עס הערט זיך דורך דעם דאס שטענדיגע גערויש פון די דאווענער אדער די לערנער פון בית-המדרש אויף דער סצענע). לינקס — א צווייטע טהיר פיהרט צום יונגען פאר-פאלק — צו דוד און רחל'עס שטוב, געגען איבער צושויע א דריטער טהיר, וועלכע פיהרט פון די אינוועניגסטע צימערן; ארום די טהירען — שענק בעשטעלט מיט ספרים, פון ביידע זייטען טהיר אין הינטער-גרונד — צווי קליינע פענסטערלעך בעהאנגען מיט האלב-לייוועגדע פארהענגלעך. אין מיט'ן שטוב א לאנגער טיש בעלעגט מיט גרויסע און קליינע ספרים. פון אגהויב טיש ליגט א גרויסע אפענע גמרא, א נאז-טיכעל אויף איהר און א טאבאק-שקעמיעלע. אין די זייטען טיש צווי לאנגע בענק, א כיור בײ'ם וואנד. אין א ווינקעל שטוב צו מזרח וואנד שטעהט א קליין שענקעל בעהאנגען מיט א פרוכת'ל, אויפ'ן שענקעל צווי לייכטערלעך מיט ליכט די שטוב בעלייכט א ברייטע הענגענדע לאמפ — עס איז אבענד נאך עלף א זייגער. פון דרויסען הערט זיך דאס שטענדיגע גערויש פון וואסער וואס ברעכט זיך פון אונטער דעם אייז. אמאל איז דאס גערויש שטילער, — אמאל שטארקער.)

---

רחל'ע (זיצט אויף איינע פון די בענק, זי איז א יונג ווייבעל פון א יאהר איינינגע און צוואנציג, פרום, שעהן און צנועה'דיג, האלט דעם שלאפענדען קליינעם יחזקאל'ע אין איהר שוים — וויגט איהם נאך אין די הענד, זינגענדיג אין דער שטיל דעם מאטיוו):

אונטער יחזקאל'ס וויגעלע
שטעהט א קליין ציגעלע

## דאָס ציגעלע איז נעגאַנגען האַנדלען (שטיל) אײַנגעשלאָפען.

הינדעל (זיצט נעבען איהר, אַ יודענע אין יאָהרען, אַ ברייטע הויכע דבּי'צען מיט אַ ברייטען גלענצענדען שטערן, טראָגט ברילען אויף דער נאָז, שטריקט אַ זאָק): גלויב צו גאָט. אח, אח, וויפיעל דאָס נעהט אָן אַ טאָג (טהוט דעם קינד אוים פאָרזיכטיג די שיכלעך): מיר זאָל זײַן פאַר דײַנע ביינדעלעך, קינד לעבען (טהוט איהם אוים דאָס ציצה-כנפות'ל): מען זאָל פון דיר נחת דערלעבען דער טאַטע דײַנער, די מאַמע דײַנע.

רחל'ה (זיפצט ביטער אָב): אָ יאָ, זײַן פאָטער נחת?...

הינדעל. שלאָג דיר טאָכטער די נאַרישע געדאַנקען פון קאָפּ אַרויס עס איז גאָר נישט, און עס וועט מיט גאָט'ס הילף גאָר נישט זײַן.

רחל'ה (ווי פאַר זיך). דו וואָלסט געדאַרפט הערען זײַנע קרעכ־צען בײַ נאַכט, מאַמע.

הינדעל (קלערט אַ ווײַלע). און ווידער אַרום, ווער קען וויסען? דער טאַטע זאָגט אויך, אַז ער געפעלט איהם עפּעס נישט די לעצטע צײַט.

רחל'ה (רוקט זיך צו דער מוטער נעהנטער). מאַמע לעבען, דו ווייסט, נעכטען בײַ נאַכט ליג איך אַזוי אין בעט און האָרך מיך אײַן, און פלוצים, מאַמעשי, הער איך ווי ער וויינט, גלײַך ווי ער וואָלט זיך בײַ עמיצען געבעטען. האָב איך מיך אין דער שטיל אויפגעהויבען, בין פאַמעלעך צו געגאַנגען צו איהם, זעה איך מאַמעשי, ווי ער ליגט מיט'ן פנים אין קישען אײַנגעגראָבען און וויינט. האָב איך מיך זעהר דער־שראָקען, האָב איך איהם גערופען: דוד, דוד! איז ער אויפגעקומען, פרעגט ער „רחל'ה דו ביזט עס". איך האָב אַזוי מורא געקריגען (פויזע).

הינדעל. אַ יודישע טאָכטער דאַרף שטענדיג וויסען וואָס דער מאַן האָט אין זינען, זי דאַרף שטענדיג וויסען, וואָרום...

רחל'ה. אָבער ווי אַזוי מאַמע? איך בעט מיך בײַ איהם: דוד, וואָס איז דיר, נעמט ער מיך אײַן מיט גוטען: גאָר נישט, זאָגט ער, רחל'ה, גאָר נישט.

הינדעל. זעהסט דו, קינד לעבען, דאָס זענען קײַן רייד נישט. אַ יודיש ווײַבעל דאַרף וויסען, — מאַכט שוין אַזוי, אַז זי זאָל וויסען... אַז דײַן טאַטע האָט נאָך אונזער חתונה געוואָלט אַראָב פון קעסט, און איז

אַרום געגאַנגען מיט אַני אַראָבגעלאָזטער נאָז, מיט קיינעם נישט גערעדט, האָב איך באַלד פערשטאַנען וואָס ער מיינט. פאַר'ן מויל האָט ער עס נישט געבראַכט, און איך האָב עס געוואוסט, ווי אַזוי? ווי אַרום? אַז מען איז אַ ווייב ווייסט מען שוין.

רחל'ה. וואָס זאָל איך טהון, מאַמע? זאָג מיר, איך געה אירם נאָך ווי אַ שאָטען. אין די אויגען קוק איך איהם אַריין, זיך וויל עס איהם פון די ליפען אַראָבשאַרען... און דאַכט זיך מיר, ער זאָגט מיר עפּעס, נאָר איך פערשטעה איהם נישט... איך בין אַ נאַרישע יודענע, איך קען איהם נישט פערשטעהן. (וויינט, דאָס קינד וועקט זיך).

הינדעל (נעמט זי איין). וויין נישט, וואָס האָסט דו צו וויינען? וועסט נאָך דאָס קינד אויפוועקען, גיב'ן מיר (נעמט פון איהר דאָס קינד). זיי וויסען, אַז דיין מאַן איז נישט קיין „ליאַרע-ווער": זיי וויסען, אַז דיין מאַן איז אַ גרויסער, גרויסער יוד, אַ גדול בדור איז ער. דער טאַטע זאָגט, אַז פון איהם וואַקסט אַ גרויסע ישועה אויף יודען... ווייס איך, אפשר איז עס ביי זיי אַזאַ גאַנג... אפשר אַ תשובה... אפשר קלאָגט ער אויף אַזעלכע זאַכען וואָס מיר זעהען נישט און פערשטעהען נישט... איך ווייס נישט, טאָכטער, אויב דו וועסט מיך פערשטעהן, נור זיי וויסען, אַז דו האָסט אויף דיר אַ סך, אַ סך גענומען, אַז דו ביסט זיין ווייב געוואָרען, דו מוזט ראוי זיין צו דעם. דער טאַטע האָט מיך געהייסען דיר דאָס זאָגען: דו מוזט דיך סטאַרען ווערט צו זיין, צו זיין זיין ווייב, אַז ער זאָל נישט דאַרפען זיין נשמה אַראָב צו נידערן צו דיינע, נור לייכט זאָל דיין נשמה זיין, אַז ער זאָל זי קענען מיט אויפהייבען צו זיך. (פויזע). זאָג מיר, טאָכטער, האָט ער דיך ליעב?

רחל'ה (בעהאַלט שטיל דאָס געזיכט אין די הענד).

הינדעל. זאָג, טאָכטער לעבען, פאַר אַ מאַמען שעמט מען זיך נישט. עס איז קיין עברה נישט, אַדרבה, אַ יודיש ווייבעל דאַרף זעהען, דאַרף זיך מיהען, אַז דער מאַן זאָל זי ליעב האָבען.

רחל'ה (אויסשלוכצענדיג). איך ווייס נישט. מאַמע

הינדעל. ווי הייסט, דו ווייסט נישט? ווער דען זאָל וויסען? זאָג מיר טאָכטער, (זאָגט איהר שטיל אין אויער): שוין לאַנג איז ער ביי דיר געוועזען?

רחל'ה (בעהאַלט דעם קאָפּ אין דער מוטער'ס שוים). נעכטען ביי

באַלד, אַז ער איז געקומען צו מיר, האָט ער מיר אַרויפגעלייגט דעם קאָפּ אויף מיין האַרץ... ער האָט מיך נור אויף מיין האַרץ געקושט, און די טרעהרען זיינע האָבען מיר גערונען אויף מיינע בריסטען...

הינדעל. זאָג איך דיר, טאָכטער, זאָרג דיך נישט, זאָלסט דיך אויף גאָט פערלאָזען, מיט זיין היליף וועט אַלץ גוט זיין, זאָלסט נור גאָט בעטען ער זאָל דיך ליעב האָבען. אַצונד געה שלאָפען, געה, לייג יחזקאלין (הייבט זיך אויף און גיט איהר איבער דאָס קינד). נו געה לייג זיך, עס איז שוין שפּעט, דער טאַטע וועט באַלד אויפוועקען זיך צו חצות.

רחליה (נעמט דאָס קינד פון דער מוטער). דוד איז נאָך אין בית-המדרש.

הינדעל (פיהרט זי אָב צו דער טהיר, שפּילענדיג זיך מיט'ן קינד). ווי דאָס האַלט די אייגעלעך צו, דו, דו לאָבעס איינער... (זי קושט דאָס קינד אין דער שטיל). דודין וועל איך שוין אָבוואַרטען.

רחליה (אין דער טהיר). אַז איך בין נישט דאָ וועט ער נישט עסען. (אָב).

הינדעל (נעמט אַ טישטוך, גרייט צום טיש, לייגט אויף זאַלץ-מעסטעל, ברויט, גאָפּעל-מעסער). אַן'אַנדערעניש אַביסעל, אָהן מיר וועט ער נישט עסען, געב זיי גאָט דאָס געזונד און לעבען. (דערמאָנט זיך). אַזוי איז אויך געווען מיט מיין אַלטען אין די יונגע יאָהרען. קומט אַהיים פון בית-המדרש, זעצט זיך אַנידער וואַרטען: זרח געה דיך וואַשען צום עסען, ער זיצט, וואָס זיצט דו זרח? אַהאַ הינדעל איז נישט דאָ... אוי, אוי די מאַנספערשוינען... די מאַנספערשוינגען... (עס הערען זיך אָנקומענדע טריט). אַהאַ שוין דאָ.

דוד (קומט אַריין, אַ הויכער יונגערמאַן פון איינינגע און צוואַנציג יאָהר, אַ בלייך טרויעריג געזיכט; טהוט אויס דאָס פוטער, העננט עס אויף דער טהיר, בלייבט שטעהן אין אַ לאַנגען אַטלעסען ראָק, באַרטעל). גוט נ'אָבענד, שוויגער. (דרעהט זיך איבער'ן צימער).

הינדעל (מיט אַמלעניש). גוט נ'אָבענד, גוט יאָהר. גוט וואָס דו ביסט שוין געקומען. איך האָב שוין געוואָלט שלאָפען געהן. געה וואַש זיך צום עסען, פלינקער, ס'ווערט קאַלט. (מיט אַ מוטערליך געבייזער): ווי זוימט מען עס זיך אַזוי לאַנג אין בית-המדרש, אַ יונגער מאַן וואָס האָט אַ ווייב און אַ קינד טאָר נישט אַזוי לאַנג זיצען אין בית-המדרש... מיין

טאַטע זכר צדיק לברכה, דער ראש ישיבה, פלעגט באַלד נאָך מעריב די יונגע לייט פון בית־המדרש מיט אַ שטעקען אַהיים טרייבען. און ס'איז באמת קיין יושר נישט: זיי זיצען זיך דאָרט אין בית־המדרש, און די ווייבער לאָזען זיי אַליין ווארטען אויף זיך אין דער־היים...

דוד (שטעלט זיך אָב אַ ווײַלע): וואו איז רחל'ה?

הינדעל: רחל'הן האָב איך שלאָפען געיאָגט, — נו, געה דיך וואַשען.

דוד: ניין, איך וועל נישט עסען, איך בין נישט הונגעריג, — אַ גוטע נאַכט שוויגער. (געהט אָב אין זיין צימער).

הינדעל (מיט אַ שמייכעל): ווי זי האָט עס באַלד געוואוסט... רעכט אַזוי, גאַנץ גוט אַזוי.. (זי דרעהט אַראָב די לאָמפּ) אַ גוטער סימן.. אַ גוטער סימן... (אויף די סצענע ווערט טונקעל, הינדעל געהט מיט זעהר לייכטע טריט אָב. פּויזע. עס הערט זיך פון דער צווייטער שטוב איהר אויסגעהעכנדיג קול: „טהו ווארפען אַ שלאָף אויף מיינע אויגען..." פון דרויסען גיסט זיך דאָס וואַסער אין דער שטיל... פּויזע).

דוד (קומט אַריין צוריק פון זיין צימער, געהט אום אויף און אָב, געהט אַ ווײַלע צו צום פענסטער, הערט זיך איין צו'ם גערויש, אַם ענדע זעצט ער זיך אַנידער ביי'ם טיש, דרעהט אַרויף די לאָמפּ, נעמט אַ ספר אונ הויבט אָן צו לערנען מיט אַ טרויעריגער שטימע, פריהער שטיל, דער־נאָך העכער).

רחל'ה (עפענט שטיל די טהיר, בלייבט שטעהן אַ ווײַלע. געהט שטילערהייט צו צו דוד'ן): דוד —

דוד: דו ביסט עס, רחל'ה, פאַר וואָס האָסט דו דיך אויפ־געהויבען?

רחל'ה: איך ווייס אַליין נישט, (פּויזע), עפּעס קען איך היינט נישט שלאָפען.

דוד (ווייך און אונרוהיג): פאַר וואָס, רחל'ה?

רחל'ה: איך האָב מיך עפּעס אויפגעכאַפּט... עס איז אויף מיר אַ גרויסע שרעק אָנגעפאַלען, דאָס וואַסער רוישט אַזוי אין דרויסען, דאָס אייז ברעכט זיך אויף, אונ עס געהט מיט אַזאַ קראַכט.

דוד (ווי פאַר זיך): דעם שבת האָט מען דאָך ראש חודש אדר

געבענטשט, און דאָס וואַכער פיהלט, אַז עס איז געקומען די צייט, זיך פון איהם צו בעפרייען. עס ברעכט זיין דעק, זיין ווינטער, און עס געהט פריי אַרויס אויף דער וועלט.

רחל'ה: אויף מיר איז אַ גרויסע שרעק אָנגעפאַלען, איך האָב דיך גערופען, דו האָסט מיר נישט אָבגעענטפערט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דו ביסט שוין נישטאָ.

דוד: קינד פאַר וואָס האָסט דו דיך ערשראָקען? האָסט דאָך געוואוסט, אַז איך בין דאָ. (פויזע). געה רחל'ה, געה צוריק שלאָפען.

רחל'ה: קום אויך, איך האָב מורא.

דוד: געה, נעם דיר דאָס קינד אין בעט אַריין, (געהט צו צו איהר) איך וועל באַלד אַריינקומען, איך דאַרף נור עפּעס נאָך־קוקען (פיהרט זי צו צו דער טהיר) שלאָפט יחזקאל'ע?

רחל'ה (אין טהיר): יאָ, דוד. עס איז מיר איהם אַ שאָד צו וועקען. די בעקעליך האָט ער אַזאָלכע רויטע און די אויגעליך פערמאַכטע, (גוטווילינג) ער שמייכעלט מיט די ליפּעליך ווי דער מלאך וואָלט מיט איהם תורה געלערנט. (אָב אין איהר צימער)

דוד (דרעהט זיך נאָך אַ קליינע פויזע אַרויף און אַראָב איבערן צימער אונרוהיג. געהט צו צום פענסטער, קוקט אַרויס. געהט פלוצלונג צו צו אַ שאַנק ספרים, נעמט פון הינטער גמרות אַרויס איינינגע שטיקער וועש, ספרים'לעך קליינע, וויל זיי זיך איינפאַקען, געהט פאַמעליך צו צו רחל'הס צימער — האָרכט זיך איין עפּעס זעהר פאַמעליך אויף די טהיר, אין דער טהיר ווייזט זיך רחל'ה)

רחל'ה (אין דער טהיר, האַלב אין טרעהרען): איך ווייס פון אַלעס דוד, איך ווייס.

דוד (ערשראָקען): וואָס ווייסט דו רחל'ה? וואָס?

רחל'ה: איך ווייס וואָס דו ווילסט טהון. דו ווילסט ערגעץ וואו אוועק, איך ווייס אַליין נישט וואו אַהין, (זי פאַלט אויף זיין האַלז, און וויינט אין דער שטיל) איך ווייס אַליין נישט, איך ווייס אַליין נישט.

(דוד נעמט זי לייכט פון זיין האַלז אַראָב, ער געהט אַרויף און אַראָב איבערן צימער, נישט קוקענדיג אויף איהר).

רחל'ה (האַלב שלוכצענדיג): האָסט געמיינט איך שלאָף... נעכטען

בײַ נאַכט. װען דו ביסט צו מײַן בעט צוגעקומען... איך האָב אַלץ געהערט... אַלץ געהערט...

דוד (גײט צו צו איר קוקט זי אָן): װאָס האָסטו געהערט רחל'ה?

רחל'ה (זעצט זיך אױף אַ באַנק, שטיל): װען דו האָסט דײַן קאָפּ אױף מײַן האַרץ אַנידערגעלעגט (פּױזע), האָסט געמײנט, אַז איך שלאָף און פֿיהל נישט... דו האָסט געשװיגען, דו האָסט נור בלױז געקוקט אױף מיר װי דו װאָלסט דיך עפּעס געבעטען בײַ מיר. איך בין אױף געװען. איך האָב נישט געװאָלט די אױגען עפֿענען, אַז דו זאָלסט דיך נישט ערשרעקען. איך האָב דיך נור בלױס בײַם נאָמען גערופֿען דוד, דוד, אַזױ שטיל אין האַרץ, דו האָסט נישט געהערט... דו האָסט דיך געהנטער צוגעבױגען צו מיר, דו האָסט מיר עפּעס אָנגעזאָגט, איך האָב נישט געהערט װאָס דו האָסט מיר אָנגעזאָגט, מיר דאַכט זיך דוד, אַז דו האָסט דיך מיט מיר געזעגענט, יאָ, דוד? (פּױזע, זי װײנט אין דערשטיל, דוד זעצט זיך נעבען איהר. רחל'ה זאָגט װײטער זיך אױסװישענדיג די אױגען) אַז איך האָב די אױגען אױפגעעפּענט האָב איך געזעהן װי דו ביסט געשטאַנען בײַ'ם קינד'ס װיגעל... דו האָסט אױף איהם געקוקט, האָסט איהם עפּעס װי אָנגעזאָגט, איך האָב נישט געהערט װאָס... דוד, דאָס האַרץ שרעקט אין מיר, װאָס װילסטו טהון, דוד? װאָס װילסטו טהון?

דוד (בױגט זײַן קאָפּ אין איהר שױס. שװײגט. אַ לאַנגע פּױזע).

רחל'ה: עפּעס טראָגסטו אַ שרעקליכען סוד אין דײַן האַרץ אַרום. דו שװײַגסט שטענדיג, דו בעהאַלטסט דיך פֿאַר מיר. צי בין איך נישט דײַן װײַב, װאָס בעהאַלטסטו דיך פֿאַר מיר? (פּױזע) עס דאַכט זיך מיר, אַז עפּעס אין דיר װײנט שטענדיג. הײַנט אין דער פֿריה האָב איך דיך לערנען געהערט, דײַן קול איז אַזױ טרױעריג געװען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דו לערנסט נור, װײַל דו װילסט עפּעס פֿערױאָגען פֿון דיר, פֿערגעסען... און טהײל מאָל האָסט דו אין עפּעס פֿערגעסען, און דײַן שטימע װערט אַזױ רײַן... און באַלד װערט זי װײטער טרױעריג. גאָט מײַן אײנציגער, װי מיט אַ מעסער

אַזוי האָט זי אין האַרץ געשניטען... דו ווילסט עפּעס זאָגען מיט דיין קול, עפּעס אַזוינס וואָס דו קענסט עס נישט מיט ווערטער אויסזאָגען ווילסט דו עס מיר מיט דיין קול אין מיין האַרץ איינזינגען... און איך האָב דיך געוואָלט פערשטעהן איך האָב דיך אָבער נישט געקענט פערשטעהן. איך בין אַ נאַרישע יודענע, דוד. איך קען דיך נישט פערשטעהן. וואָס איז דיר דוד? וואָס איז דיר?

דוד (שטיל אָבער זיכער): איך וויל אַוועק פון דאַנען רחל'ה.

רחל'ה: אַוועק? וואו אַהין? אַ היים צו דיינע עלטערן?

דוד: ניין, אויך פון מיינע עלטערן.

רחל'ה (ערשראָקען): איז דיר דאָ דען שלעכט ביי אונז?

דוד: ניין, גאָר נישט פעהלט מיר, און אַלץ פעהלט מיר!

רחל'ה (קלעהרט אין אַ בעהאַלטענער שרעק): בין איך דיר פערמאוסט געוואָרען, דוד?

דוד: ניין רחל'ה, איך וויל דיך נישט גענאַרען, אָפען וויל איך זיין... דו זאָלסט מיך פערשטעהן. איך קען דאָ נישט לענגער בלייבען... איך מוז אַוועק פון דאַנען!

רחל'ה (גענענטער אין איהם): עפּעס רעדסט דו היינט אַזוי וואונדערליך, וואָס איז דאָס מיט דיר געוואָרען דוד?

דוד: איך ווייס נישט אויב דו וועסט מיך פערשטעהן, רחל'ה, מיר פעהלט גאָר נישט, אַלץ האָב איך, נור דאָ איז מיר ענג. דו זעהסט דאָ די ספרים, די גרויסע, די קליינע (ער ווייזט אויף די שענק ספרים), יעדעס ספר האָט מיר אַ רינג אויף די הענד געלעגט און איך וויל מיך בעפרייען פון די רינגען!... פערשטעהסט, דאָ זענען מענשען טויטע, ווינטערדיגע, אין ווינטער געבוירען, אין ווינטער געלעבט און אין ווינטער געשטאָרבען... און אַזוי ציהט זיך איין טויטער לאַנגער ווינטער פון דור צו דור... דער פאָטער גיט איהם איבער דעם זוהן, און דאָס קינד, דאָס קליינע קינד אַזוי ווי עס עפענט נור די אויגען — לערנט מען עס באַלד אַלט צו זיין, צוגרייטען זיך צום גלות... פערהוילען און אַוועק־רויבען פון איהם דעם זונען־שטראַהל... דאָס לאַכען פון די ליפּען... דאָס לעבען וואָס קוקט אין אונזער פענסטער אַריין... מען מוז איהם אין שאָטען בעהאַלטען, אַז ער זאָל קענען געפינען זיין „זיין“, זיין לעבען צווישען די פערשטויבטע ספרים...

(פּויזע) עס זײַנען אָבער פֿערהאַנען אַזעלכע װאָס װילען ניִשט זײַער טויט לעבען װײַטער פֿיהרען, — אַ דור נאָך אַ דור... צו װאָס? װאָס פֿאַר אַ האָפֿנונגען האָט מען צו געבען אונזערע יונגע דורות... איך װיל אין דער װעלט גערן און מיר אַ װעג זוכען, פֿאַר מײַן קינד דערינען, אַז דער יונגער דור װעט אויפֿװאַקסען זאָל ער אַ נײַעם לעבען האָבען. אונ דו רחל'ה, דו מוזט מיר דאַבײַ מיטהעלפֿען—פֿאַר איהם דערינען, פֿאַר אונזער קינד װיל איך אַ װעג זוכען.

רחל'ה: איך פֿערשטעה דיך ניִשט, דוד... איך פֿיהל װי אַ קאַלטער װינד בלאָזט מיר אין די האָר, און מײַן האַרץ שרעקט אַזוי אין מיר... אונ מיר װערט אַזוי באַנג... װאו אַהין װילסט דו, דוד?

דוד: אין מיר האָט זיך אַ פֿריהלינג ערװעקט, איך פֿיהל װי עס װייקט זיך אין מיר אַ לעבען אויף, איך װיל אַװעק אין דער װעלט, דאָרט װײַט מיט'ן װאַסער, (שטאַרק) איך װיל אַװעק זוכען און געפֿינען אונ אײַך לעבען ברענגען. איך װיל ניִשט דאָס מײַן קינד זאָל זײַן אַ פֿינסטער גלות קינד. הער, איך בין אויך אַ מענש, איך האָב אַ האַרץ, און דאָס האַרץ װיל האָבען מיט װאָס צו לעבען, אויף װאָס צו האָפֿען — דאָס װיל איך רחל'ה. (ער געהט צו צו איהר) איך װיל מײַן קינד זאָל נאָך עפּעס בענקען, זאָל פֿאַר עפּעס לײַדען... ער זאָל צו עפּעס דינען. אַ „גאָט", פֿאַר מײַן קינד װיל איך, אַ „תורה", אַ „גאָט" בעשאַפֿען.

רחל'ה (ערשראָקען, האַקט איהם איבער): איך פֿערשטעה דיך ניִשט, דוד, װאָס רעדסט דו, חלילה... אַ פֿרעמדען גאָט... װאָס איז מיט דיר? (פֿעסט, ערגעגט) עס איז מײַן קינד פּונקט אַזוי װי דײַנס, איך װעל ניִשט דערלאָזען... װאָס איז מיט דיר, דוד?! (זי פֿערבאָרגט דאָס געזיכט אין די הענד און װיינט ביטערליך).

דוד: דו האָסט מיך ניִשט פֿערשטאַנען, רחל'ה, איך מײן, חלילה ניִשט... (שטאַרק) דעם איינציגען לעבענדיגען „גאָט" פֿון דער גאַנצער װעלט.

רחל'ה (בערוהיגטער): דו רעדסט עפּעס אַזוי. דעם איינציגען לעבענדיגען גאָט דינענסט דו דאָך. דו לערנסט גאַנצע טעג צו איהם, און דײַן געזאַנג געהט צו איהם צום הימעל אַרויף, דאָס איז זײַן לויב.

(פויזע) און איך וויל דאך שוין אויך, אז מען זאל די זכיה האבען צו הערען אונזער קינד לערנען. מיט דיר וועט ער בייזאמען זיטצען און אין די הייליגע תורה לערנען, ער וועט דיין קול האבען, וועסט זעהן, גאט וועט אונז העלפען.

דוד (גראבט איין זיין געזיכט אין איהר שויס): דו פערשטעהסט מיך נישט רחל'ה, דו קענסט מיך נישט פערשטעהן, פרעמד מוז איך זיין פאר דעם, וואס איך וואלט נישט געוואלט זיין פרעמד.

רחל'ה (קוקט אויף איהם מיט געבעט): דוד,ווארף אוועק די בייזע געדאנקען, צו וואס טויג דיר דאס? וועסט זעהן, גאט וועט אונז העלפען. דו וועסט זיין אלעס פערגעסען... דו וועסט זיטצען מיט יחזקאל'ן און אין דער הייליגער תורה לערנען, ווי דענסטמאל... געדענקסט, חתן-וויי. דו ביסט דערינען געזעסען און געלערנט, איך האב מיך אונטער די טהיר געשטעלט אונ אונטערגעהארכט, דיין קול האט אזוי געזונגען.. עפעס א גליק האסט דו מיט דיין קול אויסגעזונגען, אונ מיר איז אזוי גוט געווען, מיר האט זיך געדאכט, אז דאס רעדסט דו צו מיר. — ווען וועסט דו דיין קול ווידערקריגען? דוד, ווארף אוועק די בייזע געדאנקען.

דוד: די וואס שלאפען זינגען א שטיל ליעד, האפט זיך ווער אויף פון שלאף דער צורייסט זיין שטיל ליעד...

רחל'ה: קום איך וועל דיך אין מיר בעהאלטען... איך וועל פון דיר דיינע געדאנקען פעריאגען, דו וועסט זעהן (יחזקאל'עס קול, פון דער צווייטער שטוב: מאמע, מאמע), הערסט דוד. אונזער קינד רופט זיך אן, די אויגען האט ער אודאי געעפענט. „מאמע" רופט ער, דיין קול, דיין קול איז עס... מיר וועלען נאך די זכיה האבען, וועסט זעהן, גאט וועט אונז העלפען, מיט דיר וועט ער זיצען בייזאמען אונ אין די הייליגע תורה לערנען (געהט צו דער טהיר) פונקט אזוי ווי דו, דענסטמאל... (אב)

דוד (אליין): אונ דערנאך וועט זיך זיין קול ענדערן... ווייגען וועט עס, בענקען, בעטען זיך... אונ אזוי ווייטער... א דור נאך א דור... (פויזע) אונ אפשר געגאר איך מיך אליין אב. עס דאכט זיך מיר, דאס וואס איך זאג זענען נור הוילע ווערטער, ווערטער אהן

יסוד ... אין מײַן הארץ, דאָרט, לעבט עפּעס אַנ'אַנדערע וועלט, איך קען צו איהר נישט צוקומען.

ר ח ל ' ה (קומט אַרײַן, האַלטענדיג דעם קלײנעם שלאָפענדען יחזקאל'הן אויף דער האַנד, זעצט זיך אַנידער מיט איהם, האַלב ווי זאָגענדיג צום קינד):
עס איז אָוועקגעפאָהרען דער טאַטע גאַנץ ווײַט, איבער בערגער און טאָהלען... אין אַ ליכטיג לאַנד, פאַר דיר פון דאָרט אַ שטראַהל ליכט צו ברענגען, וועט איבערבלײַבען דער טאַטע אין ליכטיגען לאַנד, וועט איבערבלײַבען די מאַמע אין פינסטערן לאַנד, און דו קינד, וואו וועסט דו זײַן? —

(די לאָמפּ געהט לאַנגזאַם אויס, פון הינטערן פענסטער הערט מען ווי דאָס וואַסער גיסט זיך וואָס אַמאָל שטילער). —

—וועט די מאַמעשו זיצען בײַם פענסטער אין פינסטערן לאַנד, אין פינסטערן לאַנד. פינסטער איז אַרום און אומעטום... פון דערווײַטען ווײַזט זיך אַ ליכטיגער שטראַנד, אַ ליכטיגער שטראַנד, דאָרט איז דאָס ליכטיגע לאַנד, דאָס ליכטיגע לאַנד. (פּויזע) דאָרט זיצט דער טאַטע בײַם פענסטער אין ליכטיגען לאַנד, ליכטיג איז אַרום און אומעטום, פון דערווײַטען קוקט אַהער אַ פינסטערער שטראַנד, דאָרט איז דאָס פינסטערע לאַנד... דאָס פינסטערע לאַנד... —

— און דו קינד לעבען, דו וועסט שטעהן אויף די גרענעץ פון ליכטיגען און פינסטערן לאַנד, און וועסט נישט וויסען וואו זיך צו ווענדען, וואו זיך צו קעהרען. אין ליכטיגען לאַנד האָסט דו דעם פאָטער זיצען, אין פינסטערן לאַנד האָסט דו די מאַמע זיצען. .

(אַ לאַנגע פּויזע, דאָס ליכט געהט אויס, אויף די סצענע איז גאַנץ טונקעל, פון אַ ווײַטע שטוב הערט זיך אַ טרויעריג האַלב אויסגעהענדע שטימע)

אַ ק ו ל ה י נ ט ע ר ד ע ר ס צ ע נ ע (לײענט קריאת שמע): געלויבט ביסט דו גאָט, אונזער גאָט און גאָט פון אונזערע עלטערן, וואָס דו מהוסט וואַרפען אַ שלאָף אויף מײַנע אויגען און אַ דרימלונג אויף מײַנע לעפלען. און עס זאָל זײַן בעווילינגט בײַ דיר, אַז דו זאָלסט מיך מאַכען שלאָפען מיט פריעד, עס זאָלען מיך חלילה נישט איבערשרעקען קײן שלעכטע חלומות און קײן שלעכטע געדאַנקען...

(דאָס קול ווער־ט פערשטומט. אויף דער סצענע איז פינסטער און שטיל, פון

אונטער די פענסטער הערט זיך נור דאָס שטילע געוויש פון גיסענדען וואַסער וועהר לאנגזאַם אונ שטיל.

דוד'ם (שלובצענדע האלב פערשטיקטע שטימע): מנוחה, אונ דו זאָלסט זי מיר געבען, (פויזע, שטילער) אין אַלעם פערגעסען, (שטיל) שלאָפען... שווייגען... (א לאנגע פויזע).

רחל'עם (שטימע, שטיל): קום דוד, (פויזע) קום... (פויזע) קום...
(טריט הערען זיך איבער דער סצענע א טהיר קלאַפּט אויף, א טהיר קלאַפּט צו).

(א לאנגע פויזע)

(פאר די פענסטער זעהט מען פלוצלונג אדורכגעהן דעם שטאָדט שמש מיט א לאַמטערן אין האנד).

דער שמש (זינגט מיט א טרויעריגער ערנסטע שטימע):

שטעהט אויף
שטעהט אויף
יודעלעך,
כשר'ע יודעלעך
פרומע יודעלעך
שטעהט אויף
שטעהט אויף
ל־ע־בו־דת ה־בו־רא".

(דער קול ווערט פערשטומט ווייט אין געסעל. פויזע).

(די טהיר געגען איבער דער סצענע עפענט זיך, עס ווייזט זיך

ר' זרח (א הויכער אַלטער יוד, אין ווייסע זאָקען, דעם קאָפּ בעשיט מיט אַש, אין א לאנגער שווארצער קאפּאָטע, האַלט א ליכט אין דער האנד. זעצט זיך אין א ווינקעל שטוב ביי א שאַנק ספרים אויף דער ערד, שטעלט פאר זיך דאָס ליכט אונ זאָגט אוים דעם סדור מיט א טרויעריגער אָבער זיבערער שטימע, אקצענטירענדיג יעדעס וואָרט): אויף די טייכען פון בבל זענען מיר געזעסען און געוויינט, אז מיר האָבען זיך אין ציון ערמאַהנט, אויף די ווייַדענבוימער דאָרט האָבען מיר הארפען אויפגעהאנגען, דעמאָלט האָבען אונזערע פייניגער פערלאַנגט מיר זאָלען זיי זינגען: „זינגט אונז פון ציון'ס ליעדער". ווי קענען מיר גאָט'ס ליעדער זינגען אויף פרעמדע ערד? אז איך וועל דיך פערגעסען ירושלים זאָל מיר מיין רעכטע האנד

ווערען פערגעסען. זאל מיר מיין צונג צו מיין גומען ווערען צוגעקלעבט אז איך וועל דיך נישט ערמאהנען ביי דער ערשטער פרייד מיינער. געדענק דו גאט צו אדום׳ן דעם טאג פון ירושלים, געזאגט האט ער: מיר וועלען נעהן אונ מאכען א תל פון אלעם... דו טאכטער בבל! געלויבט זאל דער זיין וואס וועט דיר בעצאהלען וואס דו האסט אונז געטהון, געלויבט זאל זיין דער וואס וועט דיינע קינדער חאפען און אויף די פעלזען צושמעטערן״..

דוד (גיט א פראל אויף די טהיר און רייסט זיך אין שטוב אריין, מען זעהט ווי רחל׳ה האלט איהם צוריק): לאז מיך (רייסט זיך ארויס געהט צו צום אלטען, מיט א זיכערער שטימע): שווער!

ר׳ זרח (זאגט ווייטער נישט־געמערקט): פרעמדע זענען געקומען אין דיין געצעלט, האבען טמא געמאכט דיין בית־המקדש..

דוד (העכער): שווער, איך האב אייך עפעס צו זאגען.

ר׳ זרח (הויבט אויף דעם קאפ, קוקט אן דוד׳ן): דוד, וואס איז?

דוד (ערנסט אונ וויכער): איך געה אוועק פון דאנען.

ר׳ זרח (נעמט אראב די ברילען, קוקט איהם צומישט אן, אונרוהיג אונ פערוואונדערט): ווי הייסט, דוד?

דוד: איך האב מעהר נישט קיין ארט צווישען אייך.

ר׳ זרח: וואס? (הויבט זיך אויף) וואס? ווי הייסט?

דוד: די תורה וואס איך האב דא געלערנט קען מיר שוין נישט בעגניגען, איך מוז מיר געהן זוכען א אנדערע תורה.

ר׳ זרח (אויפשרייענדיג): וואס? וואס רעדסט דו?

דוד: איהר זענט צו אלט פאר מיר. אייער תורה איז א אלט ליעד... אונ איהר ווילט זי ווייטער זינגען צווישען פרעהליכע רעבעני־דיגע געזאנגען? אייער תורה איז פאר אייך, פאר אלטע טויטע מענשען, וואו האט איהר א תורה פאר יונגע? פאר די וואס קומען אן? האט איהר פאר זיי איין ליכטיגען שטראהל אויף וואס צו האפען? איהר ווילט זיי ווייטער לייכטען מיט אייער קליין פעררויכערט לעמפעל, ווען גאנצע הימלען שיינען בונדען ליכטיגע שטראהלען און בעלויכ־טען די וועלט?

ר׳ ז ר ח (לעהנט זיך אָן אין אַ שאַנק ספרים, קוקט אויף דוד׳ן): דאָס ביסט דו?

ד ו ד: דאָ אין דער פֿינסטער, צווישען די ספרים האָט איהר מיין נשמה געפֿאַנגען און געשטיקט... די וועלט וואָס קוקט אַריין דורך אונזער פֿענסטער האָט איהר מיר פֿרעמד און וויים געמאַכט... צו דעם וואַסער וואָס גיסט זיך הינטער אונזער פֿענסטער... דאָרט וויים צום וואַלד וואָס לאַכט אַהער צו די וועלט אין דרויסען האָט מיין האַרץ געצויגען... און איהר האָט דאָס פֿון מיר בעהאַלטען, פֿערהילען, און דאָ צווישען פֿוילע פֿערשטויבטע בלעטער האָט איהר מיך געהייסען לעבען, און איך האָב געלעבט... מיט דעם גמרא נגון האָב איך זיך געוואָלט פֿערזינגען, פֿערגעסען, דערנסטמאָל ווען איך האָב שוין לאַנג דעראינען נישט געגלויבט. איך האָב נישט געקענט, — עס איז שווער צו נעמען אַ לעבען און בעגראָבען עס... אין האַרץ האָב איך אַ לעבען... מען קען נישט... פֿרעגט דאָס וואַסער אין דרויסען וועט עס אייך ערצעהלען: שעה׳ן לאַנג בין איך ביים וואַסער געשטאַנען, יעדע פֿאַלע האָט מיין וואָרט געחאַפּט און איז דערמיט אַוועק־געשוואומען צו טראָגען מיין ליעד אין דער וועלט. גענוג, איך קען מיך מעהר און וויל מיך מעהר נישט גענאַרען.

ר׳ ז ר ח (האַקט איהם איבער): גענוג, יאָ, געה וואו דו ווילסט געהן. מיר שטעהען נישט נאָך אַזאָלכע יודען... אונזער גאָט דאַרף נישט אַזאָלכע יודען. מיר זענען צו אַלעם געוואוינט.

ד ו ד: נישט ווי קיין גנב האָב איך מיך פֿון אייך געוואָלט אַרויס־גנב׳נען. ניין. פֿריי און אָפֿען וויל איך געהן פֿון פֿינסטער אין ליכט. עס האָט זיך אין מיר אַ קראַפֿט ערוועקט... אַ ליכט איז געפֿאַלען אויף מיינע אויגען... און איך זעה אייך ווי קליין איהר גרענעצט זיך אָב אין אייער טויט וועלטעל און איך געה אַוועק פֿון אייך אָפֿען און פֿריי, מיר אַ נייעם וועג אויסטרעטען... פֿאַר איהם דעראינען (ער וויזט אויף די טהיר פֿון זיין צימער), יאָ, איך פֿיהל אַז ערגעץ וואו וואַרט אויף מיר אַ לעבען און אַ וועלט, און איך געה מיר זוכען אַ גאָט און אַ תורה

ר׳ ז ר ח (רוקט זיך אָב אין אַ זיים; קאַלט): דעם גאָט וואָס דו זועסט דיר געפֿינען וועסט דו איהם פֿערלירען און אויף זיין קבר וועסט

דו דיר אַנ׳אַנדערן גאָט אויפשטעלען ... אוג אין העמדער אויפ׳ן לייב אַזוי וועסט דו דיינע געטער טוישען, אָבער ביי קיין איינציגען וועסט דו נישט בלייבען.

ד ו ד: דער גאָט וועט מיין נשמה, מיין תוך זיין, קיין נשמה טוישט מען נישט, קיין תוך.

ר׳ ז ר ח: דיין תוך האָסט דו פערלוירען. און וואָס דו האָסט געגלויבט האָסט דו אויפגעהערט צו גלויבען, וועסט וועלען, וועסט וועלען — אָבער נישט קענען ... וועסט דיך געגאַרען און די גאַנצע וועלט געגאַרען ...

ד ו ד: ניין, —

ר׳ ז ר ח (האַקט איהם איבער): דעם הימעל איבערן קאָפּ האָסט דו פערלוירען, אוג די ערד הינטער דיינע פיס. ווי אַ שאָטען וועסט דו אַרום־וואַנדלען, בלאָנדזשען און וועסט דיר אַ גאָט זוכען ... וועסט דיך בוקען צו דעם וואָס אין דיין האַרץ וועט עס לאַנג שוין טויט זיין. געטער וועסט דו זוכען און טוישען וועסט דו זיי, האַנדלען וועסט דו מיט זיי, צו יעדערן וועסט דו דיך צוהאַפּען, פערשפּרייטען זיין אמונה — ווען אין האַרצען דיינעם וועט ער שוין לאַנג טויט זיין ... און דענסטמאָל וועסט דו צו אַלע געטער דינען און קיין איינציגער וועט דיינער נישט זיין. אין אַלע לענדער וועסט דו וואַנדלען אוג קיין איינס וועט דיינס נישט זיין. אין אַלע שפּראַכען וועסט דו רעדען און קיין איינע וועט דיינע נישט זיין. מיט געפיהלען וועסט דו האַנדלען ... טוטלען האַרץ וועסט דו אויף דיינע הענד אַרום־טראָגען פון טהיר צו טהיר, פון מענש צו מענש. נו געגוג ... אַ גאָט ווילסט דו דיר בעשאַפען, אויף וואָס פאַר אַ יסוד, וואו האָסט דו די אמונה?

ד ו ד: איך וויל גלויבען, איך פיהל וואָס עס וועט קומען איבער מיר ...

ר׳ ז ר ח: דאָ האָסט דו שוין גאָר נישט וואָס צו זוכען ...

(דוד געהט אַרוים מיט האַרטע טריט, רחל׳ה וואַרפט זיך אין טהיר, לויפט איהם נאָך מיט׳ן קינד אויפ׳ן האַנד).

ר ח ל׳ ה: דוד! דוד! (דוד קוקט זיך נאָך אום).

ר׳ ז ר ח (האַלט איין רחל׳הן): שטעה, דיין מאַן איז געשטאָרבען (דוד קלאַפּט די טהיר נאָך זיך) קומט וועל איך אַייך קורע זיין.

(ער נעמט אַ מעסער און שנײַדט אײַן רחל'הן דעם קאַפּטען, דעם קינד דאָס העמדעל, זיך די קאַפּאָטע אין פּעטלע) : ווען אַ גדול שטאַרבט דאַרפען זיך אַלע יודען קורע זײַן (ער וועטצט זיך אויף דער ערד, צו רחלה'ן) : זעץ דיך שבעה נאָך דײַן מאַן (רחלה זעצט זיך אויף דער ערד, זי דריקט פעסט דאָס קינד צו זיך און הויבט אָן ביטערליך צו וויינען, דאָס קינד ציטערט און וויינט אויך).

ה י נ ד ע ל (ווײַזט זיך אין טהיר אין אַ שוואַרץ טוך אײַנגעהילט, אויפגעהויבען פון שלאָף, קוקט זיך פערוואונדערט און ערשראָקען אום) : וואָס איז דאָ פּאַר אַ אונגליק געשעהן?

ר' ז ר ח (נעמט דעם סדור אין האַנד, ואגט ווײַטער פון סדור, זיצענדיג אויף דער ערד, און לײַבט זיך מיט'ן ליבּ[illegible]) געדענק גאָט וואָס איז געוואָרען פון אונז, זעה אונזערע שאַנד. אונזערע אַרב איז אַוועק אין פרעמדע הענד (אויסציהענדיג יעדעס וואָרט) : אונ־זע־רע קינ־דער אין פרעמ־דע הענד.

(פאָרהאַנג לאַנגזאַם)

# צװײטער אקט.

דאָס זעלבע צימער פון ערשטען אקט; אָנהויב װינטער, נאָך מיטאָג, דורך די פענסטער זעהט זיך די האַלב פערפרוירענע װײַכסעל.

די האנדלונג קומט פאָר מיט זיבען יאָהר שפּעטער װי אין ערשטען אקט.

---

**זרח** (שטאַרק געעלטערט; זיצט פערטראַכט אײַנגעהױקערט אין זײַן פאַטערשטוהל בײַ אַ אָפענע גמרא).

**הינדעל** (שטעהט בײַם אױװען און װאַרעמט זיך; עפענט דאָס טהירל פון אױװען, גיסט אָן פאַר'ן אַלטען אַ גלאָז טהע און דערלאַנגט עס; רעדט װי פאַר זיך אין דער װעלט אַרײַן): טאַטע אײנציגער, װאָס װעט זײַן? — און װאָס איז עס זײַן געשעפט? — איהם געהט עס עפּעס אָן? —

**זרח** (נישט אַרויסקוקענדיג פון ספר): צו מיר רעדסט דו? — יאָ, הינדעל?

**הינדעל**: איך װײס?

**זרח** (פערװאונדערט): געגען װאָס זאָגסט דו עס, הינדעל?

**הינדעל**: געגען װאָס איך זאָג? — דיך געהט עס גאָרנישט אָן — דו זיצסט זיך, האָסט דיר דײַן גמרא, און װײַטער — פטור, און דרינען דאָרט (װײַזענדיג מיט'ן פינגער אויף רחל'הס צימער) זיצט זיך אַ יונג װײַבעל, אַ װיסטע עגונה, — — זיבען יאָהר שוין, זיבען פינסטערע יאָהר.

**זרח**: און װאָס זאָל איך טהון?

**הינדעל**: װאָס דו זאָלסט טהון? — —

זרח: און טאָקי וואָס זאָל איך טהון?

הינדעל: איך מאַנספּערשוינען איז וואויל: האָט איך גאָט געגעבען אַ גמרא, האָט איהר עגמת־נפש, טונקט איהר זיך אין די גמרא איין, — אָבער אונז, אונגליקליכע ווייבער, אין וואָס זאָלען מיר אונזער עגמת־נפש פערגעסען? — —

זרח (הויבט זיך אויף פון אָרט, פערדעקט די גמרא מיט'ן שנופּ־טוך, געהט אויף און אָב איבער'ן צימער).

הינדעל (נאָכגעהענדיג איהם): זיצט זיך אנ'עגונה, זעקס און צוואַנציג יאָהר אַלט אינגאַנצען... די בעסטע יאָהרען פערגאַנגען אין וויסטעניש... זרח, דו קענסט עס נישט פיהלען, דו ביסט נור אַ טאַטע, איך אָבער—אַ מאַמע, אַ אומגליקליכע מאַמע... זי רעדט נישט קיין וואָרט, אַ שטומע שאָף... שעמט זיך... אָבער איהרע אויגען רעדען... גענומען אַ יונגען בוים און אויסגעריסען אין מיטען בליהען... אַ קליינינקייט מיינסטו, זי איז דאָך אַ יונג ווייבעל — —

זרח (ציטראָקען): וואָס, זי האָט אין איהם נאָך נישט פערגעסען?

הינדעל: איך ווייס? — אודאי אַזוי... זי בענקט נאָך איהם.

זרח (שטעלט זיך אָב צוריקגערט): פון וואַנען ווייסט דו עס? — זי האָט עס דיר געזאָגט?

הינדעל: זי רעדט נישט... זיין נאָמען טאָר מען נישט דערמאָהנען פאַר איהר... פון בשעת יענע נאַכט, ווען ר' אליעזר האָט איהר געזאָגט, אַז ער האָט איהם אין וואַרשא געזעהן מיט פריצטעס... נור איהרע אויגען רעדען... דערמאַהנט ווער זיין נאָמען — ווערט זי רויט און בלאַס... די מאַמעס מילך ווערט געריבען אין איהר... זי בענקט נאָך איהם... אַ יונג ווייבעל, אַ יונגער בוים, עס וויל בליהען, עס וויל לעבען...

זרח (קרעכצט אָב): טאַטע איינציגער...

הינדעל: טהייל מאָל פאַלט זי מיר פּלוצלונג אויפ'ן האַלז און הויבט אָן צו וויינען — ווערט מיר דאָס האַרץ צושניטען; דאָס ווייגט זי נאָך איהם... (פויזע) אַ קליינינקייט מיינסט דו, אַ ווייבעל אַ רויז, זיצט שבת ביי טאָג קוקט אַרויס פון פענסטער אין גאַס. מעדלעך,

ווײַבלעך שפּאַצירען אויסגעפּוצט, שטראַהלענדיג, נחת'דיג לכבוד שבת... יעדע האָט איהר היים, איהר מאַן, — און זי איינע אַליין זיצט אין שטוב בײַ'ם פענסטער, — אַ קלײניגקײט מײנסט דו?...

זרח: מיר האָבען געטהון דאָס אונזעריגע... איך האָב איהר געזאָגט דאָס וואָס אַ טאַטע דאַרף צו זאָגען זײַן קינד בײַ אַזאַ סיבה... וואָס קען איך מעהר טהון? —

הינדעל (מיט פערצווייפלונג): וואָס זשע וועט דער סוף זײַן? ס'לויפט אָב אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ וואָך נאָך אַ וואָך, און זי זיצט פערחושכ'ט...

(אין שטוב ווערט האַלב טונקעל, פון דרויסען הערט זיך אין־שוהל־קלאַפּען צו מנחה).

זרח: הינדעל, איך געה אין בית־המדרש אַרײַן דאַווענען — זאָג רחל'הן, אַז זי זאָל אַרײַנקומען צו מיר נאָך מנחה, איך דאַרף מיט איהר עפּעס צו רעדען. (אָב)

הינדעל (נעמט דאָס גלאָז אַראָב פון טיש, רופט צו דער טהיר פון רחל'הס צימער): יחזקאל'ע, יחזקאל'ע! שוין צײַט צוריק אין חדר אַרײַן צו געהן, ס'ווערט נאַכט. (אָב צו זיך אין צימער).

רחל און יחזקאל'ע קומען אַרײַן פון זייער צימער.

יחזקאל'ע (אַ יונגעל פון אַ יאָהר צעהן, שלאַנק, לאַנגע געקרײַזעלטע פאה'לעך, אין אַ סאַמעטען היטעלע, אין אַ ווײַס אויפגעקנעפּעלט פּעלצעל, — קומט אַרײַן צו לויפען קוויטשענדיג): נו? —

רחל: נאַרעלע, וועסט דאָך געפרוירען ווערען, אין דרויסען איז קאַלט.

יחזקאל'ע: נײן מאַמעשו, אין דרויסען איז גאָר נישט קאַלט.

רחל (איהם אָנטהוענדיג אַ שאַל אויפ'ן האַלז): שווײַג, נאַרעלע. שווײַג, — אַז דו וועסט פאָלגען די מאַמעשו, וועסטו זײַן, מיט גאָט'ס הילף, געזונד און שטאַרק, וועסט כח האָבען צו לערנען, די הייליגע תורה צו פערשטעהן — —

יחזקאל'ע (מיט שטאָלץ): אַוודאי פערשטעה איך נישט! מ'האָט אָנגעהויבען אַ נײַעם שיעור, קען איך שוין די גמרא, — כ'קען בעסער פאַר אַלע חברים, — ווילסט הערען, מאַמעשו? ווילסט הערען?

רחל (זיך אַרומקוקענדיק אויב ס'איז קיינער נישטאָ): אָט אַזוי האָט דיך די מאַמעשי ליב, זעהר ליב! (קושט איהם).

יחזקאל'ע (רײַסט זיך אַרויס פון דער מוטערס האַנד, רײַבט זיך אָב מיט'ן אַרבעל די באַק): אָבער ווילסט הערען, מאַמעשי? (געהט צו צו דער ספרים-שאַנק' וואו איז דאָ די גמרא בבא מציעא — אַהאַ אָט איז זי (גיט אַ שפּרונג, האַפּט אַראָב די גמרא) אָט באַלד (געהט צו צו'ם טיש, מישט אויף און לערנט מיט אַ גמרא-ניגון) שנים אוחזין בטלית — צוויי מענשען האַלטען אַ קלייד, זה אומר אני מצאתיה — דער זאָגט, איך האָב עס געפונען, וזה אומר — און דער זאָגט, איך האָב דאָס קלייד געפונען, — וואָס טהוט מען? — איז דער דין — יחלוקו...

רחל (פאַר זיך): זיין קול... און זיינע יאָהרען האָט אויך געמוזט זיין שטימע אַזוי אָבקלינגען... אַזוי האָט זיין קול געקלונגען דענסטמאָל... דענסטמאָל, ווען איך בין הינטער דער טהיר געשטאַנען... (אין פאַנ-טאַזיע) וואו ביסט דו? — קום אַהער, הער ווי דיין קינד לערנט...

יחזקאל'ע (ערטשראָקען): צו וועמען רעדסטו, מאַמעשי?

רחל: ניין, ניין (פאַלט אויפ'ן קינד אַרויף קושענדיג): מיין קינד, מיין לעבען, מיין איינציג קינד...

יחזקאל'ע (זיך נאָך אַמאָל אויסרײַסענדיג און אָבריבענדיג דעם קוש מיט פאָרוואורף): דער רבי האָט געזאָגט, אַז מען טאָר זיך נישט לאָ-זען קושען פון קיין אשה.

רחל (איהם ווייטער קושענדיג): נאַרעלע, אַ מאַמע איז קיין אשה נישט, — ס'איז דאָך אַ מאַמע, אַ מאַמע מעג —

יחזקאל'ע (רײַסט זיך ווידער אַרויס און רײַבט זיך גוט אָב דעם קוש מיט'ן אַרבעל): אפילו פון דער מאַמע נישט!

הינדעל (קומט אַרײַן, מיט אַפּאָר שטיקלעך ברויט מיט שמאַלץ אין פּאַפּיר אײַנגעוויקעלט און אַ לאַמטער'ל, דערלאַנגענדיג יחזקאל'ען): נו פלינקער שוין, יחזקאל'ע, שוין שפּעט — נו היידאַ אין חדר אַרײַן.

יחזקאל'ע: דער רבי האָט געהייסען ברענגען אַ זעקסער אויף נאַפט —

הינדעל (זוכט אין קעשענע; קרעכצט): אוי, אוי די רבי'ם, די רבי'ם... (גיט איהם אַ זעקסער).

יחזקאל'ע: און איך וויל אַ צווייטער אויף לעקאַך.

הינדעל (גיט איהם): נו, הא־דאַ שוין!

רחל: וואַרט נור וואַרט (נעמט אַרויס פון אויווען אַן עפּעל, גיט איהם, פערריכט איהם דעם שאַל, קושט איהם).

הינדעל (ציהט איהר ביי'ם אַרבעל): גענוג שוין, גענוג שוין, — נו, געה — — זאָלסט געהן אין אַ זייט, מען זאָל דיך נישט, חלילה, איבערפאָהרען, הערסט? — און זאָלסט דיך נישט דערוועגען צו גליטשען, הערסט? — און נישט דאָס ברויט די חברים צוטהיילען, — געהערט?

יחזקאל'ע (מיט אַ פול מויל פון איינגעביסענעם עפּעל): געהערט, געהערט. (בייסט דעם עפּעל אָבגעהענדיג).

הינדעל: און אַ ברכה האָסט דו געמאַכט איבער'ן עפּעל?

יחזקאל'ע (ווי פריהער): געמאַכט, געמאַכט ..

הינדעל: געה מיר לחיים ולשלום... (בעלייט איהם אַרויס).

רחל (מיט טרעהרען אין די אויגען): מיין איינציג קינד... (אין שטוב איז שוין האַלב פינסטער; פון דרויסען בלאַנקט דורך די פענסטער דער שנעע; זי געהט צו צום פענסטער, קוקט אַרויס. פּויזע. פאַר זיך): עם געהט איינשלאָפען דער טייך... שטיל איינשלאָפען וויל ער... בעהאַלטען זיך אונטער די שווערע ווייסע שנעע־דעקע... אָט וויעגט זיך נאָך זיין שוים... דער פראָסט הויכט איבער איהם... דער ווינד בלאָזט איבער איהם... שלאָפט איהם איין... בעדעקט איהם מיט רייכטען, לייכטען שנעע... ווי אין ווייסע תכריכים הילט ער איהם איין... שטיל וועט ער שוין זיין... נישט לויפען, נישט יאָגען פון עק וועלט ביז צו עק וועלט... שלאָפען וועט ער שוין רוהיג אונטערן קאַלטען אייז אין די ווייסע תכריכים... ער ברומט נאָך... ברעכט נאָך די דינע שויבעלעך איבער זיך... נאָר עם הויכט דער פראָסט איבער איהם... עס וויעהעט דער שנעע איבער איהם — און געלאַסענער ווערט ער, און שטילער ווערט ער... וויעגט זיך פאַמעליך, פאַמעליך... (פערחלומ'ט) ווען דו ביזט אַוועק האָט דער טייך זיך געוויעגט... געבראָכען דעם אייז־דעק איבער זיך... געלאָפען... געיאָגט פון איין עק וועלט צו דעם אַנדערן... ש־ש־ש... איצט, דער טייך געהט צוריק איינשלאָפען... דער ווינד זינגט איהם אַ שלאָף־ליעדעל איין...

הינדעל (קומט צוריק, גיהט צו צום אויווען, וואַרעמט זיך): קאַלט. (פויזע) אַ שווערער ווינטער זיין... אַ רחמנות אויף די אָרעמע לייט, נעבאך... (קלאַפּט אַריין דורך דער וואַנד אין דער צווייטער שטוב): חנה, חנה! לייג צו אַ פּאָר שטיקלעך האָלץ, דער אויווען איז קאַלט. (עס הערט זיך דאָס האָלץ־קלאַפּען פון דער צווייטער שטוב; פּויזע) רחל'ה, גיה אַוועק פון פענסטער — וועסט דיך נאָך, חלילה, פערקיהלען.

רחל (ענטוועט ניט).

לאַנגע פּויזע. פון בית־המדרש וואָס איז געגען איבער דער טהיר פון דער סצענע, הערט זיך אַ חזן „קדושה" זאָגען. דער עולם ענטווערט איהם אָב; הינדעל דערהויבט זיך פון איהר אָרט, שטעלט זיך צו מזרח־זייט און זאָגט מיט אין דער שטיל קדושה.

רחל (נאָך אַ לאַנגע פּויזע): האָסט מיר געזאָגט, אַז דער טאַטע דאַרף מיך, — צו וואָס דאַרף מיך דער טאַטע?

הינדעל: ער האָט מיט דיר עפּעס צו רעדען. (פּויזע. פּלוצלינג, ווי פאַר זיך): אַז גאָט וויל קאָן ער אַלץ נאָך גוט מאַכען אַלץ איז אין גאָט'ס האַנד... (קוקט אויף רחל'הן, וועלכע זיצט מיט'ן קאָפּ אַראָבגעלאָזט): אוי רחל'ה, רחל'ה, קענסט דיך נאָך חלילה, אין גאָט פערזינדיגען — (רחל שווייגט) וואָס, דו ענטווערסט מיר צומאָל ניט?

רחל (ווי פאַר זיך): וואָס זאָל איך דיר ענטווערן?

הינדעל: האָסט מיר גאָר ניט צו זאָגען?

רחל: וואָס זאָל איך דיר זאָגען?

הינדעל: דו מיינסט, איך פערשטעה שוין גאָרניט, — זיצסט און שווייגסט—גאָר ניט, תמיד שווייגסט דו, און מיר ווערט דאָס האַרץ צושניטען... — גלייך ס'איז שוין, חס ושלום, קיין בורא עולם נישטאָ... — גלייך אָהן יענעם איז שוין פאַר דיר קיין זווג נישטאָ... אוי, אוי, אוי... רחל'ה, קענסט דיך, חלילה, פערזינדיגען — כ'האָב עס ערשט היינט געלייענט: שלמה המלך האָט אַמאָל געוואָלט גאָט אויספּרובען, האָט ער גענומען אַ מעדעלע פון דער מאַמעס ברוסטען אַוועק, און אין אַ וויסטען מדבר אַוועקגעשיקט וואו קיין מענשענס פוס האָט נאָך ניט געטרעטען, וואו קיין פויגעל האָט זיך נאָך ניט בעוויזען... האָט דאָס מעדעלע אין אַ גלעזערנעם שטיבעלע אַריינגעזעצט, און האָט אַ פויגעל אָנגעזאָגט,

עס זאָל פאַר'ן מעדעלע פון מלך'ס טיש עסען ברענגען. — וואָס טהוט גאָט? — האָט גאָט אַ שטורם־ווינד אויפ'ן ים געשיקט, אַ שיף איז צושמעטערט געוואָרען — און איהר חתן, וואָס איז געוועזן איהר זווג, האָט זיך אויף אַ ברעט אַרויסגעכאַפּט, און דער ווינד האָט איהם צו איהר אינזעל געפיהרט. — די קלאַמקע איז נאָך נישט צוגעפאַלען... ביי גאָט איז אַלעס מעגליך...

רחל: איך האָב שוין אָבער מיין זווג געהאַט און איהם פער־לוירען —

הינדעל: וואָס, דו געדענקסט נאָך אין איהם?..

רחל (שטיל): איך ווייס נישט, מאַמע.

הינדעל: אַזוי, איז שוין אַלעס ריכטיג.

זרח (קומט אַריין פּלוצלונג פון בית־המדרש): הינדעל! צינד אָן די לאָמפּ.

הינדעל: דו ביסט עס, גוט, (צינדט אָן די לאָמפּ): איך בין פאַר איהר צו נאַריש — (אָבגעהענדיג; צו רחל'הן) זאָל ער מיט דיר רעדען (אָב).

רחל (אָב נאָך דער מוטער).

זרח (דרעהט זיך אויף און אָב איבערן צימער; קלאַפּט אָן מיט'ן פינגער אויף רחל'ס טהיר): רחל'ה, זיי נור מוחל —

רחל (קומט אַריין): וואָס וויל דער טאַטע?

זרח: זעטץ דיך, איך האָב מיט דיר עפּעס צו רעדען. (רחל'ה זעצט זיך) איך האָב מיך מיט דיר געוואָלט אויסשמועסען, (פּויזע) דו בעהאַלטסט דיך פאַר מיר... איך ווייס דו טראָגסט אַ בעז האַרץ אויף מיר... מיינסט מיט אַנ'אמת אַז דיין טאַטע איז אַזאַ..

רחל: טאַטע וואָס רעדסט דו — —

זרח: איך ווייס פאַר וואָס... נור מיינסט באמת, אַז ביי מיר אין האַרץ, למשל, לייד איך נישט מיט דיר צוזאַמען, — און נישט נור מיט דיר — דו ביסט דאָך מיין קינד... נור אויך פאַר איהם... ער איז אויך מיין קינד געוועזן... די גמרא זאָגט: „ווער עס לערנט מיט עמיצען תורה, איז גלייך ווי ער וואָלט איהם געבוי־רען". מיט דוד'ן האָב איך תורה געלערנט, — פּיעל האָב איך אויף איהם געהאָפט... איך האָב געמיינט אַז ער וועט ווייטער ציהען

דעם אור התורה — איך האָב געמיינט ... נור געגוג ... מיינסט טאַקי ...

ר ח ל (וויינט אַרויס) : טאַטע, רעד נישט אַזוי צו מיר.

ז ר ח : און זיי וויסען, אַז שולדיג דערינען איז קיינער נישט, — נישט איך, נישט דו, ער אַליין — אויך נישט, הערסט — ע ר אויך נישט! ער האָט אָנגעהויבען צו קלערען, מחשבות צו האָבען ... גאָט ברוך הוא וויל אָבער אמונה... אמונה ליגט אין האַרץ, נישט אין מח, און קשיות איז פאַרהאַן אַ סך... מיר, מיר זענען אָבער יודען... מיר האָבען געמוזט טהון אונזער חוב ... פערפאַלען... און ווי נישט טייער עס זאָל אונז קאָסטען — פאַר דעם זענען מיר יודען... ווער עס געהט אַראָב פון יודישען וועג, דער איז מעהר נישט אונזער קינד — פאַר דעם זענען מיר יודען...

ר ח ל : אָבער וואָס זאָל איך יחזקאל'ען זאָגען, אַז ער פרעגט מיך וואו זיין טאַטע איז? אַלע קינדער אין חדר האָבען טאַטעס, ער איינער — נישט... נישט אין דר'ערד, נישט אויף דר'ערד — —

ז ר ח : נישט פון דעם רעד איך איצט — דאָס לאָז מ י ר איבער. און ווידער אַרום, זאָג איהם דעם אמת — גלייכער דו זאָגסט עס איהם: זיין פאָטער איז ערגעץ וואו אַוועק, ווייסט אַליין נישט וואו... אַז ער וועט עלטער ווערן, וועט ער שוין אַליין פערשטעהן. (פויזע. שטעהט אַ ווײַלע אויף און געהט אויף און אָב איבער'ן צימער) נור נישט וועגען דעם האָב איך געוואָלט רעדען... (שטעלט זיך פלוצלינג אָב) נור, זאָג מיר, רחל'ה, זאָג מיר דעם אמת: האָסט דו נאָך ליעב דוד'ן דיין מאַן?

ר ח ל (בויגט אַראָב דעם קאָפּ און שווייגט)

ז ר ח : איך ווייס, ער איז דיין מאַן... עס איז נישט אַזוי לייכט... ביסט צוגעבונדען צו איהם... איך וועל דיך נישט איצט אָנרעדען, אַז דו זאָלסט איהם אויפהערען צו ליעבען... איך זעה עס איז פאַרפאַלען... מיר וועסט דו זאָגען עפּעס אַנדערש, מחמת מורא, און אין האַרץ וועסט דו קלערען עפּעס אַנדערש... נור מיר איז אַ שאָד דיינע יונגע יאָהר וואָס געהען אַוועק אין וויסטעניש... מאַך דיר אַ חשבון הנפש אַליין, און זאָג דיר אין דיר אַליין: ביסט דו נאָך צוגעבונדען צו איהם?

ר ח ל : איך ווייס נישט —

זרח: נאָך דעם, ווי ר׳ אליעזר האָט דיר ערצעהלט פון איהם?

רחל: איך ווייס נישט —

זרח: און אז ער וועט קומען און זאָגען דיר: קום מיט מיט מיר — דאָרט אין זיין גוי׳ישקייט... וועסט דו מיטגעהן מיט איהם?

רחל: איך ווייס נישט —

זרח: אין דיין יודישקייט פערגעסען, — און חלילה פון אלעם אָוועקטרעטען, טאָכטער —?

רחל (שווייגט).

זרח (קרעכצט אָב): און אז ער וועט קומען נאָך יחזקאל׳ען, איהם מיטנעמען מיט זיך אין דער וועלט אריין... מאַכען מיט איהם וואָס ער וויל — —?

רחל (האסטיג): ניין, דאָס נישט! איך וועל איהם דאָס קינד נישט געבען, חס ושלום... עס איז מיין קינד, מיין קינד...

(עס הערט זיך פלוצלונג א קלאפען אין טהיר; זרח און רחל קוקען זיך ביידע אָן פערוואונדערט און ערשראָקען).

זרח: ווער איז?

(מען ענטווערט נישט. רחל געהט צו, עפענט פאמעליך און מיט שרעק די טהיר).

דוד (קומט אריין, שטעלט זיך אב אויף דער שוועל; ער טראָגט קורצע אָבגעטראָגענע קליידער; די באָרד אָבגעגאָלט; דאָס געזיכט איז מיעד און פער־עלטערט. רחל קוקט אויף איהם נישט ערקענענדיג)

דוד (שאַרף): רחל׳ה!

רחל (ערקענענדיג איהם, אויפגערעגט, לויפט מיט א הארץ־געוואלד צו דער טהיר פון דער מוטער): מאַמע! מאַמע! מאַמע!

זרח (געהט צו צו דוד׳ן): דוד?

דוד: יאָ, דאָס בין איך.

זרח (קאַלט): צו וואָס ביסט דו געקומען, צו דיין ווייב און קינד?

דוד: איינענטליך, ווי צו אייך אויך.

זרח: ווי הייסט צו מיר? — האָסט דו דען נישט דיין וועג געפונען?

ד ו ד : אַ וועג אַז מען פאַרליערט — געפינט מען שוין נישט קיין אנדערן וועג.

ה י נ ד ע ל (בעווייזט זיך אין טהיר) : דוד דו ביסט עס ? — דוד !

ז ר ח : הינדעל, מיר האָבען עפּעס צו רעדען — —

ה י נ ד ע ל (אַרויסגעהענדיג צוריק מיט פערבראָכענע הענד) : דאָס איז דוד ! דאָס איז דוד ! ? (אָב).

ז ר ח : ווי הייסט צו מיר ?

ד ו ד : נישט אַזוי ווי צו אייך מיין איך, נור צו דעם וואָס איך האָב דאָ פערלוירען, דאָ צווישען די שענק... גלויבען קען מען נור איין מאָל צו דעם וואָס מען גלויבט ! איך בין אין דער וועלט געגאַנגען מיין נשמה האָב איך צובראָקעלט, צוטהיילט אויף שטיקלעך, יעדעם שטיקעל האָב איך אַנ'אַנדערן נאָמען געגעבען... נאָמען—דאָס זענען וועקסלען אויף געפיהלען... איך האָב מיט וועקסלען געהאַנדעלט... און אַלע האַנדלען מיט נאָמען... נור נישט וועגען דעם בין איך געקומען צו אייך... פערפאַלען, איך וועל שוין נישט קענען מיין האַרץ איינשלאָפען מיט אייער גמרא נגון... — דאָס וואָס ס'איז דאָ אין שטוב, (ווייזט אויף די ספרים-שענק) האָב איך מיר אַליין צובראָכען... — דאָס ווייס איך על כל פנים... (פויזע; פעסט) : איך בין געקומען נאָך מיין ווייב און קינד.

ז ר ח (מיט פחד) : ווי הייסט, ווילסט דו דען יחזקאל'ען מיטנע-מען מיט דיר ?—וואָס פאַר אַ אמונה וועסט דו איהם געבען ?

ד ו ד (רוהיג) : איך בין איהם נישט מחויב קיין אמונה צו געבען. איך וועל איהם נאָר איבערגעבען, דאָס וואָס איך ווייס, — דאָס איבריגע, זאָל ער אַליין געוואָהר ווערען.

ז ר ח : ניין מיר וועלען נישט לאָזען, מיר זענען יודען, מיין טאָכטער איז אַ יודישע טאָכטער, זי וועט מיט דיר נישט געהן !

ד ו ד : דאָס וועלען מיר זעהן —

ז ר ח : זי איז אַנטלאָפען פון דיר... דו האָסט זי אָבגענאַרט... זי וויל פון דיר נישט וויסען... זי וועט מיט דיר נישט מיטגעהן.

ד ו ד (געהט צו צו דער טהיר וואו רחל איז אַריין; רופט) : רחל'ה, דיין מאַן איז צו דיר צוריקגעקומען — איך וואַרט דאָ אויף דיר — —

(פויזע)

זרח: זי ענטפערט דיר נישט.

דוד (פריהער): זאל איך אוועקגעהן? — דוד דיין מאן איז געקומען אוןווארט אויף דיר —

רחל (ווייזט זיך אין דער טהיר, וועלכע זי עפענט גאנץ פאמעליך אויף, שטעלט זיך אין א זייט און ווארט אראבקוקענדיג צו דער ערד).

דוד (צו זרח'ן): שוועהר, איך האב עפעס מיט מיין ווייב צו רעדען —

זרח (שטרענג): זי איז טאקי דיין ווייב — אבער איך בין א יוד אויך שטעה אויף דער וואך... איך וועל נישט לאזען קיין יודישע נשמה ארייננפאלען אין גוי'עשקע הענד!

דוד (צו רחל'ען): יעצט איז געקומען די מינוט וואס דו מוזט אויסקלויבען צווישען מיר און דיין טאטען — איינעם פון דיביידע וועגען: דא ביי דיין פאטער האסט דו דעם גלייכען וועג, דעם וועג פון אונזערע אבות, וואס איין דור גיט איבער דעם צווייטען די יודישע אמונה; איך — קען דיר דאס נישט געבען, דאס האב איך מיר אליין צושטערט; איך בין אין דער וועלט נעגאנגען איהם זוכען, אין אנדערע וועגען — איך האב גאר נישט געפונען... איך האב אין די ביכער געזוכט, אין א נ ד ע ר ע ביכער געזוכט, דאס וואס איך האב אט דא (ווייזט אויף די ספרים=שענק) אין ד י ביכער פערלוירען... איך האב געלערנט, געגלויבט, מיט פרייד געגלויבט אין מיין לערנען... איך האב דיך געזעהן פון דערווייטען פון מיין צימער, ווי דו זיצסט איינע אליין מיט מיין קינד און ווארט'סט אויף מיר, און אין מיר איז אזא מאכט געוועזן... אין מיר איז אזא גלויבען געוועזן... נור מיט אמאל, איך ווייס נישט ווי אזוי עס איז געקומען, האב איך דיך מעהר נישט געזעהן... דו ביסט נישט געוועזן ביי מיר, דו האסט נישט געגלויבט מעהר אין מיר... און עלענד האב איך זיך געפונען אויף מיין איינזאמען וועג... און פערלאזט... איך האב מעהר נישט געגלויבט אין מיר, און אין דעם אלעם וואס איז ארום מיר... און ווי קליין האט זיך מיר אלץ אויסגעוויזען... און צו וואס? האב איך מיך אליין געפרעגט... צו וואס גראבלען, זוכען?... צו קליין זענען אונזערע טעג, אז מען זאל פאר זיי זיך א ציעל זוכען... איך בין מיעד... אין דיין שוים וויל איך מיין מיעדען קאפ בעהאל-

טען, דו זאָלסט מיר צו׳ם שלאָף איינזינגען... איך וועל אין אַלעם פערגעסען... איך גלויב נור אין דיין ליעבע צו מיר... אין איהר וויל איך מיין לעבען געפינגען... — ווילסט דו נישט מיטגעהן מיט מיר, רחל׳ה?

רחל (צו דודין נעהנטער): צו וויים ביסט דו געוועזן, דוד, פון מיר, צו וויים און צו לאַנג... אין מיר איז עפּעס אָבגעשטאָרבען פון דיר... (שטאַרק) פון דיר פיהל איך א געריך פון אַנ׳אַנדער לייב... צווישען דיינע פינגער זעה איך האָר פון אַנ׳אַנדערע... צו הייט ביסט דו געוועזן פון מיר... אין מיר איז עפּעס אָבגעשטאָרבען פון דיר... (זי אַרויסשערט זיך פון איהם)

דוד (געהט צו איהר נעהנטער צו און קוקט זי אָן).

רחל (ווי זי וואָלט זיך באַהאַלטען אונטער דעם פאָטערס רוקען: בעהאַלט מיך פון איהם טאַטע —

זרח (טאַפּט זי בײַ דער האַנד; מיט א פרייד-געשריי): דו ביסט א יודישע טאָכטער!

דוד (צויט אַרויסגעהן).

רחל (רייסט זיך פלוצלונג אַרויס פון פאָטערס האַנד): אָבער גיין איך ליעב דיך אַזוי ווי דו ביסט! נעם מיך מיט, דוד... נעם מיך, טראָג מיך ווייט אַוועק מיט דיר... איך ליעב דיך אַזוי ווי דו ביסט... טאַנץ מיט אַנדערע... קוש דיך מיט אַנדערע — איך ליעב דיך... איך געה מיט מיט דיר... (פאַלט אויף איהם אַרויף).

זרח (לויפט צו צו איהר): געדענק אין גאָט!

רחל (אויף דודיס האַלז): לאָז ער מיך שטראָפען, לאָז ער מיך פייניגען, — איך ליעב איהם... איך געה נאָך איהם...

זרח: און דיין קינד, רחל׳ה?

רחל (קלעהרט א ווײַלע; צו דודין): ניין! מיין קינד גיב איך נישט... מיך נעם... מיין נשמה איז אין דיין האַנד... טהו מיט מיר וואָס דו ווילסט — נור מיין קינד גיב איך דיר נישט... ער איז א יוד...

זרח: געלויבט איז השם יתברך — איין נשמה אָבגעראַטעוועט!

(פון דרויסען הערט זיך א טהיר קלאַפּט אויף, א טהיר קלאַפּט צו).

יחזקאל׳ע (פערשנייט, מיט׳ן לאַמטער׳ל אין האַנד, רעדט נאָך ווען ער איז הינטער דער סצענע): מאַמעשו, מאַמעשו, דער רבי האָט געזאָגט

אַז איך קען בעסער דעם שיעור... (קומט אַריין, דערזעהענדיג אַ „פרעמדען מענש", האַקט ער אָב צו צו דער מוטער, קוקט אויף איהר פער־חאַוּנדערט).

רחל (ווייזענדיג אויף דוד'ן) דאָס איז דיין טאַטע, יחזקאל'ע.

יחזקאל'ע (וואַרפט אַ בליק אויף דוד'ן), טרעט אָב דערשראָקען האַלב וויינענדיג): מאַמע, איך וויל נישט אַזא טאַטען...

דוד (ווייזענדיג אויף יחזקאל'ען): ער קומט אליין!

(פאָרהאַנג ראַש).

**ענדע.**

שלום אש

# דער זינדיגער

אין צוויי סצענעס

# פּערזאָנען:

דער רב פון שטאָדט
ערשטער דיין
צווייטער דיין
דער גבאי פון חברה־קדישא
אַ עלטערער גרעבער
אַ יונגערער גרעבער
ערשטער פון עולם
צווייטער פון עולם
דריטער פון עולם
פירטער פון עולם
דעם רב׳ס שמש
אַ פּרוי אין אַ שוואַרצען שלייער
אַ מרה שחורה׳דיגער
יודען, ווייבער, יונגוואַרג.

די האַנדלונג קומט פאָר אין אַ קליין יודיש שטעדטיל

# די סצענע

די סצענע שטעלט פאָר אַ קליין שטעדטילדיג בית־עולם, אַרומגערינגעלט מיט אַ נידריגען אַלטען הילצערנעם פּלויט. דאָ און דאָרט שטייען אַרויס נידריגע אָבער געדיכט בעוואַקסענע בוימער. אין ווייערע שאָטענס בעהאַלטען זיך אין הויך־בעוואַקסענעם גראָז — האַלבע מצבות. אין מיטען בית־עולם אַ אוהל, אַרום מיט בוימער בעוואַקסען; בײַם אוהל שטעהט אַ יוד און דאַווענט אין דער שטיל. רעכטס אַ קליין האַלב־איינגעפאַלען הײַזעל מיט צוויי אָרעמע פענסטער אויפ'ן בית־עולם אַרויס. הינטערן הײַזעל אַ ברייט שוואַרץ טויער. פאַר'ן טויער שטעהען צוויי הויכע שוואַרצע קלעצער בעהאָנגען מיט בלעכען, אויף וועלכע עס איז אויסגעשריבען „ויהי־נועם" און „אל מלא רחמים". פאַר'ן הײַזעל, צווישען האַלב איינגעזונקענע שטיינער, פּיטערן זיך ציגען, אָנגעבונדען מיט שטריק צו פּלעקליך וואָס זענען אַרײַנגעקלאַפּט אין דער ערד. פאַר דער טהיר פון הײַזעל, בײַ אַ אַלטען אַראָבגעריסענעם מטה־וואָגען, זיצט דער שטאָדט מרה־שחורה'ניק, אין אַ צעריסענע קאַפּאָטע, אַרויפגעוואָרפען אויף זײַן גאַקעט ברוין אָבגעבערענטען קערפּער, און גלאָצט מיט די אויפגעריסענע אויגען אויף איין אָרט... אויף יענער זײַט פּלויט שלענגעלט זיך, זעהט מען, אַ שוואַרצער וועג צווישען גרין־בעוואַקסענע פעלדער. ווײַט בײַם פלאַמענדיגען זון־אונטערגאַנג טרעטען אַרויס קלאָר אין דער לופט דעבליך פון הײַזער און אַ הויכער שפּיץ פון דער קירכע. אויף דער זײַט פּלויט פון בית־עולם שטעהען דער עלטערער און דער יונגערער גרעבער און גראָבען אַ גרוב. בײַם גרוב ליגען ברעטער אויף אַ „אוהל". ליגקס טיעף מצבות און בוימער.

# ערשטע סצענע.

עלטערער און יונגערער גרעבער גראבענדיג.

---

דער יונגערער גרעבער.

— געקומען זיין צייט אויך, אזוי לאנג געהט דער קרוג צו'ם וואסער.

דער עלטערער גרעבער.

— מיר האבען שוין געזעהן אזעלכעס אויך. אט דער וואס ליגט דארט ביים פלויט אין שכנות מיט'ן געהאנגענעם, איז נאך מעהר בריה געוועזען פאר איהם.

דער יונגערער גרעבער.

— יום־כפור אין דער צוקערניע געזעסען, געפרעגעלטע הינהנער־לעך אין פוטער געגעסען.

דער עלטערער גרעבער.

— די ווערם אין גרוב מהנה צו זיין.

דער יונגערער גרעבער.

— א טלית צו דער טהרה אפילו ניט געפונען.

דער עלטערער גרעבער.

— ער איז דאך א בחור געוועזען.

דער יונגערער גרעבער.

— מיט עפעס דארט איינער געוואהנט, א גוי'ה צי א יודיש קינד? דאס גוטע יאהר וויים זי, א ווייב צי א קאבאנקע

דער עלטערער גרעבער.

— זיין זכות זאל מיר נישט ביישטעהן.

דער יונגערער גרעבער.

— צו דער טהרה האט זי שמעקענדיגע זייף געבראכט, אז מען זאל איהם מיט שמעקענדיגער זייף וואשען.

דער עלטערער גרעבער.

— אז די נשמה איז נישט ריין, וואס וועט דיר, מישטיינס געזאגט, דער זינדיגער גוף העלפען.

דער יונגערער גרעבער.

— חברה נושאי־מטה האבען זיך אבגעזאגט דעם מת ארויס־צוטראגען. זי האט פיער טרעגערס געדונגען (ער שיט אויס די שויפעל ערד, עס פאלט ארויס א ביין פון א סקעלעט).

דער עלטערער גרעבער.

— זעה דאכט זיך עצמות (ער הערט אויף צו גראבען ווייטער, געהט בעקוקט אין דער נאהנט דעם ביין).

ד ע ר   י ו נ ג ע ר ע ר   ג ר ע ב ע ר .

— עצמות . (ער בלײַבט שטעהן מיט'ן שפאַדעל אין דער האַנד און קוקט אויפ'ן אַלטען) .

ד ע ר   ע ל ט ע ר ע ר   ג ר ע ב ע ר .

— עצמות . מען מוז זײ צוריק צושיטען . (זײ בעשיטען דעם קבר).

ד ע ר   ע ל ט ע ר ע ר   ג ר ע ב ע ר .

— דער בית־הקברות רוקט זיך , דאָ האָט אַמאָל געמוזט דער אָרט זײַן , הײַנט איז עס בײַם פלויט , הײַנט בעגראָבט מען דאָ געהאַנגענע און גנבים . דער אָרט פערגעסט זיך און מען רוקט דערנאָך דאָרט דאָס פלויטעל אַרײַן , די מצבות זינקען אײַן מען זעהט נישט קײַן קבר אָן .

(עס הויבט אָן טונקעל צו ווערען , אַ קאַלטער ווינד בלאָזט צווישען די בוימער . אויפ'ן שוואַרצען וועג פון יענער זײַט פלויטעל , זעהט מען ווי מען קומט מיט דער לויה אָן . פיער טרעגער טראָגען די מטה . נאָך דער מטה געהט נאָך אַ פרוי אין שוואַרצען אָנגעטהון , פערהאָנגען דאָס געזיכט אין אַ שוואַרצען שלייער . אַ ביסעל ווײַטער געהען אײניגע בײגיריגע יונגע לײַט , בחורים און חדר־יונגלעך , צווישען זײ דער גבאי פון דער חברה־קדישא אַ יוד אין מיטעלע יאָהרען , אַ האָריג שוואַרץ־בעוואַקסען פנים מיט אַ פאָר ברײַטע , געדיכטע שוואַרצע ברעמען . זײ געהען אין קופקעלעך און רעדען צווישען זיך אין דער שטיל) . . .

ד ע ר   י ו נ ג ע ר ע ר   ג ר ע ב ע ר .

— מען געהט שוין מיט'ן בר־מינן .

ד ע ר   ע ל ט ע ר ע ר   ג ר ע ב ע ר .

— מען מוז וואַרטען אויפ'ן גבאי (זײ שטעלען זיך קוקען אַריבער דורכ'ן פלויט און ווינקען מיט די פינגער) .

### דער גבאי

(שרײַנשטעקענדיג דעם קאָפּ אויפ'ן בית־עולם פון יענער זײַט פּלויט).

— וואָס, נאָך נישט פאַרטיג?

### דער עלטערער גרעבער.

— עצמות זענען געווען. מע האָט ייִם קבר פערשאָטען.

### דער גבאי.

— עצמות... (אָבגעהענדיג פון פּלויט). פון וואַנען קומט דאָ אַהער עצמות?...

# צווייטע סצענע.

די גרעבער, דער גבאי, די פרוי אין שווארצען, אנ׳עולם.

---

(דער שווארצער טויער בײַם הויז עפענט זיך מיט לארעם, פיער טרעגער טראגען אַרײַן אויף די אַקסלען די מטה, שטעלען זי אַנידער פאַר די קלעצער. מען נעהמט אַראָב דעם „גולל“. עס ווײַזט זיך אַרויס דער מת הינטער אַ שוואַרצער טוך, פון וועלכע עס שטאַרען אַרויס צוויי פיס און דער קאָפּ, די פרוי אין שוואַרצען שטעלט זיך איהם צוקאָפּענס, בעהאַלטענדיג דאָס געזיכט אין די הענד, און שווײַגט... די טרעגער ווילען אָננעהמען די מטה. עס דערהערט זיך דעם גבאי׳ס קול פון דערווײַטען: שטעהט! שטעהט! דער עולם אין קופּקעלעך שטעהט פון דערווײַטען, קוקט אויפ׳ן מת און אויף די פרוי און שמועסען צווישען זיך אין דער שטיל, עטליכע מינוט אין שטיל).

### איינער פון עולם.

— דער מת וואַרט אויפ׳ן קבר, אַ גוטער סימן.

### אַ צווײַטער פון עולם

— אפילו דער גיהנם אײַלט זיך איהם נישט צוצונעהמען

(מען סגושקעט זיך אין די אויערן. די פרוי אין שווארצען געהט צו, ווײַל דעם מת דאָס שוואַרצע טוך פון געזיכט אויפדעקען)

### דער גבאי.

(פון דערווײַטען)

— לאָזט נישט, מען טאָר נישט.

דִי פרוי אִין שווארצען.

(פוילִיש).

— לאָזט מִיךְ אִיהם נאָךְ אַמאָל אָנקוקען.

דער גבאי.

(פון דערווייטען אויף יודִיש).

— מען טאָר נִישט.

(די פרוי שטעלט זִיךְ ווִי פרִיהער צוקאָפּענס, שווייגט).

איינער פון עולם.

— ווער אִיז זִי?

אַצווייטער פון עולם.

— זִי אִיז מִיט אִיהם פון אויסלאַנד געקומען, מען ווייס נִישט אַווייב, אָדער אַ קאָכאַנקע, אַ יודִיש קִינד אָדער אַ גוי'ה, קיינמאָל נִישט אִין שוהל געווען, און להבדיל נִישט אִין תְּפִלָה נעגאַנגען.

אַדרִיטער פון עולם.

— זִי וועט זיין קדיש נאָךְ אִיהם.

דער גבאי.

דִי גרעבער, ווייזענדִיג אויף אַ קבר, בײַם פלויט

— פּרובט דאָ גראָבען.

דער עלטערער גרעבער.

(נעהמענדִיג דעם שופעל).

— ביים געהאָנגענעם.

ד ע ר  י ו נ ג ע ר ע ר  ג ר ע ב ע ר

— שענע שכנים זײַן. (פאָלגט דעם אלטען און מען נעמט זיך גראָבען).

אײנער פון עולם.

— א שענער כבוד פאַר'ן מת.

א צװײטער פון עולם

— אזױ װי ער האָט עם פערדיענט.

א ד ר י ט ע ר  פ ו ן  ע ו ל ם.

— ער זאָל נאָר געדענקען זײַן נאָמען, װען דער מלאך־דומה װעט איהם פרעגען, װי ער הײסט.

א פ י ע ר ט ע ר  פ ו ן  ע ו ל ם.

— פױליש װעט ער רעדען צו איהם.

נ א ך  א י י נ ע ר.

— ער װעט איהם מכבד זײַן מיט א שבת'דיגען פאפיראָס.

א א נ ד ע ר ע ר

— מיט א געבראָטענע הינדעל און פוטער.

ד ע ר  א ל ט ע ר  י ו ד  ב י ם  א ו ה ל.

— לאָזט געמאך, ער איז דאָך שוין סײַ װי סײַ טויט.

א ס ה י י ל  פ ו ן  ע ו ל ם.

— צו לאָבען פון א טויטען?

(דער עולם שװײגט, װאָז ביסט װאָז הערט מען זיך פורען).

דער יונגערער גרעבער.

— מײַן לאָפּעטע גליטשט זיך צו ווײַך אין דער ערד אַרײַן, אַזוי ווי עס וואָלט גאָר קײַן ערד נישט געווען.

דער עלטערער גרעבער.

— איך האָב מורא, אַז...

דער יונגערער גרעבער.

(הערט אויף צו גראָבן)

— איך וועל נישט ווײַטער גראָבן.

דער עלטערער.

(נאָכטראַכטנדיק)

— איך אויך נישט.

דער גבאי.

(בעמערקענדיק פֿון דערווײַטן).

— וואָס איז?

דער יונגערער גרעבער.

— איך פֿיל ווי מײַן לאָפּעטע וואָלט זיך אָן אַ מענטשנס לײַב אָנגעריהרט...

(צווישן עולם ווערט אַ בעוועגונג, מען רינגלט אַרום די גרוב).

דער גבאי.

(אָנטהועענדיק זיך אַ פּאָר מעשענע ברילן, וועלכע ער נעהמט אַרויס פֿון אַ הינטער־קעשענע).

— וואָס קען דאָס זײַן?

(דער עולם שווײַגט, קוקט אײנער אויפ׳ן צווייטען מיט שרעק, יוארטעגדיג אויף עפעס. פלוצים גיט פון דעם גרוב אשפריץ ארויס א שטראם וואסער, אויפרעגונג. א לאנגע שטילע פויזע).

אײנער פון עולם
(מיט שרעק).

— די ערד וויל איהם ניט צונעהמען.

א צווייטער פון עולם.

— אפילו דער גיהנם האט פאר איהם די שהויערן פער־שלאסען.

א דריטער פון עולם.

רבונו של עולם, ווי גרויס מוזען זיינע חטאים זיין.

(דער עולם רוקט זיך אב פון מת, איהם איבערלאזענדיג מיט דער פרוי „אין שווארצען“ אליין. זי שטעלט זיך אויף די קניע פאר דער מטה, און בעהאלט איהר געזיכט אין שווארצען טוך. מען לאזט איהר טהון וואס זי וויל, אבקעהרענדיג זיך פון זיי.

א לאנגע פויזע. עס ווערט נאכט. דא און דארט זאגט מען צווישען עולם אין דער שטיל: וואס וועט זיין? וואס וועט זיין?)...

דער גבאי.

— לאז מען געהן נאכ׳ן רב.

די גרעבער.

— לאז מען ברענגען די שטאדט׳ס לאמטערן. עס ווערט פינסטער.

(עס הערט זיך אבגעהענדיגע טריט).

אײנער פון עולם.

— וואס טהוט מען?

**דער גבאי.**

— מײַן עצה איז צו גראָבען אַ קבר פאַר'ן מת, בײַ ר' יודלען.

**דער עלטערער גרעבער.**

— בײַ ר' יודעל ל"ו'ניק?

**צווישען עולם.**

— בײַ ר' יודלען אַ קבר, פאַר איהם?

**דער גבאי.**

— אין ר' יודעל'ס זכות וועט דער מת צו קבורה קומען. בײַ ר' יודעל'ס קבר וועט קײן וואַסער נישט זײַן. פון גיהנם אפילו קענען די רשעים נישט אַרויסגעהן, סײַדען נאָר מען מוז אַ צדיק דורכפיהרען; די רשעים האַלטען זיך אין צדיק אָן און קומען אין זײַן זכות צוריק פון גיהנם.

**צווישען עולם.**

— ר' יודעל'ס כבוד?

**דער גבאי.**

— ר' יודעל האָט נישט מקפיד געווען אויף זײַן כבוד בחייו, מכל שכן נאָך זײַן טויט.

**דער עלטערער גרעבער.**

— איך וועל מיך נישט וואַגען געהן גראָבען בײַ ר' יודעל'ס קבר. (לעגט אַוועק די לאָפּעטע).

**דער יונגערער גרעבער.**

— איך אויך נישט.

דער גבאי.

(פארטעלט זיך ארום אין א גארטען, געהט צו צו א נידריגען שטיין, וועלכער שטעהט אין אווינקעל, הינטער א בוים, הויבט זיך אן צו שאקלען און זאגט) .

— עס איז גלוי וידוע לפני מי שאמר והיה העולם, אז נישט מחמת פחיתת־הכבוד ווילען מיר דעם מת מקבר זיין אין זיין שכונה; מיר האבען א מת־מצוה, און מיר ווייסען נישט וואס צו טהון. מיר ווילען מגלגל זיין חיב על ידי זכאי...

(ער נעמט דעם שויפעל און הויבט אן צו גראבען דעם קבר. שטילע פויזע)

אײנער פון עולם.

— אט איז ר' יודעל'ס שטיין, אויף וועלכען ער איז פערציג יאהר געלעגען במסתרים און תורה געלערנט

צווייטער פון עולם.

— דער שטיין איז געווארען אויסגעריבען אין מיטען פון דארען האלז, וואס איז געלעגען אויף איהם פערציג יאהר.

א דריטער פון עולם.

— נאכ'ן טויט האט מען איהם דעם שטיין אויף א מצבה געשטעלט.

אײנער פון עולם.

— אין דער שכונה ביי ר' יודלען, פאר וואס קומט עס איהם די זכיה?

א צווייטער פון עולם.

— ער האט געמוזט איין מצוה אין זיין לעבען טהון, נעהמט ער אפ דעם שכר אויף דער וועלט.

אויפ׳ן וועג, פון יענער זייט פלויט, זעהט מען פון דערווייטען, ווי עס פינקלען זיך לאמטערנעס אין דער פינסטער. עס קומען וואס אמאל נעהנטער קופקעס יודען אין שווארצע קאפאטעס, ווייבער אין טיכער איינגעהילט, בחורים מיט לאמטערנעס אין די האנד. קומען אריין אויפ׳ן בית־עולם פרעגענדיג איינער דעם צווייטען אין דער שטיל: וואס איז געשעהן? וואס איז געשעהן? דערזעהענדיג דעם מת מיט דער פרוי אין שווארצען שלייער, דערשרעקען ווי זיך, שאקלען זיך אב, געהען זיך צו־זאמען מיט קופקעליך בי׳ם קבר אוןווארטען. פויזע).

### דער גבאי.

(העַרט אויף פלוצים צו גראבען).

— רבותי, איך פיהל, ווי מיין לאפעטע קלאפט אן אין עפעס זעהר הארטעס. די לאפעטע קען ווייטער אין דער ערד נישט ארא־געהן.

### טהייל פון עולם.

(מיט שרעק).

— רבונו של עולם!

### אנדערע.

— וואס וועט מען מיט׳ן מת טהון?

### אקול פון עולם.

— לאז מען ווארטען אויפ׳ן רב.

### אצווייטער.

— לאז מען שיקען נאכ׳ן בית־דין.

### אַ דריטער.

— אַאומגליק אויף אַלע אויסגעוואַקסן געוואָרען, טאַטע אין הימעל!

### דער גבאי.

— גיט אַהער אַ לאַמטערן, לאָז מען זעהן וואָס איז אין קבר.

### דער עלטערער גרעבער.

— איך וואָלט ניט געהייסען.

### דער גבאי.

(קריכט אַרויס פון גרוב, נעהמט אַ לאַמטערן, געהט צוריק, קריכט אַראָב, שאַרט די ערד, שרייט אַרויס).

— אַ שטיין ליגט.

### אַטהייל פון עולם.

— אַ שטיין!

### איינער פון עולם.

— דער שטיין פון ר׳ יודעל׳ס מצבה האָט זיך געלעגט אין דער לענג און לאָזט דעם מת ניט לעגען ביי ר׳ יודלען.

### אַ צווייטער.

— די ערד וויל איהם ניט צונעהמען.

### אַטהייל פון עולם.

— וואָס וועט מען מיט׳ן מת טהון?

## אײנער פון עולם.

— שװײַגט! דער רב נערט.

(אויפ׳ן װעג פון יענער זײַט פלויט װײַזען זיך ליכטיגע, גרויסע לאמטערנעס, צװישען זײ דרײַ אלטע יודען מיט װײַסע בערד, אין הויכע שטרײַמלען. דער מיטעלסטער, דער עלטסטער פון אלע, געהט אנגעלעהנט מיט איין האנד אויף א שטעקען און די צװייטע האנד האלט ער אנגעשפארט אויף זײַן שמש, װעלכער האלט א גרויסע לאמטערנע. דער טהויער עפענט זיך, זײ קומען ארײַן, געהען פערבײַ דעם מת, קוקען פערװאונדערט און דער־שראקען אויף די פרוי, װאס קניעט, געהען באלד װײַב, קומען אן צו׳ם האלב אויס־געגראבענעם קבר, שטעלען זיך ארום און הויבען זיך אן מישב צו זײַן אין דער שטיל. מען הערט זיך סוד׳ן. דער עולם שטעלט זיך ארום, שטעהט און שװײַגט).

## דער רב.

(נאך א ישוב מיט די דיינים װענדט זיך צו׳ם ארום־שטעהענדיגען עולם).

— רבותי, מיר האבען נגמר וגמר געװעןן אין דעם, אז כדי דער מת זאל קומען צו קבר ישראל מוז יעדער פון אונז אומקעהרען דעם מת אײנע פון זײַנע מצות אויף עולם ועד. איך גיב איהם אב צװאנ־ציג זײַטען „ברכות“ פון מײַן צװײַטען איבערחזר׳ן ש״ס, גיט איהר אויך!

## דער ערשטער דיין.

— איך גיב אב דעם מת אין קדוש השבת.

## דער צװײַטער דיין.

— איך גיב אב א תענית אין יום־כפור.

## ערשטער פון עולם.

— אוז איך א פרשה חומש מיט רש"י.

## דער צווייטער פון עולם.

— איך א דערוואַכענדיג תפילת־שחרית.

## דער דריטער פון עולם.

— און איך קען איהם אָבגעבען א יום תהלים.

## דער רב.

— נגונג! (צו די גרעבער) פרובט גראָבען. (די גרעבער נעהמען זיך גראָבען, עס דערהערט זיך ווי די לאָפּיטע קלאפּט זיך אָן אַן א שטיין).

## דער עלטערער גרעבער.

— דער שטיין ריהרט זיך נישט פון אָרט.

(צווישען עולם ווערט שטיל. דער רב מיט די דיינים האַלטען זיך א עצה אין דער שטיל. ארום און ארום פּאַלט א גרויסע מורא עס הערט זיך נאר א שטיל שעפּטשען פון דער שווארצער קופּקע ביים קבר)

## פירטער דיין.

— טאָמער האָט דער מת טבייש געווען את אלה הצדיקים והתמימים, וואָס רוהען הינטער די פליעגלען פון דער שכינה?

(א שטילע פּויזע).

## דער רב.

(ווענדט זיך צו די קברים, מיט א הייזעריג אָבגעהאַקטע שטימע)

— איהר וואָס טהוט רוהען הינטער די פליעגלען פון דער

שכינה, טאָמער האָט אייך דער מת מבייש געווען בחייו, בין איך אייך מפייס אין נאָמען פון מת און אין דעם נאָמען פון כל ישראל, נעהמט איהם צו בשכונתכם. און איהר, ר' יודעל, וואָס איהר האָט נישט מקפיד געווען אויף אייער כבוד בחייך, וועט איהר געוויס נישט מקפיד זיין אויף אייער כבוד במותך, לאָזט מגלגל זיין חוב ע"י זכות און נעהמט דעם מת צו בשכונתך.

(דער עולם שווייגט. אַ שטומע פּויזע. פון דערווייטען דערהערט זיך אַשטיל געוויין פון דער פרוי אין שוואַרצען בײַם מת).

## דער גבאי.

(צו די גרעבער).

— געהט אַראָב גראָבען (די גרעבער נעהמען די לאָפּעטעס און הויבען אָן צו גראָבען. עס הערט זיך אייזען אָבקלינגען אין שטיין).

## דער עלטערער גרעבער.

— דער שטיין ליגט און ריהרט זיך נישט און וואו מען שטעלט די לאָפּעטע איז אַלץ שטיין דאָ?

(דער רב מיט די דיינים האַלטען אַ ישוב אין דער שטיל, עס הערט זיך אַ שעפּטשען. אַ שטילע פּויזע).

## דער רב.

(ווענדענדיג זיך צו דער ערד).

— אֲדָמָה, אַדְמַת כָּל חַי, וואָס אַלעס קומט פון דיר און געהט צו דיר, טאָמער האָט דיך דער מת מבייש געווען בחייו, בין איך דיך מפייס אין זיין נאָמען, אין דעם נאָמען פון כל ישראל; נעם אַריין אין דיר דעם מת, וואָרום מעפר יסודו, פון דער ערד איז דעם מענשענס יסוד, ואל עפר ישוב, און צו דער ערד געהט ער צוריק,

(אַ שטומע פויזע. די גרעבער נעהמען זיך ווייטער גראָבען, עס דערהערט זיך באַלד ווייטער ווי די אייזערנע לאָפּעטעס קלינגען זיך אָב אָן שטיין)

דער עלטערער גרעבער.

— דער שטיין רירט זיך נישט פון אָרט. (אַ טויט-שווייגען. פון דערווייטען הערט זיך אַלץ דאָס שטילע געוויין פון דער פרוי אין שוואַרצע)

דער ערשטער דיין.

(נאָך אַ לאַנג שטיל שווייגען)...

— טאָמער האָט דער מת מביש געווען הקדוש ברוך הוא.

דער צווייטער

— טאָמער געהערט שוין נישט דער מת צו דעם בית-הקברות?

דער רב.

(מאַכט אַ קליינעם ישוב הדעת)

— וואו איז דער בית-הקברות-יוד?

דער עלטערער גרעבער.

— וואָס ווילט דער רבי?

דער רב.

— ברענגט האַלץ, צינדט אָן אַ פייער אויפ'ן בית-עולם, לעגט אויפ'ן פייער זיבען ציגעל, (צום עולם) אַז די ציגעל וועלען פּלאַצען, איז אַ סימן אַז זיין יודישקייט איז געפּלאַצט... געהערט ער נישט צו דעם בית-הקברות, דאַרף איהם נישט די ערד אין זיך אַריינעהמען.

(מען ברענגט האָלץ, מען מאַכט פייער געגענאיבער דעם מת. אין

פייער לעגט מען אריין זיעבען ציגעל, וועלכע דער גרעבער
האט געבראכט, דאס פייער פלאמט זיך, ווארפט אבלאסק
און בעלויכט דעם ארומשטעהענדיגען עולם, ווארפט א
בלאסק און בעלויכט דעם מת און די פרוי אין שווארצען,
וועלכע קניעט ביי מת. אלאנגע שטילע פויזע. עס דערהערט
זיך פלוצים א קנאק, א ציגעל צופלאצט).

## מהיל פון עולם.

— געפלאצט

## דער רב.

— דער ערשטער (א קנאק, עס צופלאצט א צווייטער).

## מהיל פון עולם.

— געפלאצט.

## דער רב.

— ערשט דער צווייטער.

(עס קנאקט און עס צופאלען די איבריגע ציגעל, צופאלענדיג
ארום דעם פייער, אויסער דעם לעצטען, וועלכער האלט זיך אויס.
צווישען עולם איז שטיל. דא און דארט רייסט זיך ארויס מיט
שרעק: רבונו של עולם! מאמע אין הימעל)!

## מהיל פון עולם.

— מאמע אין הימעל, וואס האט דער מענש געטהון?

## דער רב.

— נאך איינער איז געבליבען.

מהיל פון עולם.

ער שפּאַלט זיך. (פּויזע).

אַ צווייטער.

— אין דער לענג און דער ברייט. אַמ באַלד צופּאַלט ער (עם קנאַקט).

מהיל פון עולם.

(מיט שרעק).

— שוין!

דער רב.

— נאָך נישט געפּלאַצט. (פּויזע).

איינער פון עולם.

— די שטיקער האַלטען זיך ווי דאָס פייער וואָלט זיי צוזאַמען־געקלעפּט.

ערשטער דיין.

— אַ יודישע נשמה. נישט אַזוי לייכט געהט זי אַב פון יודישען וועג.

צווייטער דיין.

— גענוג אודאי צרות אויסגעשטאַנען, ביז ער איז געקומען צו דעם.

דער רב.

— ווי דער ציגעל אין פייער, אַזוי האָט זיך זיין נשמה געפּייניגט.

(דאָס פײַער ברענט זיך אױס, עס בלײַבען נאָך איבער גליהענדיגע העלצער, דער ציגעל בלײַבט איבער גאַנץ. דער עולם שטעהט שטיל אַרום. דער רב מיט די דיינים געהען צו צום פײַער, בע־טראַכטען דעם ציגעל. דער רב געהט צו צום אָפענעם קבר און זאָגט מיט א רוהיגער ערנסטער שטימע).

## דער רב.

— דו מוזט איהם ערד אין זיך אַרײַננעהמען, ער איז איבער־געבליבען א יוד און געהערט דאָ, צו דעם בית־עולם, און איהר, מתים, בעל כרחכם מוזט איהר איהם צווישען אייך א אָרט געבען.

## דער גבאי.

(צו די גרעבער).

— גראָבט. (די גרעבער נעהמען די לאָפּעטעס גראָבען)

## דער עלטערער גרעבער

— דער שטיין צופאַלט הינטער מײַן לאָפּעטע.

## דער רב.

(צום שמש).

— געה אהין צום מת און זאָג איהם: אז ער איז ניט איהר מאַן און זי איז נישט זײַן ווײַב.

## דער שמש.

(גאַרטעלט זיך אַרום, געהט צו צום מת, שטעלט זיך אין די פיער אײילען און זאָגט צו איהם)!

— דו ביסט נישט איהר מאַן, זי איז נישט דײַן ווײַב.

(עס געהט צו דער גבאי מיט אײינעם פון עולם, נעהמען אָן די מטה און טראָגען אװעק פון איהר, די פרוי אין שװאַרצען בלײַבט

איבער קניענדיג אויף איהר ארט, מען נעהמט דעם מת אראב פון דער מטה און מיט דעם שווארצען לייליך לעגט מען איהם אין קבר אריין. דער גבאי צובריכט א לעמענעם טאפ און לעגט די שארבען דעם מת אויף די אויגען און אויפ'ן מויל).

## דער גבאי.

(צום מת).

— דיינע אויגען וואס האבען שלעכט'ס געזעהן, דיין מויל וואס האט שלעכט גערעדט.

(מען פערשיט דעם קבר, דער עולם געהט אב איינציגווייז מיט די לאמטערנעס. איבערלאזענדיג דעם אלטען גרעבער אליין. דער גרעבער ביי דער שיין פון זיין לאמטערנע און געגענאיבער דעם נאך גליהענדען פייער'ל, האקט אין נייעם קבר אריין א ברעטיל. מען זעהט ווי אויף יענער זייט פלויט געהט דער עולם אב מיט די לאמטערנעס אויפ'ן שווארצען וועג אין שטאדט אריין, דערווייטערנדיג זיך וואס א מאל מעהר. דער גרעבער האט שוין אבגעטהון דאס זייניגע, שטעהט א מינוט ביים קבר און רעדט אריין).

## דער גרעבער.

— תנוח בשלום על משכבך (ער געהט אב מיט זיין לאמטערנע).

(אויף דער סצענע ווערט פינסטער, עס גליהען נאך די קוים גליהענדע העלצער, און ביי זייער שוואכען שיין זעהט מען ווי די פרוי אין שווארצען געהט צו צום קבר מיט שטילע טריט און ווארפט איהר שווארצען שלייער אויפ'ן קבר ־רויף, ווייט אויפ'ן וועג טוקען זיך קוים די ליכטלעך פון די אבגעהענדיגע לאמטערנעס)

**דער פארהאנג פאלט לאנגזאם.**

שלום אש

# אום ווינטער

# פּערזאָנען:

**דבורה** אַ אלמנה. אין די זעכציגער.

**ראָמאַ** די עלטערע טאָכטער. אַ יאָהר 32.

**וואָלקאַ** די יונגערע טאָכטער, אַ יאָהר 20.

**פרוי גראָסבערג** אַ איינגעהעריין, אַ שדכנ'טע. אַ יאָהר 40.

**יודעל** אַ אָרעמער ייד, אַ שכן. איינציגע און פערציג יאָהר.

**שפּרינצע** אַ קעכין.

**גאָלדבערג** אַ יונגערמאַן. (הינטער דער סצענע)

עֶס קומט פאָר אין אַ קליין שטעֶדטיל, הינטעֶר בּעֶרג, אין ווינטעֶר. די האַנדלונג — בּײַ דבורה'ן, אַ אַלט פּראָווינציאַל־אינטעֶליגענטיש הויז.

## די סצענעֶ:

אַ לאַנגעֶ און אַשמאָלעֶ שטוּבּ פאַר מיידלעֶך. אַלט בּעֶד־בּתיש. דאָס מעֶבּעֶל, וועֶלכעֶס איז אַלט און אָבּגעֶנוצט, בּעֶשטעֶהט פון צוויי בּעֶטעֶן, אויף רעֶכטס פעֶרהאָנגעֶן מיט ווײַסעֶ קאָלדרעֶס. פאַר די בּעֶטעֶן צוויי שפּיגלעֶן. אַ אַלטעֶ בּרייטעֶ קליידעֶר־שאַנק צווישעֶן די בּעֶטעֶן. אויף לינקס צוויי פעֶנסטעֶר אין דעֶר העֶלפט מיט פאָרהאַנגעֶן פעֶרהאָנגעֶן. פון די רעֶשט שויבּעֶן קוקט אַרײַן פון דעֶרווײַטעֶן אַ הויכעֶר בּעֶשנעֶטעֶר בּאַרג. צווישעֶן די פעֶנסטעֶר — אַ אַלטעֶ קאָמאָדעֶ בּעֶדעֶקט מיט אַ געֶשטריקט טישטוך און בּעֶשטעֶלט מיט פעֶרשידעֶנעֶ קלאָשעֶן, פּאָרצעֶלאַן־טעֶלעֶר א. א. וו. אויף דעֶר וואַנד איבּעֶר דעֶר קאָמאָדעֶ — אַ אַלטעֶר זייגעֶר מיט וואַגעֶס, שטעֶהט תּמיד. אויף די ווענד אַרום — בּעֶקלעֶפּט מיט אילוסטראַציעֶס פון אַלטעֶ בּלעֶטעֶר און מיט גלעֶזעֶרנעֶ שאַפקעֶס, אויף וועֶלכעֶ עֶס זעֶנעֶן אָנגעֶשטעֶלט פעֶרשידעֶנעֶ מיידעֶרישעֶ שמאָכטעֶס. בּכלל איז צו פיהלעֶן דאָס עֶדעֶלקייט פון דעֶר פרוי. אויף רעֶכטס — אַ טהיר אין סאַלאָן אַרײַן. געֶגעֶנאיבּעֶר די צושויעֶר — אַ טהיר, בּעֶהאָנגעֶן מיט אַ ווײַסעֶן פאָרהאַנג, וועֶלכעֶ פיהרט פון דעֶר אויסעֶנדיגעֶר שטוּבּ אַרײַן. אַביסל ווײַטעֶר צו רעֶכטס צו — אַבּרייטעֶר אויוועֶן מיט שוואַרץ אָבּגעֶשמירט, פאַר'ן אויוועֶן — אַ אַלטעֶ אָבּגעֶזעֶסעֶנעֶ, קליינעֶ קאַנאַפּעֶ, אויף וועֶלכעֶר ראָמאַ און יולקאַ זיצעֶן צוזאַמעֶן פעֶרטהון אין לעֶזעֶן.

אַ ווינטעֶרדיגעֶר טאָג, פאַר מיטאָג.

פון די פעֶנסטעֶר קוקט אַרײַן אַ כמאַרנעֶר טאָג.

## ד ב ו ר ה.

(אַ בּעיאָהרטע ערנסטע פרוי, פּענסנע אויף דער נאָז אין אַ שוואַרץ דיִק קלייד, דרעהט זיך אויף און אָב איבער דער שטוב, די הענד אַרונטער פערלעגט, פערטהון אין איהרע געדאַנקען).

## ר אָ מ אַ.

(אַ הויך־ערוואַקסענע, די האָר פערקעמט הויך אויפ'ן שטערן. די געזיכטציגע ביים מויל און אַרום די אויגען געקנייטשט, אין אַ שוואַרץ לאַנג קלייד, אַרומגעהילט אין אַ שווער טוך, זיצט אויף דער קאַנאַפּע, אין גאַנצען פערטהון אין לערען).

## י ו ל ק אַ.

(אַ יונג מיידעל, פון לעבען, אין אַ העלע בלוזקע, זיצט אויף דער צווייטער זייט קאַנאַפּע, לערנט און קוקט אַלע ווייַלע אַרויס פון בוך).

(אַ לאַנגע ווייַלע אין דערוועלבער פּויזע)

## י ו ד ע ל.

(אַ נידריג יודעל, אויסגעדאַרט, אין אַ לייכט צוריסען חאַלאַטעל, ציטערנדיג פאַר קעלט, קומט זיך אַריין צו גנב'ענען, האַפּט זיך צו צו'ם אויווען הינטער די קאַנאַפּע און וואַרעמט זיך).

## י ו ל ק אַ.

(וואַרפט אַרויס אַ בליק פון בוך; קוקט זיך פערוואונדערנדיג אום).

— אַהאַ יודעל...

(זי פערטיעפט זיך צוריק אין בוך).

### דבורה.

(אויסדרעהענדיג זיך און דערועהענדיג יודלען).

— יודעל דא, נו: וואס הערט מען אין שטעדטיל?...

### יודעל

(פון הונטערן אויווען).

— וואס זאל מען הערען? ווער עס האט צו עסען — עסט, דער וואס האט נישט — הונגערט.

### דבורה.

— רעכט. (דרעהט זיך אלץ ווייטער איבער דער שטוב) און קיין פרנסה איז נאך אלץ נישט דא ׳

### יודעל.

— ווער רעדט היינט פון פרנסה, אז מען קען נישט פון שטאדט ארויס, און מען קען נישט אין שטאדט אריין.

### ילקא.

(אויפהערענדיג צו לערנען).

— א שעהן לעבען וועט זיין —

### דבורה.

— מען זאגט דאך, אז דער פריץ האט דעם גרויסען שליטען מיט פויערן געשיקט אוועג אויסצושניידען.

יודעל.

— זיי קענען שוין לייט ווערען. ביי נאכט האט פון בארג אראב א ווינד געיאגט, דעם גאנצען שנע אויפ'ן וועג פערשפרייט. זרח דארף'ס-געהער האט עס יעצט אין בית-המדרש דערצעהלט, געוואלט געהן אין דער פריה אין דארף אריין, ער איז שיער נישט אין שנע פערטרונקען געווארען.

יולקא.

— א שעהן לעבען וועט זיין.
(א לאנגע ווילדע שטיל).

שפרינצע.

(בעוועגענדיג זיך אין טהיר).
— וואס זאל איך קאכען אויף מיטאג?

דבורה.

— זאל איך אזוי וויסען פון שלעבטס. (צו יולקען, וועלבע קוקט אין דער וועלט אריין). וואס זאל זי קאכען אויף מיטאג?

יולקא.

— וואס געהט עס מיך אן! (זיך אבשאקלענדיג, און קוקט ווייטער אין בוך אריין).

דבורה.

— קאך וואס דו האסט אין הערצען.

שפרינצע.

— קארטאָפּעל?

דבורה.

— זאָל זײַן קאַרטאָפּעל. (צו ראָמאַ'ן) דו ליבסט דאָך, דוכט זיך מיר, נישט קײן קאַרטאָפּעל?.

(ראָמאַ ענטפערט נישט, שפּרינצע אָב. פּויזע)

(דבורה דרעהט זיך אַלץ װײַטער װעהר לאַנגזאַם איבער דער שטוב אויף און אָב, די הענד פאַרלײגט אַרונטער. ראָמאַ זיצט פאַרטיפט אין לעזען).

יולקא.

(גלאָצענדיג אין דער װעלט אַרײַן. פּלוצים אויפהאַפּענדיג ״ . קוקט זיך אום)

— װי שפּעט קאָן זײַן? (קײנער ענטפערט איהר נישט, זי קוקט אויפ'ן זײגער). זײגערס האָבען זײ, שטענדיג שטעהען זײ!

(עס קומט אַרײַן פרוי גרויסבערג. אַ מאָגער הויך װײבעל, דאַר און אויסגעטריקענט, די יונג פאַרגרוימטע האָר קוקען פון הינטער'ן שײטעל אַרויס. אויפ'ן שײטעל אַ שװאַרץ שלײפעל, אין שװאַרצע — אַמאָל נגיד'ישע, היינט אָבגעלעבטע, בעל־הבתישע קלײדער, אין גאַנצען אַ אויסקוק פון אַ אָבגעלעבטע בעל־הבית'טע, היינט אַ אײַנגעהערין אין בעל־הבתישע הײַזער, רעדט מיט אַ געמאַכטען שמײכעל אויף די ליפּען).

פרוי גרויסבערג.

— גוט מאָרגען! זיצען זיך יונגע קינדערלעך בײַ'ם אויװען. װאָס דען האָט מען צו טהון אין אַ קלײן שטעדטיל? אין דרוי-

כען — אַ ווינטער, אין שטוב — אַ ווינטער... נו, דבורה, אַריינ־געפאלען צו אייך.

### דבורה.

(בעמערקענדיג די פרוי גרויסבערג בלייבט שטעהן אין מיטען שטוב, קוקט אַ מינוט אויף די טעכטער מיט שרעק. מיט אַ געמאַכטען שמייכלענדיגען טאָן).

— פרוי גרויסבערג! גוט וואָס מען זעהט אייך אמאָל, נו, וואָס מאַכט איהר עפּעס גוטס?

### פרוי גרויסבערג

(צוגעהענדיג צו׳ם פענסטער).

— וואָס זאָל מען מאַכען? — אַ שלעכט וועטער אין דרויסען.

### ראָמאַ

(וואָס האָט זיך צו׳ם ערשט ביי פרוי גרויסבערג׳ס אַריינקומען שטאַרק פערטיעפט אין לעזען, הויבט זיך נערוועז אויף פון איהר אָרט, מיט אַ געמאַכטע רוהיגע מינע געהט צו צו דער קאָמאָ־דע, זוכט עפּעס, באַלד קומט זי צוריק אויף איהר אָרט, וואַרפט אַ בליק דורכגעהענדיג, אויף די רויט געוואָרענע יולקאַ, וועלכע זיצט פערטיעפט אין איהר בוך. ראָמאַ בלייבט אַ סעקונדע פערוואונדערט, זי הויבט אָן צו לעזען, ברומענדיג אַ ביסעל הויך, וואָס אמאָל העכער, מיט אַ שאַרפען אַקצענט, צום סוף האַפּט זי זיך אויף און לויפט אָב אָהן וועלטער אין טהיר פאָרנט, נאָכ־שלעפּענדיג נאָך זיך איהר טוך, דאָס מיך פאַלט איהר אַראָב און בלייבט ליגען נאָך איהר אויף דער מצענע).

(אַ דריקענד שטיל־שווייגען. דבורה מאַכט זיך, ווי זי איז פער־נומען מיט זיך. פרוי גרויסבערג קוקט אַרויס דורכ׳ן פענסטער

(און דערצעהלט פון וועטער... יולקא לעזט, כאפט זיך צום סוף אויף און געהט אָב צו דער טהיר רעכטס).

דבורה.

— וואָס אַנטלויפען זיי אַזוי... וואָס אַנטלויפען זיי אַזוי...

פרוי גרויסבערג.

(געהט צו, צופט איהר ביים ארבעל)

— לאָזט געמאַך, בעסער אַזוי.

דבורה.

(אויפגערעגט, קוקט זי אָן, וויל איהר עפּעס זאָגען, פערשווייגט).

פרוי גרויסבערג.

(מיט א געמאַכטען שמייכעל.)

— איהר ווייסט? ער קומט... דער חתן קומט צו איהר...

דבורה.

(פערוואונדערט און דערשראָקען.)

— ווער? וואָס.

פרוי גרויסבערג.

— מען האָט איהם אויסדריקליך געזאָגט: איינע יונגע, קוים אכטצעהן-יעהריגע שלאַנק שעהנעס פריילין. אָט האָב איך... (זוכט אין קעשענע) שרייבט מיר שוואַרצבערג, אַז ער פאָהרט אַרויס

ער וועט קומען אלס אגענט, פארשטעלער פון דער פירמע בלאך עט קאמפ...

דבורה.

— געדענקסט אָן גאָט שוין, אין אזא וועטער?...

פרוי גרויסבערג.

(מיט א געלעכטער׳ל).

— פאר א כלה וועלען זיי אלץ טהון...

דבורה.

(נאך נישט פערשטעהענדיג).

— אָבער אזוי פלינק שוין, אזוי פלינק?

פרוי גרויסבערג.

(געהט נעהנטער צו צו איהר).

— קאיועט דאס אייזען אזוי לאנג ביז עס איז הייס. אז עס וועט אָבקיהלען... דבורה — (זי קוקט זי אָן) וואס, איהר ווילט שוין ווייטער מאכען... די ערשטע איז אייך ווייניג?

דבורה.

— אָבער שוין... רבונו של עולם, וואס וועט דאָ זיין?
(זי בלייבט פערצווייפעלט שטעהן אין מיטען שטוב).

פרוי גרויסבערג.

— דבורה, מאכט קיין שהיות... דער סאלאָן איז אויפגע-

רוימט ? (צו יודלען) רוף אריין, איך בעט דיך, שפרינצען. (יודעל אב)
דבורה, לעגט אייך איבער, וואס איהר טהוט...

דבורה

— אבער טאטע אין הימעל. נעמען א קינד און בעגראבען מיט
די הענד ?

שפרינצע.

(ווייזט זיך אין טהיר).

— וואס וויל די בעל-הבית'טע ?

פרוי גרויסבערג (צו שפרינצען).

— שפרינצע לעבען, דער סאלאן איז אויפגערוימט ? גיה, נעם
דיך צוצורוימען, געסט קומען היינט, וועסט האפען לעצט-געלד.

שפרינצע.

א יא, שעהנע געסט. עס וועלען שוין נישט זיין די געסט
פון אמאל...

פרוי גרויסבערג.

— די געסט פון אמאל הויבען ווייטער אן צו קומען... און
לעצט-געלד וועלען זיי געבען ווי אמאל... מען דארף זיך נעמען צום
אויפרוימען... אין צוויי שעה ארום.

שפרינצע.

(קוקענדיג, נישט גלויבענדיג, אויף דבורה'ן).

— אויפרוימען, בעל הבית'טע ?

### ד ב ו ר ה.

(פערטראַכט און פערצווייפעלט).

— איך ווייס...

### פ ר ו י  ג ר ו י ס ב ע ר ג (צו שפרינצען).

— איך היים (ווינקט צו איהר) פלינקער (שפרינצע אָב).

### ד ב ו ר ה.

(שטעלט זיך אַנידער ביים טיש, שטעהט און וואַרט).

### פ ר ו י  ג ר ו י ס ב ע ר ג.

— דבורה, געדענקט איהר טאָרט ניישט מפקיר זיין איין טאָכטער פאַר דער צווייטער. פערגעסט ניישט, אַז יולקאַ איז שוין היינט צוואַנציג יאָהר אַלט. אַ מיידעל, זאָלט איהר וויסען, איז ווי אַ עפּעלע אויפ'ן בוים. אַזוי לאַנג איז עס שעהן, אנגענעהם, ביז עס ווערט פערטיג. ווערט עס פערטיג, מוז עס בעטען, אַז עס זאָל ווער קומען און עס אויפעסען, און אַ ברכה מאַכען. און אַז עס שטעהט זיך נור איבער די צייט, ווערט עס פערפוילט... גליהט דאָס אייזען, דבורה, אַזוי לאַנג, ביז עס איז נאָך היים... פערגעסט ניישט, אַז די צייט שטעהט ניישט.

### ד ב ו ר ה

— אָבער מיט יענע וואָס וועט זיין

פרוי גרויסבערג.

— און איבער דעם ווילט איהר האבען נאך א זארג? לאזט געמאך, בעסער אזוי.

רבורה.

— און וואס זאל איך טהון?

פרוי גרויסבערג.

— גארנישט. לאזט מיך טהון... (געהט ארויס, קומט צוריק מיט יולקא'ן).

יולקא.

— וואס וויל די מאמישי?

פרוי גרויסבערג.

— דא איז זיך נישטא וואס צו שעהמען, דא איז זיך נישטא וואס צו בעהאלטען... עס איז א אפען אונגליק, קיינער איז אין דעם נישט שולדיג. די שוועסטער האט געקליבען געקליבען, אזוי לאנג ביז זי איז זיך פערזעסען. יעצט איז שוין שווער. וואלט נאך האטש א סך נדן געווען, מיט די צוויי טויזענד רובל וואס דער טאטע האט פאר איהר איבערגעלאזט וועט זיך זעהר שווער מאכען... און ביז גאט וועט העלפען, אז זי וועט געפינען איהר ריכטיגען זווג, קען דא א צווייט אונגליק געשעהן... איך וויל עס נישט דערמאהנען מיט'ן מויל...

יולקא.

(רויט ווערענדיג).

— נו יא, וואס זאל איך אבער...

פרוי גרויסבערג.

— גאָרנישט. עס קומט היינט צו פאָהרען אַחתן צו דיר...

יולקא.

(מיט שרעק).

— צו מיר? דאָמאַ איז דאָך עלטער —

פרוי גרויסבערג.

— צו דעם קען קיינער גאָרנישט טהון. דאָס איז אַ אונגליק... און פאַר דעם קענט איהר נישט ליידען. דאָס איז דאָס לעבען — ווילט איהר חלילה ווארטען אויף איהר — מוזט איהר לאַנג, לאַנג ווארטען... היינט איז די צייט, זעהט, אַז עס זאָל נישט צו שפּעט ווערען ווי ביי איהר שוועסטער. געדענקט אַז איהר האָט נור צוויי טויזענד רובל...

יולקא.

— איך ווייס פון גאָרנישט... וואָס זאָגט די מאַמע?

פרוי גרויסבערג.

— די מאַמע, וואָס זאָל זי נעבעך זאָגען... דאָס טהוט איהר וועה און יענץ איז איהר ווינד... דאָמאַ איז איהר בלוט און דו ביסט אויך איהר בלוט. גיב די האַנד פאַר די באַק, אַז דאָס טהוט איהר וועה און יענץ טהוט איהר וועה... נאָר וואָס זאָל זי נעבעך טהון, אַז איינס קען זי העלפען און דאָס צווייטע נישט..

## יולקא.

— איך ווייס פון גאָרנישט. איך וועל טהון וואָס די מאַמע וועט הייסען.

## פרוי גרויסבערג.

— די מאַמע וועט דיך הייסען, אז דו זאָלסט דיך גלייך אנטהון, ווארום עס ווערט שפּעט, אין א שעה ארום איז ער דא.

(יולקא געהט אָב).

## דבורה.

(וועלבע איז געשטאנען די גאנצע צייט די הענד פערלייגט, פּאלט ארויס:)

— וואָס זאָל איך טהון? וואָס זאָל איך טהון?

## פרוי גרויסבערג.

— וואָס איהר זאָלט טהון? איהר זאָלט זעהן, אז אַלעס זאָל זיין אין אָרדנונג. זעהט אז די קלענערע זאָל זיין אָנגעטהון, און פערשטעקט ערגעץ וואו די עלטערע, אז ער זאָל, חלילה, נישט געוואָהר ווערען, אז עס איז דא א עלטער מיידעל אין שטוב... דאָס גיט צו קלערען... דאָס קען א סך שאַטען...

## דבורה (קרעכצט).

— שטענדיג בעהאלטען די יונגערע, אז עס איז ווער געקומען — יעצט דארף מען צו בעהאלטען די עלטערע. וועה וועה ראָמא! האָסט דיך גוט ערלעבט.

## פרוי גרויסבערג.

— אזוי איז שוין איהר מזל... און עס איז איהר קיינער נישט

שוּלדיִג נור זיִ אַליין... נו, איִך מוז געהן. דבורה מאַכט קיין שהיות, עס ווערט שפּעט. (בײַ'ם אַרויסגעהן) דבורה, געדענקט עס האַנדעלט זיִך אין אייער קיִנד. (אָב)

(דבורה בלײַבט שטעהן אין מיִטען שטוּב אין אַ פערצווייפעלט שווייגען — וועקט זיִך איינִיגע מאָל אויף און געהט צו צו דער טהיִר, וויִל אויפעפענען די קלאַמקע — און געהט צוריִק אַוועק. באַלד הערען זיִך טריִט, זי געהט פליִנק אָב פון דער טהיִר און לאָזט זיִך צו די פענסטער. די טהיִר עפענט זיִך, ראָמאַ קוּמט אַריין, זיִנגענדיִג פאַר זיִך עפּעס אַ ניגונ'דיִל, האַלט אַ העפטעכץ אין דער האַנד, און הויבט אָן, ווי עפעס זוכען בײַ דער קאָמאָדע.

ראָמאַ (צו זיִך).

— שוין אַוועקגעגאַנגען.

## דבורה.

(פלוּציִם אויסדרעהענדיִג זיִך פון פענסטער).

— זאָג מיִר מאַכטער, איינמאָל פאַר אַלע מאָל, וואָס וועט דער סוף זיין?

## ראָמאַ

(אין מיִטען שטוּב אָפּשטעלענדיִג זיִך).

— וואָס האָט זיִך עפּעס היינט די מאַמע דערמאָהנט? וואָס, זי איז שוין ווייטער געקומען דעם קאָפּ פערדרעהען, די טהיִר וועל איִך מיִט איהר אויסהאַקען. (זי בײַזערט זיך און וויל פליִנק פון דער שטוּב אַרויס).

## דבורה.

(לויפט איהר נאָך און שרייט).

— ראַמאַ, ראַמאַ, איך וויל דיר עפּעס זאָגען.

## ראַמאַ.

(בלייבט שטעהן ביי דער טהיר אומקוקענדיג זיך).

וואָס האָט מיר די מאמע צו זאָגען? (זי וואַרט שווייגענדיג אויף די מאמעס ענטפער, צו׳ם סוף זעצט זי זיך אַנידער שטיל אויף דער קאַנאַפּע, וואָס שטעהט אין דער נאָהנט).

## דבורה.

— זאָג דו מיר וואָס זאָל איך טהון? וואָס זאָל איך אומגליקליכע מאמע, טהון?

## ראַמאַ.

(קוקט די מוטער אָן שווייגענדיג).

— וואָס ווילט איהר פון מיר האָבען? וואָס, עס איז אייך צו שווער מיך צו האַלטען אין דערהיים — וועל איך מיר געהן מיין שטיקל ברויט זוכען.

## דבורה.

— ווער איז נאָך די מאמעס יאָהר, — ווייסט גאַנץ גוט. וואָס טויג מיר דאָס גערעדעניץ — (אָבהאַקענדיג). אָבער איך בין דאָך אַ מאַמע. דאָס האַרץ ווערט מיר צושניטען פאַר רחמנות — געדענק אָן גאָט.

ראמא.

(מיט א געמאכט געלעכטער'ל)

— רחמנות... נור איך בעט די מאמע, זאל נור די מאמע אויף מיר קיין רחמנות נישט האבען... (פויזע. מיט אויפגערעגטען געביזער) איך וויים נישט... חלעבען... (שווייגט. פלוצים) מיט וואס פאר א רעכט האט ווער אויף מיר רחמנות צו האבען?... וואס געהט עס וועמען אן אין מיר! איך וויל אזוי זיין. ניט חתונה האבען — וועמען געהט עס אן? (פערגעסענדיג זיך) וועמען געהט עס אן?..

כורה

— איך בין דאך א מאמע, א מאמע, מיך רייסט עס ביי'ם הארץ.

ראמא (שרייענדיג).

— אבער, אז מיך געהט עס נישט אן, וועמען האט עס אנצוגעהן?

דבורה.

— אבער וואס זאל איך טהון, מיך רייסט עס דאך ביי'ם הארץ. איך זעה דיך זיצען אין דערהיים, א מויד פון דרייסיג יאהר, וואס מיינסט דו?...

ראמא.

(ארייגפאלענדיג אין די מוטערס רעד).

— ווער האט צו מיר? פאר וואס? איך וויל נישט חתונה האבען — וועמען געהט עס אן?

דבורה.

— אָבער נעדענק. (געהט נעהנטער צו און רוימט איהר איין) אָבער יולקאַ?...

אָמאַ (הויך).

— ווער לאָזט זי דען נישט קיין כלה ווערען?

דבורה

— דו,

ראָמאַ.

— איך?... נו גוט, וועל איך איהר מיין אָרט אָבטרעטען;

(זי זעצט זיך שוויינענדיג אויף איהר אָרט — פערקלעהרט זיך, נעמט דאָס ביכעל וואָס ליגט ביי איהר, און קוקט יעדעס מאָל אריין, און נעמט עס אַוועק).

דבורה.

(שטעהט אין מיטען שטוב, די הענד פערלעגט, עס איז צו דער־קענען, אז זי ווייסט נישט וואָס צו טהון. וויל צוגעהן צו דער טאָבטער, און געהט נישט צו — צו׳ם סוף זעצט זי זיך ערגעץ אין אַ ווינקעל און רעדט צו זיך).

— איך, אומגליקליכע מאַמע... גאָט איינער, וואָס זאָל איך אָנהויבען?.. (זי קוקט אויף ראָמאַ׳ן, ראָמאַ ענטפערט נישט, זיצט פערטראַכט מיט זיך).

(אַ לאַנגע ווײַלע איז שטיל אויף דער סצענע. פון דער צווייטער שטוב דערהערט זיך פלוצלונג די פאָדלאָגע פראָטירען. יולקאַ׳ס פרעהליכער קול, בעפעהלענדיג: „דעם אַלעאַנדער בײַם פענסטער אַנידערשטעלען״, „די גאַרדין פערשטעלט דעם שפיגעל״. ראָמאַ קוקט די מוטער אָן. די מוטער מאַכט זיך דורכ׳ן פענסטער אַרויסקוקען).

## דבורה.

(דורב'ן פענסטער ארויסקוקענדיג).

— אַ בייז וועטער אין דרויסען, (זי האקט אָב מיט אַ ציטעריג קול) איך ווייס גאָר נישט, פאר וואָס מען דערהאלט נישט פון פעטער קיין בריעף?

## ראָמאַ

(ענטפערט נישט. נאָך אַ קליינע פויזע, הויבט זי זיך אויף, געהט צו צו דער קאָמאָדע, זוכט עפּעס און מאכט זיך מיאָנשענדיג עפּעס אַ ליעדעל פאר זיך):

„די זון געהט אונטער אין מערב זייט
אין אַ רויט געשטאַלט,
אין אַ רויט געשטאַלט".

## דבורה.

(אויפהויבענדיג זיך פלוצלונג פון אָרט, מיט אַ מאטעדיג וויינענדיג קול):

— טאָכטער. צי בין איך דען נישט דיין מאַמע? (די טרעהרען פערשטיקען איהר קול) צי ווייס איך דען נישט?... (זי וויינט ביטערליך)

## ראָמאַ.

— וואָס וויל די מאַמע האָבען?.. אַ! — (זי געהט אוועק פון קאָמאָדע, האפט דאָס ביכעל וואָס ליגט אויפ'ן טיש, זעצט זיך אויף איהר פריהערדיג אָרט און פערגראָבט זיך אין לעזען).

## דבורה.

— וואָס שפּיעלסט דו מיט מיר אין בעהעלטעניש? אַזוי ווי איך וואָלט אַ ווילד-פרעמדע געווען... צי איז דען נישט דיין צער —

מײַן צער ? . . , (אָבהאַקענדיג) יולקאַ װערט ערוואַקסען, גרויס װי אַ בוים. מען איז געקומען, מען האָט די טהירען אײנגעלעגט, עס לויפט דורך אַ טאָג צו אַ טאָג . . . די צײַט שטעהט נישט, זי װערט עלטער, צוואַנציג יאָהר שוין אַלט, בײַ לײַטען אַזעלכעס האָט שוין חתונה געהאַט — און װאָס זאָל איך, װיסטע אַלמנה, טהון — רבונו של עולם, װאָס טהוט מען ?

ר אָ מ אַ

(װי פון בױך אַרויסלעזענדיג).

— מען מאַכט זי פאַר אַ כלה.

ד ב ו ר ה.

— און מיט דיר װאָס װעט דער סוף זײַן ?

ר אָ מ אַ.

(מיט אַ געלעכטערל).

— װאָס זאָל דען זײַן ? מען לעבט און מען װעט שטאַרבען.

ד ב ו ר ה.

— און װאָס איז דאָס מ'שטײַנס געזאָגט פאַר אַ לעבען ? מען זיצט בײַ דער מאַמע, בײַם אויווען, און מען לעזט ביכער. װאָס טויגען אײך די ביכער ? פערשפּילען דאָס לעבען מיט פרעמדע מעשיות . . . צו װאָס ? צו װען ? (אָבהאַקענדיג) איך האָב עס דיר געזאָגט, געוואָרענט, נישט אײנמאָל און נישט צװײ מאָל, — ראָמאַ, ראָמאַ, פערשפּיעל דיך נישט ! מיט דעם יונגען מאַן גערעדט, מיט דעם שפּאַצירט. איז געקומען צו פאָהרען אײנער פון דער שװאַרצע יאָהר, צוגעזאָגט גאָלדענע

בערג... (אָבהאַקענדיג) אַ רויז ביסט דו דענסטמאָל געווען. איז מען גע־קומען שמעקען, אָבגעשמעקט און אַוועקגעגאַנגען... און די רויז גע־לאָזט אָפען שטעהן ביז זי איז אויסגעוועבט געוואָרען... אַ מיידעל האָט איהר צייט, און געהט די צייט איהרע דורך, געהט דורך איהר לעבען... איך האָב דיך געוואָרענט, דו האָסט מיך נישט געוואָלט הערכען, וואָס האָב איך אומגליקליכע מאַמע, געקענט טהון?...

ר אָ מ אַ.

— אַלזאָ וואָס וויל די מאַמע האָבען, אַז איך זאָל אַ כלה ווערען — גוט, איך וועל אַ כלה ווערען. זי איז דאָך שוין דאָ געווען, מען פוצט אויס די צימערן, עס קומט היינט אַ חתן צו פאָהרען — גוט, — איך וועל נישט פרעגען ווער ער איז, — איך וועל נישט קוקען אויף איהם, צי ער געפעלט מיר יאָ, צי ער געפעלט מיר נישט — גוט, איך וועל חתונה האָבען פאר'ן, אַז איהר ווילט עס.

ד ב ו ר ה (ערשראָקען).

— אָבער... טאָכטער...

ר אָ מ אַ.

— גוט, גוט, אַז איהר ווילט עס... מיר איז שוין קיין חלוק... איך האָב שוין חתונה... איינמאָל פאר אַלע מאָל אויפהע־רען צו פייניגען... גוט, איך געה מיך אָנטהון... וואו איז מיין קלייד?... איך וועל אויף גאָרנישט קוקען, אַז איהר ווילט עס.. (לויפט אריין אין דער צווייטער שטוב) נור צו מיר זאָלט איהר שפּעטער קיין פּרעטענסיעס נישט האָבען. (אָב)

ד ב ו ר ה.

(בלייבט פערצווייפעלט שטעהן אין מיטען שטוב)

— גאָט איינער, וואָס טהו איך יעצט?...

(אַ קליינע פּויזע, עס טונקעלט. עס קומט אַרײַנצוּלויפֿען יולקאַ אָנגעטהון אין אַ נײַע קלייד מיט אַ נײַע זײַדענע בלוזקע, נאָך נישט צוגעקנעפּעלט).

יולקאַ.

— מאַמע, קנעפּעל מיר צו.

דבורה.

(נעמט זי צו זיך מיט פֿיעל צערטליכקײט).

— קום טאָכטער לעבען, איך וועל דיך אָנטהון, דײַן חתן קומט דאָך הײַנט צו פֿאָהרען, מײַן אָרעמע יתומה.

ראָמאַ'ס קול.

(פֿון דער צווייטער שטוב).

— און וואָס פֿאַר אַ קלייד זאָל איך מיך אָנטהון? אַני' עמפּפֿאַנגס־קלייד, מאַמע?

(די מוטער ענטפֿערט איהר נישט, טהוט ווײַטער אָן יולקאַ'ן).

יולקאַ.

— מאַמע, מאַמע, ראָמאַ רופֿט עפּעס.

דבורה.

— גאָר נישט טאָכטער לעבען, גאָר נישט. גאָט זאָל דיר געבען, חן און לײַטזעליגקײט.

ראָמאַ'ס קול.

— וואו איז יולקאַ, — זאָל זי מיר העלפֿען אָנטהון. (קומט אַרײַן, עס איז טונקעל אין צימער, דערקענט נישט יולקאַ'ן) ווער איז דאָרט? (קײנער ענטפֿערט איהר נישט אָב, ווי מען וואָלט איהר נישט בעמערקט).

ד ב ו ר ה.

(אַנטהויִענדיִג וויַיטער יולקאַ'ן).

— וואַרט יולקאַ לעבען. דער טאַטע, עליו השלום, האָט מיר געזאָגט, אַז דיַין חתן וועט קומען זאָל איך דיך אַנטהון אין די פּעריל וואָס דער טאַטע, עליו השלום, האָט מיר געשענקט חתימה-געלד, אַז דו זאָלסט חן און ליַיטזעליגקיַיט געפינען אין זיַינע אויגען.

ר אָ מ אַ

(וועלכע ערוויִיסענדיִג זיך די סיִטואַציע, בליַיבט אַ סעקונדע שטעהן, לאָזט פאַלען דאָס זיַידענע טוך וואָס זי האַלט אין דער האַנד, וויִל צום'ערשט אַרויסגיִ'בעגען זיך פון שטוב אַהנע בעמערקט — קען אָבער ניִשט, געהט דערנאָך גאַנץ פאַמעליִך צו צו יולקאַ'ן מיִט די מוטער, — זאָגט מיִט אַ רוהיִגען טאָן).

— לאָז מאַמע, איך וועל זי אַנטהון פאַרן חתן.

(די מוטער גיִט איבער יולקאַ'ן אין איהרע הענד, יולקאַ וויִל אויך נאָך די מוטער מיִט אַראָב-געלאָזטען קאָפּ שעמעוודיִג אַרויס-געהן, ראָמאַ האַלט זי איין)

ר אָ מ אַ.

— וואָס שעמסט דו דיך פאַר מיר שוועסטער-לעבען... איך וויַיס דאָך פון אַלעם... האָב דאָך ניִשט קיין מורא פאַר מיר... שעם דיך נישט... ביִסט דאָך מיַין שוועסטער, דיַין פריַיד איז דאָך אויך מיַין פריַיד... מיַין פריַיד.

י ו ל ק אַ.

(מיִט פערשעמטען בליִק בליַיבט שטעהן ביַי דער שוועסטער, פער-ווירט, וויַיסט ניִשט וואָס צו טהון)

ר אָ מ אַ.

— קום שוועסטער, איך וועל דיר די האָר אויפקעמען,

(יולקאַ קניִעט פאַר איהר... ראָמאַ קעמט איהר די האָר): האָסט דו האָר שוועסטער, שיינע, דינע, און שווארץ ווי נאַכט... חן רוהט אויף דיר שוועסטער... חן, וועסט זיין אַ שענע כלה, שוועסטער...
(פערפלעכט איהר די האָר).

### יולקאַ.

(רייסט פלוצלונג אַרויס דעם קאָפּ פון די שוועסטערס הענד — און פאַלט אַרויף אויף איהר האַרץ און הויבט אָן ביטערליך וויינען).

### ראָמאַ.

(איהר אוועקנעמענדיג דעם קאָפּ פון איהר האַרץ מיט אַ געלעכטערל).

— נאַרעלע, וואָס וויינסט דו? ווערסט אַ כלה, וויינסט דו? אדרבה, פרעהען דאַרפסטו זיך.

(יולקאַ רייסט אַרויס דעם קאָפּ פון די שוועסטערס הענד און גראָבט זיהם טיעפער איין אין איהרע אָרעמס שליוכצענדיג. אַ לאַנגע ווייַלע אין דערוועלבער פּויזע. ראָמאַ צוקעמט איהר דערווייל די האָר. באַלד דערהערט זיך פון אונטערן פענסטער אַ קלימפּערן פון אַ שליטען. ראָמאַ רייסט אַוועק פון זיך יולקען און טהוט זי אָן... באַלד הערט זיך אַ רעדערן פון טריט אונטער די סצענע).

### גאָלדבערג'ס קול.

(הינטער דער סצענע).

— איך האָבע די עהרע מיך פאָרצושטעלען — גאָלדבערג, פאָרשטעלער פון דער פירמע „בלאָך עט קאָמפּ.“

### דבורה'ס קול.

(הינטער דער סצענע).

— מיר בעטען.

(עס הערען זיך טריט איבער דער סצענע, איבערגעהענדיג פון איין שטוב אין דער צווייטער)

(עס עפענט זיך די טהיר רעכטס, פון וואנען עס שלאגט ארײן אין דער דונקלער סצענע א ליכטיגקײט און א ווארעמקײט. דבורה׳ס קאפ ווײזט זיך אין דער טהיר)

### דבורה.

(אין דער טהיר)

— יולקא, ערלויב נור. (יולקא קוקט אן ראמא׳ן)

### ראמא.

(איהר אויסוויישענדיג די אויגען מיט׳ן טיכעל, שטופט זי צו דער טהיר).

— געה... געה... געה...

(יולקא לאזט זיך שטופען. געהט אב אין טהיר רעכטס, פער־מאכענדיג די טהיר נאך זיך. אויף דער סצענע ווערט ווײטער דונקעל).

### יולקא׳ס קול.

(הינטער דער בצענע).

— זעהר מיר אנגענעהם!...

(פון דרויסען מאכט ווער די לאדען צו. אויף דער סצענע ווערט דונקעל. פון די אויסגעשניטענע לעכער וואס זענען אין די לאדען דרינגט א רויטליכער שײן פון דעם זון־אונטערגאנג. נאך א קורצער פויזע קומט ארײן פון דער צווייטער טהיר יודעל).

### יודעל.

(דערזעהענדיג ראמא׳ן בײ דער טהיר, וויל אבגעהן, געהט דאך נישט אוועק, הוסט אב, און שטעלט זיך בײ׳ם אויווען ווארעמען).

ר אָ מ אַ.

(בעמערקענדיג יודלען, מאכט א בעוועגונג, ווי זי וואלט עפּעס דאָרט געזוכט, געהט דערנאָך אָב מיט לייכטע טריט, מאכט זיך בעמערקענדיג יודלען).

— אַהאַ יודעל, נו וואָס הערט מען אין דרויסען?

י ו ד ע ל.

(רייבענדיג זיך אין די הענד).

— עס ווערט זעהר קאַלט.

פ אַ ר ה אַ נ ג.

# ע נ ד ע.

שלום אַש

# מאראנען

אַ שטיק אין איין אַקט און צוויי סצענען.

# פּערזאָנען:

יעקב טיראַדאָ. א מאַן פון עטליכע און פערציג.

מאַגועל לאָפּעץ. אַן אלטער מאראַן.

פערעראָ. א יונגערמאַן.

דאָנאַ מאַרי באָנעס. זיין שוועסטער.

לאָפּעץ גאָמען. זייער פעטער.

ר' ארי הלוי. דער רב פון עמדען.

אַ ענגלישער הערצאָג.

שפּיעלט זיך אין די האַפען שטאָדט עמדען אין יאָהר 1592. דער מארק פון עמדען.

דינער טראָגען פעק און זעק פון דעם האפען אויפ'ן מארק ארויף. מיט זיי געהט מיט

פ ע ר ע ר אָ.

האַלט איין דאָ אַ ווײלע, מיר װעלען װאַרטען אויף טיראַדאָ
און די איבריגע צו זאָגען װאָס מיר זאָלען װײטער טאָן.

י ע ק ב ט י ר אַ ד אָ

קומט אָן מיט ענערגישע טריט. מיט איהם איז לאָפּעץ גאָמעז, װעלכער בעגלייט איהם מיט עהרע־פורכט. הינטער זיי שלעפּט זיך נאָך דער אלטער מאַנועל לאָפּעץ. טיראַדאָ קיקט זיך אום בעאונרוהיגט אויף דאָנא מאַרי, װעלכע געהט מיט דעם ענגלישען הערצאָג פאמעליך און רעדען צווישען זיך פערטרויליך.

פ ע ר ע ר אָ.

װאָס בעפעהלסטו, טיראַדאָ, צו טאָן מיט די געפּעק?

ט י ר אַ ד אָ.

דער ערשטער טריט אין דעם נייעם אָרט געהערט צו גאָט.
פריהער זאָלען אונזערע אויסגעמאַטערטע קערפּערס פון דער
שטורמדיגער נסיעה קיין רוה ניט געפינען ביז אונזערע
דורשטיגע נשמות װעלען זיך ניט מיט גאָט'ס ליבּ אָנטרינ־
קען, פריי און אָפען אונטער דעם זונען־שיין, צום ערשטען
מאָל אין אונזער לעבען און אונזערע עלטערענס לעבען —
אָבער נאָך ניט צום ענד פון אונזער נסיעה האָט אונז גאָט
געבראַכט. אויסגעשפּיגען האָט אונז דער שטורמדיגער ים
אין מיטען װעג. די פריי'ע טאָהלען פון דעם איידעלען פרינץ
פון אָראַניען ליגען נאָך אויף יענער זייט גרעניץ, און מיר
װייסען ניט אויף װי װייט עס גרייכט אויס די געדולדיגקייט
פון דעם פירשט פון פריעדלאַנד, אויף װעמעס באָדען מיר
טרעטען צו אונזער גאָט. דורך דעם לייג אָב דאָס געפּעק
אין מיטען מאַרק, און בינד אויף אַ טייל פון זיי. די װעלכע
ענטהאַלטען מינדערװערטיגע זאַכען לייג אויס אויף דער
שיין, װי סוחרים טוען װען זיי קומען אין אַ פרעמדע שטאָדט

אַריין. זאָל עס הייסען, אַז סוחרים זיינען געקומען פון דער פרעמד, מיט פרעמדע סחורות מסחר צו פיהרען. פּערראַ

טהוט אזוי. צום הערצאָג פון ענגלאנד, וועלכער דערנעהנט זיך מיט דאָנא מארי. איידעלער הערצאָג!

**הערצאָג פון ענגלאַנד.**

ווען ניט איינגאַנצען, דאָך נאָהענט צו אייער ציעל. עס זעהען זיך די טאָהלען פון נידערלאַנד, פון מאַרק פון עמדען אַרונטער. אָבער וואָס נעהענטער איהר קומט צו אייער ציעל, אַלץ מעהר דערווייטערט ווער איך פון מיינעם. קוקט אויף מרים.

**טיראַדאָ.**

איידעלער הערצאָג מיט וואָס זאָלען מיר דיר דאַנקען? צוויי מאָל אָרים איז דער אָרימאַן פאַר זיין בעל-טובה. וועלכער קעניג בעזיצט דעם שאַץ וואָס איז ווערטה דיין איידעלע טהאַט? רייך און אַלמעכטיק איז אונזער גאָט. צו זיין גענאָד שיקען מיר דיך אָב, איידעלער הערצאָג. אין דעם געדעכטניש פון אונזער נאָכקומען וועסטו ווערען אויפגענומען ווי אַ ליכט-שיין וואָס מיר האָבען דערזעהן אויף דעם ראַנד פון א לאַנגע פינסטערע נאַכט. אָבער עס געפינט זיך דאָך אויף דעם באָדען פון אונזערע זעק וועלכעס איידעל שטיק געוועב, גאָלד, געהאַמערטע פלאַט, וואָס איז ווערטה אַ געשאַנק פאַר אַ קעניג.

**הערצאָג**

האַקט איהם איבער.

וועלכעס איידעלע געוועב קען פאַרוועבען מיין אָפענע וואונד? און וועלכע געהאַמערטע גאָלדענע פלאַט קען בעשיצען מיין בלוטיג האַרץ? פאַנגען בין איך אייך אַרויס אין אָפענעם ים, פאַר מיין קעניגין, איהר, וואָס האָט זיך אָנפערטרויעט דעם רויהען ים אונטער די פערפיהרערישע פאָהן פון פיליפ דעם צווייטען. און אַ געפאַנגענער בין איך פון מיינע געפאַנגענע געוואָרען. אָ! אונטער אַ שטאַרקער שוץ האָט איהר אין ים געזעגעלט!

ט י ר אַ ד אָ.

אונטער די שוץ פון גאָט אונזער פאָטער, וועמעס נאָמען מיר האָבען געטראָגען איינגעקריצט אין אונזערע הערצער, כאָטש פערשטומט אויף אונזערע ליפען. ער האָט געלענקט אונזער וועג.

ל אָ פ ע ץ ג אָ מ ע ז.

דער גאָט פון אונזערע פאָטערס, פאַר וועמענס רוהם מיר האָבען געוואָרפען היים און רייכקייט האָט ער אונז אויסגעהיט פון יעדעס שלעכטס.

פ ע ר ע ר אָ:

ער האָט ווייך געמאַכט דאָס האַרץ פון די ענגלישע קעניגין אויף אונז.

ה ע ר צ אָ ג.

איך קען ניט דעם גאָט פון אייערע פאָטערס, וועלכער קען אַזעלכע וואונדער בעשאַפען. אין די גרענעצען פון ענגלאַנד איז נאָר דער ענגלישער גאָט בעקאַנט! ניין, טאָלעדאָ, אַ פיעל מעכטיגער בעשיצער פון דעם גאָט פון אייערע פאָטערס, און פון די פאָהן פון שפאַניען זיינען אויך געווען די אויגען פון די שעהנע דאָנאַ מאַרי. זיי האָבען פאַר אייך פיראַטען ענטוואָפענט, הערצאָגען אונטערטעניג געמאַכט, דאָס האַרץ פון די קעניגין פון ענגלאַנד פאַר אייך געוואוגען. און זי האָט מיט איהר ווייכען וואַרימען בליק פון איהרע מזרח-פלוימען אויגען איינגעשטילט די ווילדע וועלען פון שטורם פאַר אייך. אונטער אַ דאָפעלט געטרייען זעגעל האָט איהר זיך דעם ים פערטרויעט: אונטער דעם בליק און אונטער דעם שמייכעל פון דאָנאַ מאַרי! געניגענדעס שוץ אַפילו פאַר דעם רויהען ים! טיראַדאָ שווייגט, לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ צו דער ערד, און אַנדערע דאָס זעלבע. לאַנגע פייגליכע פויזע.

אָ, איך ווייס דעם טיעפען אָפּגרונד וואָס שניידעט מיך אונבעשניטענער אָפּ פון מיין בעשערטע. אָבער איידער איך פאַרלאָז אייך, לאָזט מיך, איידעלער טיראַדאָ, נאָכאַמאָל און צום לעצטען מאל פרובירען מיין גליק. איך ווייס ניט די פרובען פון אייער גאָט וואָס ער האָט אויסגעשטעלט פאַר

אַ פרעמד-גלויביגען ווען ער וויל מיט אַ שעהנקייט פון זיינע גלויביגע זיך בעהעפטען. איך ווייס ניט די טונקעלע וועגען פון אייער רעליגיאָן, וועלכע פיהרען צו די טהירען פון מיין גליק. שטעלט מיר אַ פּרוב זאָגט מיר דעם פּרייז, וואָס איז דאָ צו בעצאָהלען

ט י ר אַ ד אָ.

די וועגען פון אונזער רעליגיאָן האָט ניט אונזער גאָט, נור די קירכע מיט שטאַכערס בעזייהט. זיי פירעהן דורך די טונקעלע קאָרידאָרען פון דער אינקוויזיציע, הערצאָג!

הערצאָג ווערט בלייך, פערשוויינט אַ מינוט. פּויזע.

ה ע ר צ אָ ג.

געפינט זיך ניט אויף דער גאַנצער ערד אַ ווינקעל קליין, אַ אינזעל, אַ וואַלד, וואו דער מענש נור מיט זיך אַליין, בעפרייט פון די יאָכען פון די געטער זאָל קענען פריי אָבּעטעמען די פּאָר טעג וואָס זיינען איהם אַזוי קאַרגליך פון די געטער צוגעוואָרפען געוואָרען?

ט י ר אַ ד אָ

ניט מיר האָבען דאָס צו ענטשיידען, דו איידעלע דאָנאַ מרים נאָנעס! צו איהר האָסטו דיך צו ווענדען. וואָס זיינען מיר, פאַרוואָגעלטע, פרעמדע, אונבעשיצטע געגען אַ מעכטיגען הערצאָג פון ענגלאַנד?

ה ע ר צ אָ ג.

איידעלע דאָנאַ מארי! צום לעצטען מאָל, איידער מיין ליכט ווערט פאַרלאָשען און דיין לייב וועט נור שיינען פאַר מיר אין די טונקעלקייט פון מיין נאַכט.—איידעלע דאָנאַ! איידער ס'ווערט פאַרשטומט פאַר מיר די זיסקייט פון דיין שטים און איך וועל זי נור הערען קלינגענדיג טיעף אין מיר, ווי דאָס רוישען פון אַ קוואַל וואַסער אין אויער פון אַ דורשטיגען וואַנדערער, זאָג דאָנאַ מארי, ווילסטו ניט מיט מיר נאָך ענגלאַנד צוריק? דיינע פיס זיינען צו איידעל פאַר די פייכטע טהאָלען פון פרינץ פון אָראַניען, וואו אהין עס לענקט אייך דער וועג. ווירדיג ביזטו צו ווערען אַ קעניג'ס אַ שנור, ניט נור אַ הערצאָג'ס אַ ווייב. דער כבוד וואָס די קעניגין

האָט דיר אָנגעטאָן, פאָהרענדיג מיט דיר איבער די גאַסען פון לאָנדאָן אין איין וואָגען, האָט דיך אויפגעהויבען אין די אויגען פון מיינע לאַנדסלייט. נישט וואַגען וועלען די פּאָטערס פון דער קירכע אַרויסצוטרעטען געגען די בעגנאַדיגטע פון די קעניגין. און ווען יאָ, מיינע שיפען שטעהען אין האַפען גרייט. די מאַטראָסען זיינען מיר געטריי. איך ווייס פון אַ אינזעל אין מיטעללענדישען ים, דער אייביגער פריהלינג בליהט אויף איהם. ווירדיג איז ער די גנעץ פון אונזער ליעבע צו ווערען. עס האָבען זיך צוגעשיפט די געטער פון די גריכען צו ליעבען זיך אויף איהם. דער סולטאַן פון די טערקען האָט מיר זיין גענאָדע אָנגעבאָטען פאַר מיינע דיענסטען. איך וועל פאָטערלאַנד, קעניגין פערלאָזען פאַר דיין ליעבע, איידעלע דאָנאַ מאַרי.

מרים שווייגט.

הערצאָג.

דו שווייגסט, דאָנאַ מאַרי?

דאָנאַ מאַרי.

וואָס זאָל איך דיר ענטפערען, איידעלער הערצאָג? דיינע ווערטער קלאַפּען אויף מיין האַרץ, ווי טראָפּענס רעגען אויף אַ פערשלאָסענעם ברונען, מיין האַרץ איז אַן אַנדערע אוועקגעשאָנקען געוואָרען, איידער איך האָב דיך געקענט איך בין פער׳קנס׳ט געוואָרען צו יענעם אונבעקאַנטען גאָט, וועלכען מיין מוטער האָט מיך געלערענט אין די פאַרבאָרגען געבישען צו דיענען. מיט דעם שרעק פאַר טויט און פיי האָט ער מיין ליעבע געוואונען, איהם געהערט מיין ליעבע און מיין לעבען, הערצאָג!

הערצאָג.

און האָסטו מיר קיין וואָרט ניט צו זאָגען, וואָס זאָל נעהרען מיין הונגעריגע נשמה אין די וויסטעניש פון מיין רעשט לעבען: וואָס זאָל מיר אַן אָברוה זיין אין מיין לאַנגע וואַכענדע נאַכט.

דאָנאַ מאַרי.

מיין גאָט איז גרויזאַם, איידעלער הערצאָג, מיינע עלטערען

האָבען אים מיט מארטירען און פייער-הויפענס דיענען גע,
לערענט. ער איז אויפערזיכטיג.

**הערצאָג.**

יאָ, דיין גאָט איז גרויזאַם און אויפערזיכטיג, אַזוי ווי מיין גליק, אַזוי ווי מיין ליעבע. און אַזוי ווי דו צו דיין גאָט, אַזוי איך צו מיין ליעבע. פערשטומען וועט זי אויף מיינע ליפּען, קיינער וועט פון איהר ניט הערען, נאָר טיעף אין די פאַרבאָרגענישען אין מיין האַרץ, ווי דו, וועל איך מיינע יום טובים אָפּריכטען, פאַרבאָרגען פאַר די ליכטיגע שיין. גרויזאַם איז דיין רעליגיאָן, גרויזאַם איז דיין ליעבע, דאָנאַ מאַרי.

הערצאָג אָפּ. אַלע קוקען איהם נאָך.

**לאָפּעץ גאָמען.**

מאַרי, דו ביזט ווערטה צו זיין די טאָכטער פון די איידעלע מאיאר ראדיגוס, דיין מוטער׳ס קערנער פאַרזייהט אין די פאַרבאָרגענישען אין די קעלערס פון ליסאַבאָן, טראָגען פרוכט אין די ליכטיגע זונען-שיין. ניט גע׳סם׳ט האָט די קירכע מיט איהר גיפט דאָס איידעלע בלוט פון די לאָפּעץ-פאַמיליע. עס שטראָמט דאָס אַלטע בלוט, געטראָגען דורך דריי דורות פון נאַכט אין די יונגע אָדערען פון די קינדער. זיי געלויבט, איידעלע מאַרי, פאַר דיין מוטה און שטאָלץ, צוריקגעוואָרפען האָסטו די גיפטיגע קריסטען האַנד, אויסגעשטרעקט צו דיר, בעדעקט מיט די מירטען-בלעטער פון חתונה-קראַנץ. אָ, איך וועל עס דיין מוטער דורך אונזערע געהיימע שלוחים מיטטיילען. אַ נחת און אַ פרייד וועט איהר דאָס זיין אין איהרע אַלטע טעג. בעלויכטעט מיט ניין מאָל ניין אייל געשירען וועלען ווערען די קעלערס פון ליסאַבאָן אין טאָג פון דער בשורה.

**מאַנועל לאָפּעץ:**

ווי לייכטזיניג די קריסטען זיינען — פערטווישען אַזוי גרינג די אייביגע וועלט פאַר אַ ביסעל גליק. אָ, הייליגער פעטער!

ט י ר אַ ד אָ.

פערשטומט זאָל ווערען די צונג, וואָס וועט אונגעצוואונגען דעם נאָמען אויף זיינע ליפּען ברייגגען.

מ אַ נ ו ע ל ל אָ פּ ע ץ.

אָ, איך זינדיגער מענש, גאָט פון ישראל! ווערט בלייך, קוקט זיך אום. אָ, הייליגע מאַריע, וואָס האָב איך דערמאָנט. האָט נאָר קיינער ניט פון קריסטען־פּאָלק געהערט?

ט י ר אַ ד אָ.

ציטער ניט מעהר דעם הייליגען נאָמען אין די עפענטליכ־קייט צו דערמאָנען. נישט מעהר געפינען מיר זיך אין פּי־ליפּ'ס גרענעצען, וואָס ווי גליהענדע צוואַנגען זיינען זיי פאַר די גלויביגע פון אונזער אמונה. און ווען אַפילו די טאָהלען פון נידערלאַנד ליגען אויף יענער זייט, אָבער עס געפינט זיך אויך אין פריעדלאַנד יודישע קהלות, און פריי און אונגעשטערט בעטען אונזערע ברידער צום גאָט פון ישראל אין די האַפען־שטאָדט פון עמדען. און אויך מיר, צום ערשטען מאָל אין אונזער לעבען, און דעם לעבען פון אונזערע עלטערען איז בעשערט פריי און אָפען גאָט'ס נאָמען אָנצורופען. ער ווארפט זיך אויף דער ערד און הויבט אויף די הענד צום הימעל. זיי געלויבט, זיי געלויבט פאַר אַלעס, פאַר אַלצדינג, גאָט פון ישראל!

דער עולם הערט דערשראָקען, קוקען זיך מיט שרעק אום. מאַנועל לאָפּעץ איז זעהר אונרוהיג, אויפגערעגט.

מ אַ נ ו ע ל ל אָ פּ ע ץ.

ניט אַזוי הויך, ניט אַזוי שטאַרק. מען קען דערהערען, אָ, הייליגע מאַריע, הייליגער פּעטער! אַן אונגליק, אַן אונגליק קען חלילה געשעהן.

ט י ר אַ ד אָ

ליגענדיג אויף דער ערד בעט הויך.

אָ, גאָט פון ישראל, דו איינציגער, דו לעבעדיגער, דו אמתער! דו וואָס דו ביזט געוועזן מיט אונז דורך אַלע יאָהרען פון נויט. דו געפּייניגטער, דו אויסגעלייטערטער! דו, וואָס דו ביסט געוועזן מיט אונז אין די פאַרבאָרגענישען

אין די לעכער, און דו האָסט געלויכטעט אונז אין די קעלערס פון ליסאַבאָן; דו, וואָס ביזט געוועזן מיט די קליינע קינדער אין די פאַרמאַכטע מויערען וואָס געריסען האָט זיי עמאַנועל פון זייער מוטערס אָרים. און אין זייערע הערצער האָסט דו אויפבעהאַלטען דיין גלויבען און דיין הערליכקייט און דערטראָגען איהם דורך דריי דורות פון פייער און בלוט; דו, וואָס דו ביזט געוועזן אין די שייטער הויפענס, מיט די וואָס האָבען פאַר דיין גלאָריע און הערליכקייט זייער בלוט ווי ברענענדיג אויל אין פייער אויסגעגאָסען. און זיי האָבען די מעכטיגע דערשראָקען מיט דעם רוף פון דיין נאָמען פון די פלאַמען פייער אַרויס: אָ, דו, וואָס האָסט כוח און מאַכט געגעבען די מאַרטירער איבערצוטראָגען די יסורים, כדי זיי זאָלען פאַר דיין גלאָריע און ריינקייט אויסגעהן: איך רוף דיין הייליגען נאָמען פאַר דיין הימעל און פאַר דיין ערד—אָ, גאָט פון ישראל, עס איז ניטאָ קיין אַנדערער גאָט, אויסער דיר, זיי געלויבט! זיי געלויבט! *ער פאלט צו דער ערד און ליגט א לאנגע צייט. עס ווערט דונקעלער.*

מאַנועל לאָפעץ.

אָ, ניט אַזוי הויך, ניט אַזוי שטארק. עס קען ווער חלילה דערהערען. אָ, הייליגע מאַריע! וואָס וועט זיין? וואָס וועט זיין?

פערעראָ.

דאָס וואָס האָט אויף מיין האַרץ געבריהט פון מיין קינדהייט אָן, ווען מיין מוטער האָט מיר צום ערשטען מאָל פון אונזער גאָט פערטרויט, דאָס וועלען יעצט מיינע ליפען אויסרופען. *ער פאלט אויף דער ערד און רופט.* גאָט פון ישראל, זיי געלויבט! *ער פאלט אין לאָפעץ גאָמעצ'ס אָרים און וויינט.*

לאָפעץ גאָמען.

דו ביסט יונג און דו האָסט כוח דיינע געפיהלען אויסדרוק צו געבען. איך בין אַלט און פון צרות געבראָכען. איך וויים ניט, צי איך לעב, צי איך חלום. אַ הייליגער ציטער געהט דורך מיין לייב. איך זעה מיין מוטער אין איהר

שלייער אין די הייליגע נאַכט, ווען די קעלערס פון ליסאַ-
באָן זיינען מיט אויל-לאָמפּען בעלויכטעט געווען. איך הער
אַ געזאַנג ווי דאָס געזאַנג פון דער נאַכט, ווען מיר האָבען
אין דיין מוטער׳ס קעלער אונזערע נדרים מתיר געווען.
אָ, גאָט פון ישראל, בעשיץ מיך!

מאַנועל לאָפּעץ
(ווייגט.)

ניט אַזוי הויך, ניט אַזוי שטאַרק, איך בין ניט געוואוינט
הויך גאָט צו בעטען. אין דער שטיל, אין דער שטיל. ער
ברומט מיט די ליפּען אין דער שטיל. גאָט פון ישראל! גאָט פון
ישראל, ער קלאַפּט זיך אין האַרץ. עס ווערט טונקעלער. פון דער
ווייטענס דערהערט זיך אַ קלינגען פון אַ קירכע. אלע ווערען דערשראָקען,
אַחוץ טיראַדאַ. דער אלטער מאַנועל לאָפּעץ ציטערט אויף, הויבט זיך
אָן צו צלמ׳ען און צו בעטען הויך. יעזוס, מאַריע!

טיראַדאָ.

פערשטום, אַלטער, רייס אַרויס די שרעק פון דיין קנעכטיש
האַרץ, וואָס די קריסטען בייטשען און די קירכען-גלאָקע,
האָבען אין דיין בלוט אַריינגעיאָגט, פרעמדע קלאַנגען, זאָ-
לען די קלאַנגען אין אייערע בלוט כעס אָנשטאָט שרעק
אויפוועקען. ביי די קלאַנגען זיינען אונזערע לייבער גע-
מאַטערט געוואָרען, ביי די קלאַנגען זיינען אונזערע היי-
ליגע אויסגעגאַנגען.

מאַנועל לאָפּעץ.

איך קען ניט, טיראַדאָ, מיין האַרץ ציטער׳ט אין מיר אויף;
יעדעס מאָל ווען איך הער די גלאָקען קלינגען, מוזען מיינע
ליפּען אַ פאַלשע תפילה מורמלען, אַזוי ווי עס האָבען מיך
געלערענט מיט קאַנטשיק שמיצען די מאָנאַכען פון סט.
יאָנאַס-קלויסטער אין ליסאַבאָן אין מיינע קינדער-יאָהרען.

טיראַדאָ.

אַלט זיינען געוואָרען די אַלטע אין פאַלשקייט, און דער
שקר וואָס איז מיט בייטשען שמיץ ווי בליי אין בלוט איינ-
געזונקען קענען קיין ווערטער ניט פערטרייבען. שמיץ פאַר-
יאָגען קען מען נאָר מיט שמיץ. אָבער איך זעה ניט בלויז

אַלטע, אויך יונגע, וואָס האָבען דעם מוטה געהאַט געגע־
דיגקייטען פון קעניגין אַקעגען צו שטעהן און הערצאָגען
אָפּצושלאָגען, שטעהען פון דער ווייטענס און לויבען גיט
גאָט'ס נאָמען. זיינען זיי אויך ווי די אַלטע פון די קירכען
קלאַנגען בערוישט געוואָרען?

**ד אָ נ אַ מ אַ ר י.**

ניין, טיראַדאָ, איך בין ניט ווי די אַלטע פון די קירכען
קלאַנגען בערוישט געוואָרען. עס ערוועקען אין מיר נור די
קלאַנגען דאָס פאַרשלאָפענע בלוט אין מיינע גליעדער אויף.
זיי וועקען, די קירכען גלאָקען, די קדושים פון זייער רוהע
אויף, און איך זעה זיי, די הייליגע גייסטער, פון די שייטער־
הויפענס אַרויסטרעטען אין זייערע מאַרטירער קליידער אָנ־
געטהאָן. זיי לייגען די קייטען פון זייערע הענט אויף די
מזבחות פאַר גאָט, עס יאָגען זיי די קלאַנגען פון די פייער־
הויפענס אַרויס, און וואָס שטאַרקער עס הערען זיך די
קלאַנגען, אַלץ מעהר קדושים קומען פון פייער אַרויס. עס
וועקען די גלאָקען די פייערען אויף די שייטער־הויפענס.
עס וואַקסען די פייער צונגען, עס שטאַרקען זיך די גלאָקען
און עס רייסט זיך זיין הייליגער נאָמען אין איינעם מיט די
פייער־צונגען און טראָגט זיך אַ לויב פאַר איהם אין זיין
גלאָריעקייט. אָבער ווער בין איך, וואָס זאָל זיין נאָמען
אין די עפענטליכקייט אויסרופען. עס האָט נאָר אַ רעכט
די דיענסט-מויד דעם נאָמען פון איהר הערר אין פאַרבאָר־
גענעם קאַמער, אין די טיעפעניש פון דער נאַכט, אין זיך
מיט ציטערקייט און הייליגען שרעק צו בעריהמען. עס האָט
נאָר אַ רעכט די דיענסט-מויד דאָס קלייד פון איהר הערר
מיט ציטערענדען בליק און הייליגען שרעק פון דערווייטענס
צו בעטראַכטען. איך בין נאָר די גרינגסטע פון די דיענס־
טען. נישט פאַר מיר צימט זיך צו לויבען גאָט. נאָר אויפ־
געצעהרט צו ווערען אין די ענטציקטע בעגעהרעניש מיט
זיין הערליכקייט זיך צו בעהעפטען.

**מ י ר אַ ד אָ.**

עס לערנט אונז מאיאָר ראַדיגוס טאָכטער, ווי אַזוי גאָט צו

פערהערליכען. עס רעדט פון דיר די בענקשאַפט אַרויס אָנגעזאַמעלט דורך דריי דורות איידעלע טאָכטער פון איידעלע עלטערען. עס רוישט דאָס איידעלע גאָמעצס בלוט אין דיינע אָדערען. ווערטה ביזטו צו זיין די טאָכטער פון דיינע עלטערען. איידעלע דאָנאַ גור ניט מעהר ווערסטו דעם לויב צו אונזער גאָט אונטער פערמאַכטע טהירען, אין פערשטיקטע קעלערט אָפּריכטען, מעכטיג מיט די שווערד פון גאָט האָט דער איידעלער פּרינץ פון אָראַניען אָפּגעשניטען די גיפטיגע צונג פון די שפּאַנישע שלאַנג, וואָס האָט זיינע טאָהלען מיט קריסטען שנאה און קירכען שרעק פּאַרסם׳ט. פריי דינען די פעלקער פון דער וועלט צו זייער גאָט, אויף די בעבלימעלטע טוליפּאַנען-טאָהלען פון נידערלאַנד. אויך ריכטען אָפּ אונזערע ברידער זייער דיענסט צו גאָט פריי און אונגעשטערט אין די האַפען-שטאָדט פון עמדען, אויפזוכען וועלען מיר אונזערע ברידער, און מיר וועלען זיך געבען צו זיי ערקענען. פלינק לאָזען מיר אָפּטרייסלען פון זיך די אַרויפגעצוואונגענע קריסטליכע פאַלשקייט, וועלכע לאַסטעט אויף אונזערע נשמות ווי אַ שווערע קראַנקהייט. און אַרויספיהרען וועלען מיר די הערליכקייט פון גאָט פון די בעהאַלטענע קעלערס פון ליסאַבאָן אויף די פרייע ליכטיגע שיין.

**לאָפּעץ גאָמען.**

אָ, טיראַדאָ, עס רעדט פון דיר די חכמה פון גאָט.

**פערעראָ.**

אויסמישען וועלען מיר זיך מיט די וואָס זיינען געשטאָרבען אין מאַרטירער-טויט. גלייך וועלען מיר ווערען צו זיי.

**מאַנועל לאָפּעץ.**

נישט אַזוי הויך הייליגער אנטאָניוס. האָט רחמנות!

**טיראַדאָ.**

ציטער ניט, אַלטער מאַן. אויפמויערן וועלן מיר אויף די טאָהלען פון נידערלאַנד אַ שוהל אַזוי גרויס ווי די קאַטעדראַל פון ליסאַבאָן. רייכער אין אָרנאַמענטען פון „על-טיראַנ-סיטאָ" איידעלער אין פאָרם פון „סט. מאַריאַ לא בלאַנקאָ".

פ ע ר ע ר אָ.
די הייליגע צוויי שוהלען וואָס זיינען אונז פון קריסטען הענד גערויבט געוואָרען.

ט י ר אַ ד אָ.
עס מוזען אין עמדען יודען זיין, געה, גאָמען, אויף יענער זייט מאַרק און קוק אין די הייזער אַריין אפשר וועסטו וועמען פון אונזערע ברידער טרעפען. איך אויף דעם זייט מאַרק.

ג אָ מ ע ן.
איך ווייס ניט ווי אונזערע ברידער זעהען אויס. איך האָב קיינמאָל קיין יודען ניט געזעהן.

ט י ר אַ ד אָ.
איך ווייס אויך ניט. דאָך וועט מיר דאָס האַרץ זאָגען.

ג אָ מ ע ן.
קענסטו מיר ניט געבען קיין סימן, אַ צייכען, אין וועלכע טהירען אָנצוקלאַפּען?

מ אַ נ ו ע ל ל אָ פּ ע ץ.
איהר זאָלט חלילה ניט אין קריסטען טהירען אָנקלאַפּען, און זאָגט ניט ווער איהר זייט. פאָרזיכטיג זאָלט איהר זיין, אַן אונגליק קען חלילה געשעהן. איך געדענק, ווען איך בין אַ קינד געווען, האָט מיר מיין זיידע דערצעהלט אין טונקעלע הייט פון אָבענד וועגען יודען וואָס לעבען גאַנץ ווייט, אַ־ווייטע לענדער פריי און אָפען, און זיי האָבען פאַר זייערע טהירען אַ פּאַרמענט הענגען מיט פסוקים געשריבען אין דער הייליגער שפּראַך. און וואו עס הענגט אַזא פּאַרמענט פאַר אַ טהיר, ווייסט מען, אַז דאָרט וואוינען יודען.

ל אָ פּ ע ץ ג אָ מ ע ן.
ש—ש—ש... בויגט איין אייערע אויערן, וועל איך אייך עפּעס אָנפערטרויען (אַלע בייגען איין די אויערען): מיין מוטער האָט מיר עפּעס אָנפערטרויט איידער מען האָט מיך פון דער היים אַרויסגענומען, מיך אין קלויסטער אַריין, איך זאָל געדענקען איין וואָרט. ווען איך וועל טרעפען אַ יודען, זאָל איך דאָס

וואָרט אין אויער איינרוימען. עס איז אַ צייכען, וואָס איין יוד גיט דעם אַנדערען זיך צו דערקענען. רוף איהם אין אויער דאָס וואָרט שרי אַזוי וועסטו גלייך וויסען.

טיראַדאָ.

דו האָסט רעכט, אַלטער לאָפּעץ, מיין מוטער האָט מיך דאָס וואָרט אויף זאַמד לערנען געלערנט, אָבער עס איז שוין לאַנגע יאָרן. איך ווייס ניט, אָבער איך וועל עס געדענקען.

לאָפּעץ גאָמעץ.

אַז איך וועל זעהן די הייליגע ווערטער, וועל איך זיי גע-דענקען. טיראַדאָ געהט אַרום פון איין זייט מאַרק און די אַנדערע אין די אַנדערע זייט. מאַרי און פּערעראָ בלייבען איבער ביי די זעק.

מאַרי.

ווייסטו נישט, ברודער, ווי ער זעהט אויס, דער יודישער גאָט? איז ער בלאָנד, ווי דער קריסטען גאָט, אָדער ברונעט?

פּערעראָ.

איך האָב קיינמאָל זיין בילד ניט געזעהן. אין ליסאַבאָן האָט מען זיינע בילדער ניט געטאָרט ווייזען.

מאַרי.

איך טראָג זיין געשטאַלט אין מיין האַרץ. אָ איך ווייס, ווי עס זעהט אויס דער יודישער גאָט. איך קען זיין געזיכט.

פּערעראָ.

ווי דאַכט זיך דיר, שוועסטער, זיין געזיכט?

מאַרי.

איידעל ווי אויס עלפאַנטביין געשניטען. אָ דער געפיינגיגטער אַ מאַרטירער=קראַנץ דריקט זיינע זיידענע געלאָקטע האָר און עס טריפט פון זיי בלוט. די אויגן זיינע זיינען צוויי וואונדען בעזעצט מיט צוויי סאַפיר שטיינער. זיין מויל איז ווי אַ מילגרוים, ווען זי ברעכט זיך פון די בלומען אַרויס אַ גרימאַסע פון צער דעקט אויף זיינע בלומען ליפּען. און עס קוקען אַרויס זיינע העלפאַנטביין געשניצטע צייהן. ווי פּעריל טראָפּען וואָס גלאַנצען אויף שוואַרצען בראָקאַר, אַזוי גלאַנצען זיינע צייהן אַרויס. און שוואַך איז ער ווי

אַ קינד, ווי אַ יונגער שעפּס, וואָס איז פון וועלף אָפּגעהעשט
געוואָרען.

פּ ע ר ע ר אָ.

שוועסטער, עס רעדט פון דיר די פּייכטקייט פון די קלויס-
טער ווענד, ווי די נאָנעס האָבען דיך געלערענט. ניט שוואַך
איז אונזער גאָט און קראַנק. שטאַרק איז ער און אַלט, אַלט
ווי אַן אַלטער איילבּירטען בוים, אָבער נאָך בּליהענדיג ווי
אַ יונגער ציטראָן. עס שיסט זיין געשטאַלט אין דער הויך
ווי אַ שטאַרקער, אַלטער פּאַלם בוים. זיינע האָר פון קאָפּ זיי-
נען פיעל, און לאַנגע גרייז גראָהע לאָקען פאַלען זיי איבער
זיין שטאַרקען נאַקען, ווי קאַסקאַדען איבער שטיינער אַראָפּ.
זיין שטערן איז גרויס און גלאַנצענדיג ווו אַ האַלבּע לבנה.
און זיינע אויגען זיינען שטאַרק, בּרענענדיג ווי צוויי זונען.
אין זיינע הענט האַלט ער די עקען פון די וועלטען און די
ימים. אין זיין קלייד האַלטען זיך אויף די ווינטען, און די
שטורמען, און טרעט ער, טרעט ער איבער געטער און געט-
צען, וואָס קאָרטשען זיך און קנייטשען זיך ווי ערשראָ-
קענע ווערים אונטער זיינע פיס. און עס יאָגען די ווינטען
פון זיין מאַנטעל'ס פאַלדען איבער ימים און וויסטען ווען
ער טרעט איבער דער וועלט. דאָס איז דער יודישער גאָט.

ד אָ נ אַ מ אַ ר י.

אָ, בּרודער, ווי מעכטיג ער איז. איך ציטער פאַר איהם —
ווי אַזוי קען מען שטעהען אין זיין געזיכט?

ט י ר אַ ד אָ ׳ ס ש ט י מ ע

פון דערווייטענס.

קומט אַהער: אלע זאמלען זיך פאר א טיר פון א קליין הייזעל וואָס
שטעהט איינגעקאָרטשעט אין מיטען מארק.

ט י ר אַ ד אָ

ווייזט אויף א גרויסע מזוזה וואָס הענגט פאר דער טיר.
זעהט!

מ אַ נ ו ע ל ל אָ פּ ע ץ.

מען קען ניט וויסען׳ זייט פאָרזיכטיג. מען ווייסט ניט אויף
וועמען מען וועט אָנטרעפען.

**טיראַדאָ.**

אותיות שטעהן אויפ׳ן פּאַרמענט געשריבען. איך ווייס ניט אויב זיי זיינען פון דער הייליגער שפּראַך. נור איך מיין, אַז זיי זיינען עהנליך צו די וואָס מיין מוטער האָט מיך גע־לערנט אין זאַמד לעזען. זיי קומען מיר אַזוי בעקאַנט פאָר!

**לאָפּעץ גאָמעז.**

יאָ, איך דערקען זיי, ווען איך בין געוועזן אין טאָלעדאָ, אין דער קירכע „על טיראַנסיטא", אין דער אַלטער שוהל וואָס די גוים האָבען פון אונז אַוועקגענומען, זיינען אויף די ווענט אַזעלכע אָרנעמענטען אויסגעמאָהלט געוועזן.

**טיראַדאָ.**

גאָט, עפען אויף מיינע אויגען, אַז איך זאָל דיינע הייליגע ווערטער קענען לעזען, און גיב צוריק מיין צונג איהר קלאַנג, אַז זי זאָל דיינע הייליגע ווערטער נאָכזאָגען קענען *ער קוקט זיך גוט איין צו די ווערטער.* אָ, איך געדענק, עס איז דערזעלבער נאָמען וואָס מיין מוטער האָט מיר אין זאַמד לעזען געלערנט. דאָס ערשטע איז אַ ש—ש—שד—יא! דאָס הייליגע וואָרט—*וואַרפט זיך אויף די קניע.* שדי!

**די אַנדערע**

*אין איבערראַשונג אין עהרפורכט.*

שדי!

**דאָנאַ מאַרי.**

אָ ווי אַ קלאַנג פון אַלטע צייטען קלינגט די שטימע אין מיר און וועקט עפּעס אויף אין מיר — הערסטו ניט, ברודער, אָרגעל שפּיעלען?...

**מאַנועל לאָפּעץ**

*וואַרפט זיך אויף דר'ערד.*

אָ. מוטער, מוטער, וויעדער הער איך דאָס וואָרט, וואָס דו האָסט מיר אין אויער געראופען דאָס לעצטע מאָל ווען איך האָב דיין אַלט געזיכט געזעהן, ווען מען האָט מיך אַוועק־געריסען פון דיר: שדי!

טירא דאָ

קלאַפּט אין טיר.

ברודער, יודען, עפען אויף! עפען אויף!

**אַ שטימע פון אינוועניג.**

ווער דאַרט? דאָ וואָהנען נור אָרימע יודען.

טיראַדאָ

מיט פרייד.

אַן אָרימער יוד—יוד—אַ ברודער־הארץ קלאַפּט אויף דער טיר—עפען אויף, און לאָז אונז אַריין.

ר׳ אורי הלוי

אַן אלטער יוד, מיט דערשראָקענע אויגען, קוקט ארויס פון אַ קליין פענסטערל איבער דער טיר.

ווער דאַרט? דערזעהט די הערן אין גאָלד און שווערדען, ווערט נאָך מעהר דערשראָקען, רופט אין שטוב אריין. שרה, געשווינד, אַ געלאָף, מענער אין דרויסען! קלאַפּט צו דאָס פענסטערל נאָך זיך.

טיראַדאָ.

עפען אויף, עפען אויף! הערסטו ניט ווער עס רופט? ברידער ווארטען הינטער דער טיר—יוד—יוד!

ר׳ אורי הלוי

שטעקט ווידער ארויס דעם קאָפּ דורכ׳ן פענסטערל.

אָ, איידעלע הערשאַפט, די איידעלע הערשאַפט איז זיך טועה, האָט אַודאי זיך געאירט. זאָלען די איידעלע הערשאַפטען טויזענד מאָל פערגעבען, דאָ וואָהנט נור אַן אָרימער יוד.

טיראַדאָ.

אַ ווייטער און נאָהנטער, ברידער און דאָך, פרעמדער, צו דיר איז עס וואָס ברענגט אונז פון אַ ווייטען וועג.

ר׳ אורי הלוי.

די הערשאַפט איז וואויל געפעליג צו לאַכען אויס אַ יוד. וואָס קענען אַזעלכע איידעלע הערשאַפטען זוכען ביי אַ יוד? קיין סוחר פון אַלטוואַרג בין איך ניט. אויך האַנדעל איך ניט מיט סאַמעט און זיידענס. איך בין נור אַן אָרימער רב פון דער קהלה פון עמדען. און מיין שטוב איז מיט קיין

אַנדערע אוצרות ניט פול חוץ מיט יודישע ספרים, וואָס האָבען אַנוצען בלויז פאַר אַן אָרימען יודען.

ט י ר אַ ד אָ.

דער רב פון עמדען, אָ, דו ביזט עס, איידעלער רבי וואָס מיר לעכצען זעהן. דו ביזט עס דער וואונדער־דאָקטאָר וואָס קען היילען אונזערע קראַנקע נשמות. דו ביזט עס, פאַר דיר האָבען מיר פאָטערלאַנד, רייכקייט און היים געוואָרפען און דער אונזיכערקייט פון ים זיך איבערגעבען, עפען אויף, איידעלער רב, דיין טיר, און לאָז אונז אַריין. וויכטיגע בשורות האָבען מיר דיר אָנצוזאָגען. שנעלער עפען אויף די טיר.

ר׳ א ו ר י ה ל ו י.

איך בין זיכער אַז די איידעלע הערשאַפטען זיינען זיך טועה. דאָס ווילען זיי דעם פירשט פון עמדען בעזוכען, דעם איידעלען שטאָטס־הערר, אָדער גאָר צום שלאָס, צום הערר פון פריעדלאַנד.

ט י ר אַ ד אָ.

אַלע דוקסען און הערען פון עמדען מיט דעם פירשט פון פריעדלאַנד פאַר די טאָוולען פון איינעם פון דיינע ספרים, אַלטער רב פון עמדען. עפען אויף, עס שטעהען פאַר דיר יודען!

ר׳ א ו ר י ה ל ו י

פערזוואונדערט.

יודען! כאפט זיך צוריק. אָ, ניט אַזוי הויך, שכנים קענען דערהערען, אַן אומגליק קען חלילה פּאַסירען, נור איין קליין וויל. איך וועל אָנטאָן מיין שבת-קאַפּטען לכבוד די בכבוד׳ע געסט. פערמאכט דאָס פענסטערל.

ר׳ א ו ר י ה ל ו י

קומט ארויס פון די אָפענע טיר, א קליינער אלטער יוד, איינגעבויגען אין דרייען. דערזעהט זיי מיט זייערע שווערדען, דערשרעקט ער זיך נאָך מעהר.

אַז די איידעלע הערען איז בעליעבט מיר דעם גרויסען

כבוד אָנצוטאָן און צו בעעהרען מיין אָרימע שטוב מיט אַזאַ הויכען ווי.יט—איך בעט איבער טויזענד מאָל, איך בין אייער אונטערטעניגער דיענער. פערנייגט זיך פאר זיי זעהר טיעף. טיראדאָ בעהט אריין אין שטוב, די אנדערע נאָך איהם. די טיר פערמאכט זיך.

---

# צווייטע סצענע.

א יודישע שטוב אין די ענדע פון זעכצעהנטען־יאהרהונדערט אין דייטשלאנד.

ר׳ אורי הלוי

וועלכער קומט אריין נאך דעם עולם, פערבויגט זיך ווידער פאר זיי.

מיין שטוב איז ארים, און איז ניט צוגעגרייט אויפצונעהמען אזעלכע הויכע געסט ווי עס צימט זיך פאר זייער שטאנד. זאלען די איידעלע הערשאפטען טויזענד מאל מוחל זיין.

טירא דא.

ווירדיגער מאן, פערשעם ניט דאס הייליגע קלייד, און דעם הייליגען אמט וואס דו פערנעמסט. נישט דיר צימט זיך צו בייגען זיך פאר אונז און בויגען זיך אין דרייען—נור מיר פאר דיר. בויגט זיך פאר איהם.

ר׳ אורי הלוי.

דאס הויז פון יעקב איז פערלאזט און דאס הויז פון ישראל איז פערשעמט. ניין, איידעלע הערשאפטען, ערניעדעריגט ניט אייער ווירדע צו בויגען זיך פאר א יוד.

טירא דא.

ניט קיין קריסטען־הערצען מיט פאלשע צונגען שטעהען פאר דיר, וואס האבען צוטרעטען אונזער הערליכקייט און דעם לויב פון גאט צו שטויב געמאכט. יודען אזוי ווי דו, קינ־דער פון ישראל.

ר׳ אורי הלוי.

ניט אזוי הויך. שכנים קענען חלילה דערהערען, און א בלבול אויסטראכטען אויפן יוד. זאלען די הערשאפטען מוחל זיין, איך וועל נור זעהן אויב קיינער הערט, אויב קיינער זעהט ניט: אויב דאס פענסטער איז גוט פערמאכט און די טיר גוט פערריגעלט. געהט, קוקט נאך אויב פענסטער און טירען זיינען פערמאכט. פערשטעלט דאס פענסטער. קומט צוריק, קוקט זיי אן האלב

מיט שרעק, האלב פערוואונדערט. **שלום עליכם, יודען!** גיט זיי די האנד. **פון וואַנען קומען יודען צוגעהן?**

**טיראַדאָ.**

פון פּאָרטוגאַל, וואו שקר איז אונזער שפּייז געוועזן און פעררעט דער באָדען אונטער אונזערע פיס. בייטאָג זיינען אונזערע ליפּען מיט פאַלשקייט פול געווען, און קוים איז נאַכט געוואָרען, און די קנויטען האָבען זיך אין די אוילגעשירען געלויכטען, פענסטער און טירען פאַר נייגעריגע אויגען דורך שווערע טעפּיכער פערהוילען, האָבען מיר אין די קעלערס געבעדערט, אין געהיימע שוהלען גאָט געבעטען, אַז ער זאָל אונזערע זינד פערגעבען און אונזער פאַלשקייט ניט געדענקען, ביז געיאָגט פון בענקשאַפט צו אונזער אמונה זיך צו בעקעהרען האָבען מיר זיך דעם ים אָנפּערטרויט. אָ, פיעל געפאַהרען זיינען מיר אויסגעשטאַנען, פון פּיראַטען-שיפען געיאָגט, פון שטורמען-וועלען אויסגעשפּיגען ביז געלענקט האָט גאָט אונזער וועג און אונז פאַר דיין שוועל געבראַכט, ווי פערבלאָנדזשעטע שאָף צוריק צו זייער סטאַדע. עפען אויף פאַר אונז די קוואַלען פון גאָט'ס לעהרע, מיר זיינען דורשטיג, הייליגער פּאַסטוך, טרינק אונז אָן, און נעהם אונז צוריק אין גאָט'ס טשערעדע אויף.

**ר' אורי הלוי.**

און גאָט האָט געוואַרעמט די אמונה אין אייער האַרץ דורך די אַלע יאָהרען פון דער נויט. געלויבט זאָל זיין גאָט דערפאַר. גרויס זיינען גאָט'ס וואונדער, ווער קען זיי אָבשאַצען. געלויבט זאָל זיין גאָט'ס נאָמען אויף אימער און אויף אייביג.

**מאַנועל לאָפּעץ.**

אמן.

**ר' אורי הלוי.**

און וואָס ווילט איהר יעצט טאָן?

**טיראַדאָ.**

מיר ווילען צוריק ווערען יודען, אויפגענומען ווילען מיר ווערען אין גאָט'ס קהלה, ווירדיגער רב.

ר׳ אורי הלוי.

מיט גאָט׳ס הילף, און גאָט׳ס גענאָד. אָבער עמדען איז אַ קלײנער מקום, און פיעל אויפזעהן וועט עס ערוועקען, ווען אַזעלכע אײדעלע הערען וועלען זיך צו יודען בעקעהרען. דאָס מקום איז פול מיט רשעות, גוים שכנים קענען חלילה דערהערען—אַזעלכע אײדעלע הערען זײנען יודען געוואָרען, אַן אָנגעלאָף קען חלילה ווערען. עס איז ספנות נפשות. מען דאַרף עס גוט איבערטראַכטען, גוט איבערקלערען

מאַנועל לאָפעץ.

דאָס וואָס איך זאָג, פאָרזיכטיג מוז מען זײן מען קען חלילה דערהערען. געהט צו צום רב, און רעדט מיט איהם אין דער שטיל מיט שרעק.

אַלע ווערען פערוואונדערט.

לאָפעץ גאָמעז.

זעהט, בײדע זײנען זײ גלײך.—בײדע פיהרען אײן שפּראַך.

דאָנאַ מאַרי

צום ברודער.

זײנען האָס יודען! זעהען אַזוי די ריטער פון גאָט פון ישראל?

פערעראָ.

איך וויים נישט שוועסטער, איך האָב געמײנט, אַז ערגעצוואו לעבען שטאָלצע פרײע יודען, ריטער פון גאָט פון ישראל מיט מאַרטירער־בלוט און העלדען־מוטה געצײכענט, אײנער אין אײנער.— זאָלען דאָס זײן יודען?— צו זײ זאָלען מיר ענלײך זײן טיראַדאָ?—

טיראַדאָ.

איך ווײס ניט פערעראָ, פערוואונדערט שטעה איך ווי דו ער ווענדעט זיך צום רב. אויך דו ווירדיגער רב, שעפער פון אַ הײליגע סטאַדע, בעוואָפענט מיט גאָט׳ס אמונה, ציטערסט ווי אַן אָפגעטרײסעלטער בלאַט, קוקט אויף מאנועל, ווי אַן אַלטער קירכען־שקלאַף? טרעטען דען ניט, אונזערע פיס אויף דעם פרײען באָדען פון פרײעדלאַנד, וואו אמונות זײנען פרײ און יעדער דיענט צו זײן גאָט? אָ, הערט אויף צו ציטערען.

פיהרט אַרויס די ליעבּ פון גאָט פון די פערשטיקטע קעלערען און זאָל זי אויפפלאַמען אין איהר גאַנצער גלאָריע און פראַכט ווי אַ גרויסע הערליכע זון. געבראַכט האָבּען מיר מיט אונז געלד גענוג דאָס לאַנד צו בּערייכערן, און האַנדעל אָנצופיהרען מיט'ן מזרח: און בּויען וועלען מיר אַ שוהל פאַר גאָט אַזוי גרויס ווי די קאַטעדראַל פון ליסאַבּאָן, פערשעהמען זאָל זי מיט איהר פראַכט און גלאַנץ די הייזער פון די פאַלשע געטער, אַ ליכט-טורם זאָל זי שטעהן אויפ'ן בּרעג פון דעם שפּאַנישען ים און לייכטען זאָל זי פאַר די מאַראַנען וואָס וועלען אָנקערען בּיי איהר פון דעם פינסטערען ים אַרויס.

ר' אורי הלוי.

גאָט'ס ליעבּ מעסט מען נישט מיט די הויכקייט פון זיינע שוהלען.

פערערא.

ווירדיגער רב, איך האָבּ אין דער נאַכט בּעפאָר מיר האָבּען ליסאַבּאָן פערלאָזט פון אַלטאַר פון דער הייליגער מאַריאַ פון דעם קאַטעדראַל פון ליסאַבּאָן, אַ טובל-בּעקען אַראָבּגענומען. עס איז אַן אַלטעס זילבּער-שטיק, צוגענומען פון אַן אַלטער שוהל אין טאָלעדאָ. אויסגעהאַמערט שטעהען נאָך דאַרויף די נעמען פון מיינע פעטערס, די פערעראָס, וואָס בּעוואַנדערט האָבּען זיי שפּאַניען אין די צייטען פון דעם גרויסען כאַליף אל ראהמאַן דער ערשטער. געוואונען האָבּ איך דאָס פאַמיליען שטיק מיט דער סכנה פון מיין לעבּען, און אַצ׳ לעג איך עס צו דיינע פיס ער לעגט צו די פיס פון רב אַ זילבּער-בּעקען אַ מתנה פאַר דער נייער שוהל.

דאָנאַ מאַרי.

פון מיין קינדהייט אָן האָבּ איך אַ פרוכת-שטיק פאַרן יודישען גאָט געשטיקט. אויף אַ רויטען וועלוועט-שטיק ווי מיט זאַפט פון ווייַנטרויבּען בּעגאָסען, האָבּ איך פאַר איהם אַ גאָרטען געפלאַנצט פון פאָרטוגאַל'ס בּלומען און פרוכטען. עס לעבּט אין גאָרטען יעדעס בּלעטעל מיט זיין טונקעל-גרין קאָליר, ווי דאָס ליכט פון אַ געדיכטען וואַלד נאָך אַ זאַפטיגען רעגען.

עס גיסט זיך אין די טרויבען דער ווײן מיט אַרויט ליכט
עס בליהען אויף איהם די מילגרוימען אין רויטען פלאַם.
און יונגע אָראַנזשען, צווישען ווײס-קערענדיג בליהעכטס
פלאַמען זיך אין דער זון. געבאָרגט האָב איך דער מילגרוים
די פאַרב פון ברושטין, און דעם אָראַנזשען-בליהעכטס דעם
געל-קרים ליכט פון עלפענביין וואָס גלעט אַזוי דעם בליק,
אַריינגעגאָסען אין די טרויבען האָב איך דעם ווײן פון רובין-
שטיין און פון סאפיר דאָס בלויע ימים'דיגע קאָליר — אין די אָלי-
ווען פון איילשטאָק. אין מיטען פון מיין טעפּיך-גאָרטען האָב איך
אַ שטאַכער-בוש אויפגעפלאַנצט. פריש בעהאַלטען זיינע נאָדעל-
בלעטעל, אָבצופליקען יעדען טאָג אַ פרישען קראַנץ פון איהם
צו בעצירען דעם מאַרטירער-קאָפּ פון יודישען גאָט. צוגע-
דריקט האָב איך דעם שטאַכעל-בוש פון מיין טעפּיך-גאָרטען
יעדע נאַכט צו מיין ברוסט, אַז ער זאָל טרינקען פון מיין
בלוט, בליהען זאָל ער אויף דעם קאָפּ פון גאָט. און לייכטען
ווי אַ ליכט. געפיהלט האָב איך זיינע נאָדעל-שטאָכען, גע-
שטאָכען האָבען זיי מיין ברוסט, זיס איז מיר געווען דער
שמערץ, און אָנגענעהם דער שטאָך — פאַר דער גלאָריע פון
גאָט. געבראַכט האָב איך מיין טעפּיך-גאָרטען צו בעצירען
די ווענד פון שול — און איך שפּרייט איהם אויס פאַר דיינע פיס.
זי לעגט פאר דעם רב דעם טעפּיך אַ געשאַנק פאַר דער נייער שוהל.

## לאָפּעץ גאָמען.

עס האָט געמוזט די פאַמיליע לאָפּעץ צו יעדען פסח, אין
די קאַטעדראַל פון ליסאַבאָן, אַ קירכען-קלייד מיט איידעל-
שטיינער אויסגעזעצט צו געשמאַק מאַכען, אַ צייכען פון
גוט-קריסטליכקייט. דאָס נייע קירכען-קלייד איז בעשטימט
פאַר'ן גרויס-אינקוויזיטאָר פאַר דעם נייעם „אָטאָ דע פע".
אויסגעהאָפטען מיט פערל אויף גאָלדענעם בראָקאַר דאָס
בילד פון געקרייציגטען, און אַלס שטראָף פאַר דער זינד
פון די יודען האָט די לאָפּעץ-פאַמיליע זייערע פאַמיליען-
שטיינער אין דעם צלם געמוזט איינגעהען, פאַר קריסטוס
הערץ האָט די פאַמיליע לאָפּעץ אין דעם לאַנד פון
סולטאַן שלוחים געשיקט אויסצוגעפינען אַ רובין אַזוי גרויס

זוי אַ וועלשענער גוס, דאָס האַרץ פון גאָט מיט איין שטיין אויסצופילען. די קריסטען אויפ׳ן קלייד האָבען געמוזט מיט איידעלשטיינער זיין בענעהם: די יודען, אַלס צייכען פון שאַנד, מיט בלויז צין. אָבער אָבגענאַרט האָבען מיר די קירכען־פּאָטערס, און אונטער די צינענע פיגורען פון די יודען האָבען מיר מיט איידעל גאָלדענע שטיק אידישע פּסוקים אויסגעהאָפטען, און אונטער די איידעלשטיינער פון צלם האָבען מיר מיט צין אויסגענעהט „משיח איז נאָך ניט געקומען”. דאָס נייע קירכען־קלייד וועט שוין ניט די קאַטעדראַל פון ליסאַבאָן בעציערען. צו דיר האָבען מיר עס געבראַכט, ווירדיגער רב. פאַר די כהנים׳ס פיס אויסצושפּרייטען, פערשפּרייט פאַר איהם דאָס קירכען־קלייד. אַ מתּנה פאַר דער נייער שוהל.

**מ אָ נ ו ע ל ל אָ פּ ע ץ.**

איך האָב קיין איידעלשטיינער געבראַכט, אויך ניט גאָלד און זילבער. איך טראָג אויף מיין האַרץ אַ מעטאַלענעם צלם וואָס אָנגעטהאָן האָבען מיר אויפ׳ן האַרץ די מאָנאַכען פון קלויסטער סט. אַנטואַן, ווען מען האָט מיך צו זיי אַלס קינד געבראַכט. געגליהט האָבען זיי צוערשט דעם צלם אין פלאַמענדיגען פייער, און ווען רויט־גליהענד ער איז געווען האָבען זיי מיט איהם זיין פאָרם אויף מיין האַרץ אויסגעבריהט, אַלס אייביגען צייכען פון שאַנד. בעהאָפטען האָט ער זיך צו מיין לייב, אַז קיינמאָל וועט ער זיך מיט מיר ניט שיידען. געקלונגען האָט ער דורך אַלע יאָהרען אויף מיין האַרץ, ווי די שקלאַפען־קייט אויף די הענד פון שקלאַף, אַזוי איינגעוואַקסען איז ער געוואָרען צו מיין לייב. ליעב איז מיר געוואָרען דער פרעמדער קערפּער, זיס זיין פיין. געוואונען האָט ער מיין האַרץ מיט דעם צער, געבעטען האָב איך צו איהם אין שעה׳ן פון נויט, געבראַכט האָב איך איהם צו דיר, ווירדיגער מאַן, און איך לעג איהם צו דיינע פיס, אַ רעליקוויע פאַר דער נייער שוהל. ער לעגט דעם צלם צום רב׳ס פיס.

דער רב קוקט זיך פרעמד אַרום און שווייגט. אַ לאַנגע פיינליכע פויזע.

טיראַדאָ.

דו שווייגסט, ווירדיגער אַלטער, האָסטו פאַר אונז קיין וואָרט פון ערמוטיגונג ניט צו זאָגען, וואָס זאָל אויפפרישען ווי דער רעגען אונזער געמיטה און אונזער ווילען. די קינדער זיינען יונג. ער ווייזט אויף מערי און פעריערא. און שטעהען פערפרעמדט ווי פערטריקענטע פרוכט, פערדורשט נאָכ׳ן רעגען. אָדער אפשר מיינסטו, אַז אונזער פערמעגען איז ניט גרויס גענוג אויפצובויען אַ שוהל אַזוי גרויס, ווי עס פּאַסט זיך פאַר דער גלאָריע פון גאָט—אין אונזערע זעק האַלטען זיך נאָך אויף אוצרות גענוג אויסצופלאַסטערן דעם באָדען פון דער שוהל מיט גאָלד און איידעלשטיינער. שטיינער און העלצער האָבען מיר נאָר אין ליסאַבאָן געלאָזען. אַלעס וואָס מיר האָבען געהאַט אין גאָלד און איידעלשטיינער און איידעל-געוועב האָבען מיר אויף דער שיף געלאָדען. זי שטעהט אין האַפען פון עמדען, בעוואַכט פון אונזערע מענשען.

ר׳ אורי הלוי.

איך ווייס ניט וואָס צו ענטפערען, איך ווייס ניט וואָס צו זאָגען. פרעמד זיינען מיר אייערע רייד, און איך ווייס ניט וואָס איהר מיינט. מיט גאָלד און איידעל-געוועב ווילט איהר גאָט דיענען? גאָלד און זילבער פּאַסט זיך פאַר׳ן שטאַרקען מאַן. און מיר זיינען אָרימע יודען, אונזער שוהל בעדאַרף קיין ציערונג ניט נור הויכע פיער ווענד און אַן עמוד טיעף אין דר׳ערד איינגעגראָבען, און אַ צובראָכען האַרץ, און אַ שווער געמיטה—ווי עס פּאַסט פאַר אַ יוד.

אַלע קוקען איהם אָן פערוואונדערט, ערשראָקען.

טיראַדאָ.

און ווי אַזוי בעט איהר ווי קנעכט, אין אַן אָרימער שוהל. אָהן גאָלד און אָהן איידעלשטיק, מיט וואָס בעשיינט איהר זיין גלאָריע? מיט וואָס פערהערליכט איהר זיין נאָמען?

ר׳ אורי הלוי.

מיט אונזערע צרות און פיין, איידעלער העהר.

לאָפּעץ גאָמעז.

און אָהן אַ קירכען-קלייד, אָהן איידעלשטיינער בעזעצט?

דאָנאַ מאַרי.

און וואו איז זיין בילד? צו וואָס בעט איהר? ווי זעהט ער אויס, אונזער גאָט? ווי איז זיין געשטאַלט? איז ער בלאָנד ווי דער קריסטען-גאָט? טראָגט ער אַ שטאַכעל-קראַנץ אויף זיין מאַרטירער-קאָפּ?

ר' אורי הלוי.

איך פערשטעה ניט וואָס די יונגפרוי מיינט. אונזער גאָט האָט קיין בילד און קיין געשטאַלט, חלילה.

פּערעראָ.

און וואָס זעהט איהר ווען איהר בעט?

ר' אורי הלוי.

מיר פערמאַכען די אויגען, און מיר זעהען זיין הערליכקייט פול איבער דער גאַנצער וועלט.

דאָנאַ מאַרי.

וואָס, קיין בילד און קיין געשטאַלט? קיין בלוט רינט ניט אויס זיינע וואונדען? קיין לייכטענדער שטאַכעל-קראַנץ לייכט ניט פון זיין מאַרטירער-קאָפּ, און עס רינען ניט מיט טייערע רובינען די טראָפּענס בלוט פון זיין האַרץ, און עס שימערען ניט מיט בלויע סאַפּירען די וואַסער-וועלען אויף וועלכע ער טרעט, און עס רויכערט ניט מיט פּערל-רעגען דער וואָלקען רויך איבער זיין קאָפּ? צו וועמען זאָל איך בעטען? וועמען זאָל איך ליעבען אין טיעפער איניגסטער ברוסט? וועמעס קלייד זאָל איך קושען מיט ציטרע ליפּען אין זיסער פערציקטקייט? וועמעס דיענסט זאָל איך זיין, פאַר וועמען זאָל איך אויף מיינע קניע פאַלען?

ר' אורי הלוי.

דאָס פרייליין רעדט ווי אַ קריסטען-נאָנע. מיר זיינען חלילה ניט קיין קנעכט צו אונזער גאָט. קנעכט זיינען די קריסטען נאָר צו זייער גאָט. מיר זיינען זיהן און זיינע טעכטער וואָס טוען זיין געבאָט.

טירּאַדאָ.

פרעמד זיינען אונז די וועגען פון אונזער אמונה און אונבע־קאַנט, לערן אונז ווי אַזוי גאָט צו בעטען.

ר׳ אורי הלוי.

ווילען דען די איידעלע הערצען צו אָרימע יודען עהנליך זיין?

טירּאַדאָ.

האָבען מיר דען ניט דערפאַר פּאָרטוגאַל פערלאָזען?

ר׳ אורי הלוי.

אָרימע, פערשעהמטע, קליינע יודען, מיט צובראָכענע גע־מיטהער און אַ צובראָכען הארץ?

טירּאַדאָ.

זיינען יודען איבעראַל אַזוי? לעבען יודען אומעטום אַזוי, אין אימה, אין פחד, פערשעהמטע און בעליידיגטע, אָהן מוטה און אָהן קראַפט?

ר׳ אורי הלוי.

דאָס הויז פון יעקב שטעהט פערלאָזט, און דאָס הויז פון ישראל איז פערשעמט.

טירּאַדאָ.

ווי לאַנג?

ר׳ אורי הלוי.

אַזוי איז דער ווילן פון גאָט, איידעלער הערר.

טירּאַדאָ.

אַז יודען זיינען אַזוי, ווילען מיר זיין ווי זיי, ווירדיגער רב.

פערערא.

ווי זיי, טירּאַדאָ? לעבען ווי קנעכט, מיט איינגעבויגענע רוקענס, מיט קנעכט־שער אימה אין די אויגען, מיט שטענ־דיגען מחילה־בעטען אויף די ליפּען—צו זיי זאָלען מיר עהנליך זיין, טירּאַדאָ?

טירּאַדאָ.

אַז יודען זיינען אַזוי, ווילען מיר זיין ווי זיי.

ר׳ אורי הלוי

הייבט אויף די הענד צום הימעל.

אָ, גאָט, זיי געלויבט, וואָס דו האָסט ניט אָבגעטהאָן דיין חסד פון זיי און ביזט געווען מיט זיי דורך אַלע יאָהרען פון לייד און פיין, און דערהאַלטען זיי ביז׳ן היינטיגען טאָג אַריין!—נעהמט צו דאָס גאָלד און זילבער און דאָס איידעלע געוועב, עס טראָצט דער רייכער גאָט מיט זיין גאָלד: דער אָרימאַן דיענט איהם מיט זיין אָרימקייט זיי נעהמען אחעק די קירכען־קליידער און דאס געוועב, דאס גאָלד און זילבער, און לעגען אב אן א זייט. טהוט אויס אַייערע קליידער מיט גאָלד געוועבט און לעגט אָב אייערע שווערדען מיט יואווועלען בעזעצט.

פעראָ.

די שווערד, וואָס בעגלייט האָט זי מיך פון מיין קינדהייט אָן, דער סימן פון מיין ריכטערליכקייט, אָבלעגען אָן אַ זייט?

ר׳ אורי הלוי.

עס בעציערט זיך דער מעכטיגער מיט זיין כלי־זיין: דער שוואַכער—מיט זיינע טרערען. טיראדא טוט דאס. די אנדערע נאך איהם. לעגט אייך אויף דר׳ערד אין אַש און שטויב, ווערט אונטערטהעניג צו גאָט. טיראדא טהוט דאס. די אנדערע נאך איהם. איך האָב אַן אַלטען ספר. ער נעהמט אן אלט ספר און מישט איהם אויף. זיינע פאַרמענט-בלעטער זיינען מיט טרערען בעפלעקט פון דורות וואָס האָבען אין איהם געבעטען. פון איהם וועל איך אייך אַ תפילה זאָגען, און זאָגט מיר נאָך וואָרט ביי וואָרט: שמע ישראל ה׳ אליהנו ה׳ אחד!

זיי זאגען איהם נאך, און פערבלייבען אויף דר׳ערד אין א לאנגע פויזע.

פאָרהאנג.

געשריבען אין 1919